STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06310

ERSHTE SHPROTSUNGEN

Leon Bernstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



לעאָן בערנשטיין אין זיין אַרבעטס־צימער. פאָטאָגראַפירט אין יאָר 1954.

לעאָן בערנשטיין

ערשטע שפּראָצונגען

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by:
L. BERNSTEIN (Paris - France)

איבערזעצט פון רוסישן אָריגינאַל: ע. ראַבקין

רעדאַקציע: ע. נאָוואָגרודזקי און מ. בערנשטיין

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

EDITORIAL "IDBUJ"

Bgne. Sur Mer 671 **T. E. 62 - 9596** **Buenos Aires**

לעאָן בערנשטיין

ערשטע שפּראָצונגען

(זכרונות)

פֿאַרלאַג ״יִדבוך״
ביי דער
״געזעלשאַפֿט פֿאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע״
בוענאָס-איירעס

1956

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL 25 DE SETIEMBRE DE 1956 EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS." CALLE GASCON 1231, BS. AS. (R. A.)

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיורא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס־איירעס

אינהאלט:

ביאָגראַפישע דאַטעס פון לייב (לעאָן) בערנשטיין — 7
בריוו פון איבערזעצער: ע. ראַבקין — 11
אַריינפיר: עמנואל נאָוואָגרודזקי — 13
„אַ מענטש" — 19
„אין די גאַסן צו די מאַסן" — 23
כאַנע ליפשיץ און זיין פרוי גוסטאַ — 37
„אונדזער אַלעקסאַנדער" — 49
מאַקס נאַדעל — 61
ליזע די שניידערקע און איר מאַן — אַלטער — 77
אברהם דער בערשטער און דער „בערשטער-בונד" — 91
דוד „טאַראַס" און דער צווייטער צוזאַמענפאַר פון „בונד" — 107
מאַיסיי דער איינבינדער און זלמן דער קעסטל-מאַכער — 129
מערע זשאַלודזקי און צביה די הענטשקע-מאַכערין — 143
„אברהם דער רעזשטשיק" און זיין אָפּאָזיציע — 151
לעאָן גאָלדמאַן — 161
קאַפּלינסקי... פּראָוואָקאַטאָר — 173
אַלעקסאַנדערס בריוו צו ל. בערנשטיינען — 195
נאָכוואָרט: מאַטווי — 221
זוכצעטל פון פּערזאָנען און ערטער — 227
בילדער

ביאָגראַפישע דאַטעס פון לייב (לעאָן) בערנשטיין

אויף דער אַנקעטע פון אַרכיוו פון „בונד" האָט ל. בערנשטיין צוגע־שיקט די וויכטיקסטע ביאָגראַפיע וועגן זיך (די נומערן באַדייטן די נו־מערן פון די פראַגעס אין דער אַנקעטע):

1. אין מיין מעטריקע, דאָס הייסט אין אַלע רוסישע אָפיציעלע פּאַפּירן, (פּאַספּאָרט, בילדונגס־אַטעסטאַטן, א"אַ) איז פאַרשריבן, אַז איך הייס חיים. אָבער פון זינט איך געדענק, אין דער היים, צווישן חברים און פּריוואַט, האָט מען מיר גערופן לייב און שפּעטער — לעאָן. מיין פאַמיליע־נאָמען איז בערנשטיין.
2. מיין איצטיקער אַדרעס איז פּאַריז. חוץ די יאָרן פון דער דייטשער נאַצישער אָקופּאַציע, ווען איך האָב זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן, וווין איך אין דער זעלביקער דירה, אין פּאַריז, זינט 1916.
3. איך בין געבוירן געוואָרן אין ווילנע, דעם 23סטן אָקטאָבער, 1877.
4. מיין פאָטערס נאָמען איז הירש, מיין מוטערס נאָמען איז רחל, פון דער היים — באַרעל.
5. דער פאָטער איז געווען אַ סוחר. ער האָט פאַרלאָזן מיין מוטער ווען איך בין געווען אַלט אַ האַלב יאָר. איך האָב אים מער קיינמאָל נישט געזען און איך ווייס וועגן אים זייער ווייניק. צוזאַמען מיט דער מו־טער און מיין שוועסטער האָבן מיר אַלע געוווינט ביי מיין זיידן, יאַנקל באַרעל, אַ סוחר און אַן אייגנטימער פון אַ יוועליר־פאַבריקל און געשעפט.
6. עטלעכע יאָר געלערנט אין חדר, נאָכהער — אין דער יידישער אָנפאַנג־שולע אין ווילנע. געענדיקט די שולע אין 1893. נאָכדעם קומט זעלבסט־בילדונג און אין 1902 בין איך אַ קורצע צייט געווען אַ סטודענט פון דעם אוניווערסיטעט אין ליאָן, פראַנקרייך. צוליב מאַטעריעלע אומ־שטענדן בין איך נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרענדיקן מיין בילדונג.
7. אין ווילנע און אין קאָוונע בין איך געווען אויף דער לערע ביי דענ־טיסטן און געאַרבעט ביי זיי ווי אַ צאָן־טעכניקער. איןביידע שטעט

געגעבן לעקציעס. פון די לעקציעס פלעג איך אויסהאַלטן זיך און מיין משפּחה (מיין ערשט קינד איז געבוירן געוואָרן אין 1904, אין ליאָן). אין דער שטאָט בין איך געווען אַ לערער פון רוסיש אויף די באַרימטע בערליץ־שפּראַך־קורסן. אַ געוויסע צייט בין איך געווען דער פאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי אין זשענעוו, וואָס האָט געהערט צו דעם פאַרבאַנד פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (אין די יאָרן 1900 און 1901).

פון 1904 בין איך געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט, אָבער שוין פאַר דער צייט האָב איך זיך געדרוקט אין יידישע און רוסישע אומלעגאַלע אויסגאַבעס.

8. איך בין געווען אַ מיטגליד פון „בונד" און פון פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. פון 1906 בין איך נישט אָנגעשלאָסן אין קיין איין פּאָליטישער גרופּירונג. אין די יאָרן פון 1901 ביז 1906, פריער אין ליאָן און נאָכער אין פּאַריז, האָב איך אויך געהערט צו דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איך בין אויך געווען אַ מיטגליד אין פאַרשידענע געזעלשאַפטן פון זשורנאַליסטן אין פראַנקרייך.

9—10 אין ווילנע, אָנהייבנדיק פון יאָר 1894, האָב איך אָנטייל גענומען אין די „קרייזלעך" און זיך אָנגעשלאָסן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג בעת איר קרייזל־פּעריאָד. צווישן די, וואָס האָבן מיך דערנענטערט צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג קען איך אָנרופן מאַקס נאַדעל, אַן אַרבעטער. מיין באַקאַנטשאַפט מיט די אינטעליגענטן וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג, איז געקומען שפּעטער.

11. אין ווילנע האָבן אַלע מיטגלידער פון דער באַוועגונג, אַרבעטער און אינטעליגענטן, מיך גערופן „לעאָנטשיק". אין קאָוונע האָט מען מיך אויך אַזוי גערופן. מען האָט מיך אויך גערופן „טאַדרעס". דעם נאָמען האָט מען באַנוצט צווישן די ברערשטער און פאַר מיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פאַר די קאָוונער אַרבעטער.

12. איך האָב געלעבט אין ווילנע, קאָוונע און אָנהייבנדיק פון יאָר 1900, אין זשענעוו, פּאַריז און ליאָן.

13. נישט זייענדיק קיין אַרבעטער, האָב איך אַליין קיינמאָל נישט געשטרייקט. אָבער אין קאָוונע איז מיר אויסגעקומען אָנצופירן מיט שטרייקן. זיך אָפּטמאָל באַטייליקט אין דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַציעס.

14. ענדע 1896 געווען אַרעסטירט אין קאָוונע. מען האָט מיך געברענגט קיין ווילנע און געמשפּט פאַר אַנטי־מלוכהשער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער.

15. אין ווילנע בין איך געזעסן אין אַן איינצל־קאַמער, אין טורמע וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען — דער 14טער נומער, נאָכער אין דער

לוקישקי טורמע, צוזאַמען 6 אָדער 7 מאַנאַטן. נאָכער האָט מען מיך מיטן עטאַפּ אָפּגעשיקט קיין קאָוונע, וווּ איך בין געווען אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי אַן ערך 6 מאַנאַטן ביז דעם משפּט. מען האָט מיך פאַרמשפּט אויף אָנדערטהאַלבן יאָר פּאָליציי־אויפזיכט אין קאָוונע. צוזאַמען בין איך געזעסן אין טורמע און אונטער פּאָליציי־אויפזיכט 2 מיט אַ האַלבן יאָר.

16. געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין קאָוונע און פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בערשטער־בונד". ווען איך בין אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד בין איך געווען דער פאַרוואַלטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דרוקעריי.

17. געווען אַ מיטאַרבעטער אין יידישע און רוסישע אומלעגאַלע אויס־גאַבעס, וואָס זענען דערשינען אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. צוזאַמען מיט דעם בערשטער־אַרבעטער אברהם אַלעקסאַנדריסקי, דעם פירער פון די בערשטער, האָב איך געגרינדעט די צייטונג פון די בערשטער, דעם אומלעגאַלן „דער וועקער". דער ערשטער נומער פון דער צייטונג, געדרוקט אין אויסלאַנד, איז דערשינען אין 1897.

מיינע אַרטיקלען אין „דער וועקער" זענען — אין נומער 1: „אונ־דזערע אויפגאַבן", מאַניפעסט פון די בערשטער און וועגן די לעצטע אַרעסטן. אין נומער 2: וועגן די פאַרמיטלער, ציוניזם און סאָציאַליזם. נומער 3: וועגן די לעצטע שטרייקן. אין „אַרבעטער שטימע", נומער 26 איז אָפּגעדרוקט מיין אַרטיקל „דער צאַר אין פראַנקרייך". אין „יידישן אַרבעטער" האָבן זיך באַוויזן פאָלגנדיקע מיינע אַרטיקלען: אין נומער 12: „פאָלקסבילדונג און די צאַרישע רעגירונג"; נומער 14: „די רעגירונג פון וואַלדעק רוסאָ" און „די לעצטע וואַלן אין פראַנקרייך"; אין נומער 15: „דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט קעגן דער עקספּלו־אַטאַציע פון אַרבעט"; אין נומער 17: „די רעגירונג און דער מיניס־טאַרישער סאָציאַליזם אין פראַנקרייך".

איך פלעג אונטערשרייבן מיינע אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען 'לאַ־קאַ". דער פּסעוודאָנים האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אַלעקסאַנ־דער קרעמער האָט מיך גערופן לעאַנקאַ. צוליב מיין דרך־ארץ און ליבע צו אים פלעג איך אַזוי אויך אונטערשרייבן מיינע אַרטיקלען אין די אומלעגאַלע רוסישע זשורנאַלן. דער מאַניפעסט פון די בערשטער, וואָס איך האָב צוזאַמענגעשטעלט, איז אַרויס אויף יידיש ווי אַ באַ־זונדערע בראָשור און נאָכער איבערגעדרוקט געוואָרן אויף רוסיש.

אין שייכות מיט מיין אָנטייל אין „בונד" וויל איך נאָך צוגעבן, אַז איך האָב אָפּגעדרוקט קאָרעספּאָנדענצן וועגן דער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג אין אַ גאַנצע רייע רוסישע און אויסלענדישע זשורנאַלן. אין אַפּריל 1905 האָב איך אין דעם פראַנצויזישן סאָציאַליסטישן זשור־נאַל „מוווּמאָן סאָציאַליסט", אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל „לע בונד". דער אַרטיקל איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויף דייטש און אויף

ענגליש. דער ניו־יאָרקער „דער וואָרקער" האָט אָפּגעדרוקט דעם אַר־טיקל און אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע בראָשור אונטערן נאָמען „דער בונד", געדרוקט ביי דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון דעם „בונד" אין אַמעריקע.

18. פון מיין בונדישער טעטיקייט וויל איִם אָנווייזן, פאַר מיר, אַ פּאָר וויכטיקע מאָמענטן:

א. דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין 1898 (נאָך זובאַטאָווס אַרעסטן), איז פאָרגעקומען ביי מיר אין דירה און איך האָבן גענומען אין אים דעם אַקטיווסטן אָנטייל, הגם איך בין דעמאָלט געווען אין קאָוונע אונטער דער אויסזיכט פון דער פּאָליציי;

ב. איך האָב שוין דערמאָנט מיין ראָל אין גריבדן דעם „בערשטער־בונד" און אַרויסגעבן די צייטונג „דער וועקער". אין 1900, אין פּאַריז, האָב איך באַקומען אַ מאַנדאַט פון דעם „בערשטער־בונד" זיך צו באַטייליקן ווי אַ מיטגליד פון דער בונדישער דעלעגאַציע אין דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. בעת איך בין געווען אין זשענעוו אין 1901, האָב איך צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדער קרעמער געשאַפן אַ בונדישע גרופּע. אין ליאָן אין 1902—1905 — געשאַפן אַ הילפס־גרופּע פאַרן „בונד". אין 1942—1944, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אומלעגאַלער רעסיסטענץ־באַוועגונג אין פראַנקרייך.

19. בונדיסטן וואָס איך האָב געקענט נאָענט זענען: אַלעקסאַנדער קרע־מער, דוד קאַץ (טאַראַס), אברהם אַלעקסאַנדריסקי, ליזע די שניידער־קע, מאַקס נאדעל און זיין פרוי ראָזע, מאַרק ווילטער און זיין פרוי שפרה, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, גלעב מוטניק, ט. קאָפּעלסאָן, פראַנץ קורסקי, זעלדאָוו און זיין פרוי טייבעלע, פּאָטי, די פרוי פון אַרקאַדי קרעמער, אַ. ווייטער, מ. גאָלדמאַן (ליבער) און אַנדערע.

טייערער חבר עמנואל!

דער מזל האָט מיר צוגעשפּילט ווען איר האָט מיר צוגעטיילט די אויפגאַבע צו איבערזעצן די אַרבעט פון חבר בערנשטיין. איך גלויב אַז זיינע דערינערונגען וועגן טייל פון די „דרייצן" הערלעכע. אָדער — זאָל איך זאָגן — לעגענדאַרע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד, אויף דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר אין 1897, איז אַן אינפאָרמאַציע־אוצר וועגן די ערשטע שפּראָצונגען פון אונדזער באַוועגונג און אַ דערפרישונג. איך גלויב, אַז אַ סך חברים וואָס האָבן, ווי איך, זיך אויפגעהאָדעוועט אין „בונד", ווו מיר האָבן געקראָגן די דערציִונג וועלכע האָט אונדז דערמעגלעכט צו מאַכן אַ באַשיידענעם ביישטייער צו דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, וועלן דאַנקבאַר זיי דעם חבר בערנשטיין פאַר דער באַשרייבונג פון די מענטשן וואָס זענען געשטאַנען ביי דער וויגעלע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און ווי זיי האָבן זי געבויט. פאַר דעם יינגערן דור חברים וועלן זיינע דערינערונגען אויך זיין פון גרויס אינטערעס. זיי וועלן זיך באַקאַנען מיט אַ בלאַט בונדישע געשיכטע, וואָס איז פאַר אַ סך פון זיי אומבאַקאַנט, און מיט עפּיזאָדן אין דער דאָזיקער געשיכטע, וואָס וועלן זיי דערמוטיקן פאָרצוזעצן די אַרבעט און העלפן דערפילן די מיסיע וואָס יענע פּיאָנערן, און זייערע שפּעטערדיקע נאָכפאָלגער, האָבן גענומען אויף זיך און איבערגעלאָזן אַלס ירושה פאַר אונדז.

איך גלויב אַז אויך פאַר היסטאָריקער, וואָס וועלן זיך אונטערנעמען צו פאָרשן די געשיכטע פון „בונד", וועט חבר בערנשטיינס אַרבעט אַ רעזולטאַט פון זיין מערקווירדיקן זכרון, האָבן אַ גרױ־

סע באַדייטונג. אַט, למשל, די געשיכטע ווי אַזוי בורצעוו האָט פעסטגעשטעלט אַז ישראל־מיכל קאַפּלינסקי איז געווען אַ פּראָוואָ־קאַטאָר, אָדער וואָס די „אָפּאָזיציע" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, מיט וואָס זי האָט זיך טאַקטיש און אידעאָלאָגיש פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט די „אינטעליגענטן־פירער" און איר קעגנערשאַפט צו דער „נייער טאַקטיק" (מאַסן־אַגיטאַציע); ווער איז געווען דער פירער פון דער „אָפּאָזיציע" און ווי אַזוי זי איז זיך צעפאַלן, איז, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, אין ערגעץ נישט באַשריבן געוואָרן, — געוויס נישט אַזוי ווי דאָס טוט פאַר אונדז דער חבר בערנשטיין. אַפילו אונדזער אומפאַרגעסלעכער ב. מיכאַלעוויטש האָט די „אָפּאָזיציע" און איר פירער, אברהם גאָרדאָן, דערמאָנט בלויז פאַרבײַגייענדיק, אַזוי־צו־זאָגן, אין זיין אַרטיקל „ערב בונד" אין דעם „רויטער פנקס", ערשטער העפט. פון דעם חבר בערנשטיין דערוויסן מיר זיך אויך וויפל און ווער עס זענען געווען די אַרבעטער און אַרבעטערינס אין דער גרופּע „דרייצן" אויף דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר, ד"ה, אַז די „אינטעליגענטן" און אַרבעטער האָבן אַ גלייכן פאַרדינסט אין דער גרינדונג פון „בונד" אַזוי גוט ווי אין זיינע פאַרדינסטן, במשך פון די צענדליקער יאָרן פון זיין עקזיסטענץ.

כאָטש די איבערזעצונג האָט ביי מיר אַוועקגענומען אַ היפּש ביסל צייט, בין איך אייך אָבער דאַנקבאַר פאַרן „צושאַרן" מיר די אַרבעט. עס האָט מיר זייער אינטערעסירט וואָס חבר בערנשטיין האָט געהאַט צו דערציילן וועגן דער געשיכטע פון „בונד" אין זיין פאָרמאַטיוון פּעריאָד און וואָס ער האָט פאַראייביקט דעם אָנדענק פון אַ פּלעיאַדע בונדישע פּיאָנערן־פירער, וואָס פאַרדינען דעם גרעסטן כבוד וואָס מיר קענען געבן זייער אָנדענק. איך בין זיכער, אַז די מיטגלידער פון דער בונדישער משפחה און אויך אַנדערע, וועלן לייענען חבר בערנשטיינס דערינערונגען מיט פאַרדינטן אינטערעס.

מיט חברשן גרוס אייער

ע. ראַבקין

ניו־יאָרק — 6טן יולי, 1956.

אַרייַנפיר

בעת איך האָב באַקומען אַ בריוו פון לייב בערנשטיין, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקאַנט אין פּאַריז, אַז ער בעט מיר אָנשרייבן אַן הקדמה צו זיינע זכרונות וועגן די ערשטע יאָרן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד, האָב איך אים גלייך געגעבן מיין הסכם. איצט דערפיל איך מיין צוזאָג.

מאַי איז אַ וווּנדערבאַרע צייט אין פּאַריז. די וועלט־שטאָט פון אונדזערע יונגע רעוואָלוציאָנערע טרוימען איז גרין, לופטיק און ווי אַ באַנייטע, אַן אויסגע־צוואָגענע. ס'איז אַ פאַרגעניגן צו שפּאַצירן איבער די גאַסן, אַוועקזעצן זיך אין אַ קאַפע, וואָס געפינט זיך אויף אַ טראָטואַר, נישט טראַכטן מער וועגן פליכטן און אויפגאַבעס. אין איינעם אַזאַ הערלעכן פּאַריזער פרימאָרגן איז געקומען צו מיר אין האָטעל דער חבר ש., כדי מיר אַוועקצופירן צו אַן אַלטן בונדיסט, איינעם פון די פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכן איך האָב ביז דעמאָלט נישט געקענט.

ס'איז געווען דאָס יאָר 1954. לייב בערנשטיין איז שוין דעמאָלט אַלט געווען 77 יאָר. איך האָב אָנגעקלונגען אין דער טיר פון זיין דירה און בשעת־מעשה געטראַכט, ווי זעט ער אויס דער לייב בערנשטיין, וואָס איז נאָך געווען אין איין קרייזל מיט אַרקאַדי קרעמער?

אַן עלטערער מאַן, אַ שלאָפּראָק, מיט גרויע האָר, אָבער יונגע בלויע אויגן, האָט געעפנט די טיר. חבר ש. האָט מיר פאָרגעשטעלט אין פראַנצויזיש. לייב בערנשטיין האָט מיר באַגריסט אין רוסיש, אַריינגעפירט אין זיין קאַבינעט, ווו שאַפעס מיט ביכער זענען געשטאַנען אַרום אַלע ווענט. און אויף רוסיש זיך געווענדט צו זיין פרוי, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ צווייטן צימער, אַז זי זאָל צוגרייטן טיי.

לייב בערנשטיין האָט געהערט, אַז איך רעד זיך אַדורך מיטן חבר ש. אויף יידיש. אויך ער איז אַריבער אויף מאַמע־לשון און איך בין נתפּעל געוואָרן, וואָס

פאַר אַ קערנדיקן, געשמאַקן ייִדיש ער רעדט. ביים טיי־טרינקען האָב איך זיך באַ־קאַנט מיט זיין פרוי, אַ געוועזענע זינגערין אָדער טענצערין. לויט דעם אַלטן רוסישן מנהג, האָבן די בערנשטיינס אין פאַריז געטרונקען טיי נאָך פאַר דעם אָנבייסן. מיר האָבן אַ פּאָר שעה גערעדט וועגן אַמאָל און וועגן היינט, וועגן געמיינזאַמע פריינט און באַקאַנטע און — וועגן וואָס נישט... בעתן געשפרעך איז טאַקע געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אַרויסצוגעבן די זכרונות פון לייב בערנשטיין, וועגן זיינע ערשטע יאָרן אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. ס׳איז אים אָבער געווען שווער אַריינצופּאַסן דאָס שרייבן די זכרונות אין זיין אַרבעטס־פּלאַן, מיט וועלכן ער האָט מיר באַקאַנט.

לייב בערנשטיין איז גראָד געווען פאַרנומען מיט אַ געשיכטלעכער אַרבעט אין פראַנצויזיש וועגן די העלדן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אים אָנגעשטעלט אין די מלוכה־אַרכיוון, כדי ער זאָל האָבן אַ צוטריט צו די מאַטעריאַלן, וואָס זענען שוין באַדעקט מיט שטויב פון יאָרהונדערטער.

פאַרן אָפּפאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק, האָב איך אים נאָך אַ פּאָר מאָל געטראָפן. מיר פלעגן זיך שוין באַגעגענען ווי אַלטע פריינט, וואָס קענען זיך פון קדמונים. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ל. ב. האָט געגעבן אַ וואָרט אַרקאַדי קרעמערן אָנצו־שרייבן זיינע זכרונות און איז צופרידן, וואָס ער וועט ענדלעך דערפילן זיין צוזאָג...

***

לייב בערנשטיינס זכרונות טראָגן אונדז אַריבער אין דער וואונדערלעכער אַטמאָספער פון דעם בראשית פון אונדזער באַוועגונג. לייענענדיק זיינע שילדע־רונגען פון געשטאַלטן און פון עפּיזאָדן פון אונדזער ווייטן אַמאָל, אָטעמען מיר מיט דער אייגנאַרטיקער לופט פון יענע יאָרן, וואָס זענען געווען פול מיט העלדנ־מוט, מיט טיפן גלויבן, מיט רעליגיעזער פאַרליבטקייט אין גערעכטיקייט און סאָציאַליזם. מיר לעבן ווידער אין דער אַטמאָספער פון קאָנספּיראַציע, פון סודות־פולער זאַכלעכקייט, פון אַ ראָמאַנטישן געשיכטלעכן רעאַליזם, וואָס האָט געקענט פאַרשיכורן ווי יונגער ווייַן. דער סוד פון אַזאַ טראַנספאָרמאַציע ליגט, קודם־כל, אין מחברס פערזענלעכקייט.

פון די ערשטע זיינע טריט איז דער „בונד" געווען נישט סתם דעמאָקראַטיש, נאָר עכט־פאָלקסטימלעך. דער „בונד" איז געווען נישט אַ באַוועגונג פאַר דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, נאָר אַ באַוועגונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון פאָלק גופא, וואָס איז דורך אים אויסגעטראָטן און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן. ס׳איז אָבער געווען

אומפאַרמידלעך, אַז אויך אין „בונד" זאָל עקזיסטירן אַ געוויסע פּאַרטיילונג אויף אינטעליגענטן און אַרבעטער, זינט די קינדער־יאָרן פון דער באַוועגונג, זינט די באַוועגונג האָט זיך פאַרמירט, האָט באַקומען איר פּנים, איר אייגנאַרטיקן געמיט.

אָבער די אינטעליגענטן אין „בונד" זענען געווען פון צוויי מינים:

עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן מיט אַלע כּוחות זיך באַמיִען צו זיין נאָענט צו דער בונדישער אַרבעטער־מאַסע, וואָס פלעגן טראָגן אויף זיך, ווי אַ יום־טובדיקע קאַפּאָטע, זייער פאַלקסטימלעכקייט. פון דעסטוועגן האָט דער אַר־בעטס־מענטש, דער בונדיסט, געפילט אַ מחיצה צווישן אים און דעם אינטעלי־גענט, אַ וואַנט וואָס פלעגט אים שטערן צו זיין מיט אים אַזוי נאָענט און אינטים, אַזוי אָפנהערציק און אומגעשטערט, ווי די קאָנספּיראַציע, ווי די געמיינזאַמע סכּנה און דער געמיינזאַמער קאַמף האָבן געפאָדערט. די מחיצה האָט נישט גע־שטערט, אַז ער זאָל האָבן צו דעם אינטעליגענט אַבסאָלוטן צוטרוי און דרך־ארץ. עס האָט אָבער געפעלט אינטימקייט, אַ געוויסע וואַרעמקייט, וואָס לאָזט זיך נישט דעפינירן. עס זענען געווען אַנדערע אינטעליגענטן אין „בונד", וואָס האָבן פאַר־מאָגט נישט ווייניקער וויסן און געניאַסן פון נישט קיין קלענערע אויטאָריטעט אין דער באַוועגונג ווי די פריִער דערמאָנטע. אָבער זיי האָבן קיינמאָל זיך נישט באַמיט צו זיין נאָענט און אינטים מיט דעם בונדישן עולם. זיי האָבן קיינמאָל נישט געענדערט דעם טאָן אָדער דעם סטיל פון זייער רעדן. זיי זענען געווען מיט אים נאָענט — נאַטירלעך. יעדער בונדיסט האָט זיך געפילט אין דער אָנוועזנהייט פון אַזאַ אינטעליגענט היימיש און זיך נישט קרעמפּירט אַרויסצוברענגען זיינע איב־טימסטע געדאַנקען. ער פלעגט מיט אים נישט נאָר רעדן וועגן דער באַוועגונג, נאָר אויך פאַרברענגען, לעבן צוזאַמען. ער פלעגט צו אים קומען נישט נאָר כּדי צו נעמען אַן אומלעגאַלע בראָשור אָדער אויסבייטן אַ בוך, נאָר אויך כּדי זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, אַמאָל עסן צוזאַמען, אַמאָל אויך בלייבן נעכטיקן. וועגן אַזעלכע אינטעליגענטן פלעגט דער בונדישער עולם זאָגן, אַז ער איז אַן „אונדזער־ריקער". דאָס איז דעמאָלט געווען דער גרעסטער לויב פאַר אַן אינטעליגענט, אַ פירער פון „בונד".

לייב בערנשטיין, דער אינטעליגענט, האָט טאַקע געהערט צו יענע טוער פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָבן זיך אויף אַ נאַטירלעכן, פּשוטן אופן צוזאַמענגעלעבט מיט דער בונדישער אַרבעטער־מאַסע, וועמען דער בונדי־שער עולם האָט שטענדיק געהאַלטן פאַר אַן „אונדזעריקן". מיט 60 יאָר שפּעטער, בעת ער שרייבט זיינע זכרונות וועגן יענע יאָרן, פילט איר נאָך זיין אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט, זיין פאַרקניפּטקייט מיט דעם לעבנס־שטייגער פון יענעם ייִדישן אַרבעט־מענטש, וואָס האָט דעמאָלט דערוואַכט און אָנגעהויבן צו קעמפן פאַר

סאָציאַלן יושר. איך מיין, אַז די צויבער־קראַפט פון ל. בערנשטיינס זכרונות איז אַ רעזולטאַט פון דער אייגנשאַפט.

**
*

אַ הקדמה איז אַ גוטע געלעגנהייט נישט צו האַלטן זיך שטרענג ביי דער טעמע. קיינער קען נישט האָבן טענות צוליב זייטן־שפּרונגען. איך פיל אַ נויט־ווענדיקייט צו דערמאָנען וועגן נחן, בעת איך האָב באַרירט די טעמע וועגן אינ־טעליגענטן אין „בונד״.

נח איז געווען אַן אייגנאַרטיקע, אַ מערקווירדיקע געשטאַלט פון אַ פירער, וואָס אַ וואַקסנדיקע באַוועגונג מיט אַן אומגעהויערער געפיל פאַר מאָראַל האָט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַוועקגעשטעלט בראש פון אירע פאַרויסגייענדיקע באַטאַליאָ־נען. נח האָט נישט געהערט נישט צו דעם ערשטן און נישט צו דעם צווייטן מין אינטעליגענטן, אָדער, ער האָט געהערט אי צו דעם ערשטן, אי צו דעם צווייטן. יעדער בונדיסט האָט געהאַט פאַר אים דעם גרעסטן דרך־ארץ, אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט ער געפילט, אַז ער איז אַ טייל פון אים, אַז ער איז איינס מיט אים, אַז ער איז אין דעם בעסטן זין פון וואָרט אַן „אונדזעריקער״. נח איז אויסערלעך געווען זייער מאָיעסטעטיש. אָבער ס׳איז גענוג געווען צו רעדן מיט נחן אַ פּאָר מינוט, כדי צו דערפילן זיין פּשטות, זיין טיף־איינגעבאַקענע פאָלקס־טימלעכקייט. זיין אופן פון באַנעמען אַן ענין, זיינע גלייך־ווערטלעך, זיינע וויצן, זענען געווען אַ סינטעז פון אַ פאָלק־מענטש און אַן אינטעלעקטואַל, אָדער, ווי מען פלעגט דעמאָלט זאָגן — אַן אינטעליגענט. אַזאַ אייגנאַרטיקע קאָמפּאָזיציע פוןביידע אייגנשאַפטן האָט געשאַפן אַ וווּנדערלעכן חן, וואָס האָט באַצויבערט יעדערן, וואָס איז געקומען אין באַרירונג מיט נחן. ס׳איז אינטערעסאַנט, וואָס נישט נאָר געציילטע מבינים, נאָר יעדער בונדיסט, וואָס פלעגט זיך טרעפן מיט נחן, האָט געפילט נחס אייגנאַרטיקייט.

די פּאַרטיי־מאַסע האָט געפילט בחוש נחס נאָענטקייט צו איר, נחס פאָלקס־טימלעכקייט. אויב עס קען זיין אַזאַ מין אייגנשאַפט ווי אַ פאָלקסטימלעכע אַריסטאָ־קראַטישקייט, האָט איר אין דער פולער מאָס פאַרמאָגט נח. ער איז געווען דער איינציקער אין „בונד״, וואָס האָט פערזאָניפיצירט אין איין גייסטיקער געשטאַלט ביידע טיפּן אינטעליגענטן, וואָס די באַוועגונג האָט פאַרמאָגט. קיין שום פירער פון „בונד״ פאַר נחן, בעת נחס לעבן און נאָך נחן, האָט נישט אַרויסגערופן צו זיך אַזאַ באַציִונג און נישט געהאַט אַזוי פיל אָנהענגער און חסידים צווישן אַלע שיכטן פון דער בונדישער מאַסן־באַוועגונג ווי נח. דער „בונד״ האָט געהאַט בעסערע



לעאָן בערנשטיין אין יאָר 1900.

רעדנער און בעסערע שריפטשטעלער ווי נח, אפשר אויך נישט קיין ערגערע אָר־גאַניזאַטאָרן. דער „בונד״ האָט אָבער נישט געהאַט קיין צווייטן נח.

***

כדי צו באַרייכערן אונדזער מעמואַרן־ליטעראַטור מיט אַזאַ בוך ווי ל. בערנ־שטיינס „ערשטע שפּראַצונגען״, איז געווען וויכטיק צו פאַרמאָגן אַן אויסגעצייכנטן זכרון. ס׳איז נויטיק געווען אויך אַן אויג פאַר לעבנסשטייגערישע פּרטים און אַ וואַרעם האַרץ, וואָס זאָל פילן נישט נאָר דעם ריטם פון דער וואַקסנדיקער באַ־וועגונג, נאָר אויך דערפילן דעם יחיד אין דעם גרויסן מאַסן־שטראָם, דעם איינצל־נעם מיט זיינעליידן און פרייען, מיט זיינע וואָכעדיקע און יום־טובדיקע איבער־לעבונגען. לייב בערנשטיין פאַרמאָגט די אַלע איינגנשאַפטן און אַדאַנק זיי, האָט ער באַוויזן אונדז אַריבערצוטראָגן אין יענע ווייטע צייטן. ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז געוויסע געשיכטע־שרייבער, וואָס זענען מקפּיד אויף יעדער היסטאָרישער נקודה, וועלן אונדז באַווייזן, אַז אַ נאָמען אָדער אַ דאַטע איז דורך דעם מחבר נישט ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן. כ׳לייקן נישט די נויטיקייט פון פּינקטלעכקייט. אָבער פאַר דעם געשיכטע־שרייבער, וואָס פאַרשטייט אָפּצושאַצן ערנסטע, גרויסע דערשיינונגען, איז זייער וויכטיק די אַטמאָספער פון יענע יאָרן, ווען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך געגומען פאַרמירן, דאָס געמיט פון דער באַוועגונג, וואָס ווערט מיט אַזאַ ליבע און וואַרעמקייט געשילדערט דורך ל. בערנשטיין.

אין דער אַנקעטע פון דעם „בונד״־אַרכיוו פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אויפן נאָמען פון פראַנץ קורסקי שרייבט לייב בערנשטיין, אַז אין ווילנע האָבן די אַנטיילנעמער פון דער באַוועגונג, אַרבעטער און אינטעליגענטן, קיינמאָל אים נישט גערופן לייב אָדער לעאָן. זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „לעאָנטשיק״, כדי אויסצודריקן זייער סענטימענט, זייער וואַרעמע באַציונג צו אים.

בעת איך בין אין 1954 געקומען פון פּאַריז צוריק קיין ניו־יאָרק און דער־ציילט רפאל אַבראַמאָוויטשן וועגן מיין באַגעגעניש מיט ל. בערנשטיינען, האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט: „אָ, אונדזער ׳לעאָנטשיק׳..!״ דער סענטימענט פון אַמאָל איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַ האַלבער יאָרהונדערט האָט אים נישט פאַרווישט.

***

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער שפּראַך פון די „ערשטע שפּראַצונגען״. ל. בערנשטיין האָט אונדז צוגעשיקט זיין כתב־יד אין רוסיש. די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן דורך חבר ע. ראַבקין, אַן אַלטער איבערגעגעבענער בונדיסט,

וואָס האָט אַליין זיך געטראָפן מיט אַ סך פון די געשטאַלטן, וועגן וועלכע ל. בערנשטיין דערציילט אונדז. ס׳איז לייכט צו באַמערקן, אַז געוויסן אויסדרוקן און ווערטער זענען נישט קיין היינטצייטיקע. אָבער די רעדאַקציע האָט זיי נישט געענדערט, ווייל זיי באַצירן דעם קערנדיקן ייִדיש פון איבערזעצער מיט דעם חן פון אַמאָל, וואָס איז טאַקע אין הסכם מיט די זכרונות.

עמנואל נאָוואָגרודזקי

„אַ מענטש“

מאַקסים גאָרקי האָט געשריבן: „מענטש, ווי פּרעכטיק און שטאָלץ דאָס וואָרט קלינגט“.

גאָרקי אַליין איז געוואָרן אַ „מענטש“, נאָך ביטערע אַנטוישונגען און שווערע איבערלעבונגען. ער האָט אונדז דערציילט וועגן די פּיינפולע עטאַפּן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, אויף זיין וועג צו „מענטש“.

אונדזערע אַרבעטער האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז „מענטש“ קלינגט פּרעכטיק און שטאָלץ. זיי האָבן באַגריפן דעם פולן באַדייט פון זיין אַ „מענטש“, שוין ביים באַגינען, ביי די ערשטע טריט פון דער באַוועגונג, וועלכער איז באַשערט געווען אויסצוּוואַקסן אין דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער „בונד“. עס איז עד־היום פאַר מיר אַ רעטעניש ווי אַזוי דער אמתער באַגריף פון מענטש איז אַזוי שנעל געוואָרן אַ טייל פון זייער לעבן, איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט געוואָרן אין זייער נשמה.

„דו וועסט ווערן אַ מענטש“, „דו מוזט זיין אַ מענטש“ האָבן „אונדזערע“ געטענהט צו די, מיט וועלכע זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט. דער רוף צו ווערן אַ מענטש האָט אויסגעאיבט אַ גרעסערע ווירקונג ווי די איבערצייגנדיקסטע רופן צום קאַמף. די ווערטער „דו וועסט ווערן אַ מענטש“, האָבן ביי זיי געפונען אַן אָפּקלאַנג, האָבן געוועקט און באַגייסטערט. אַפילו דער „מאַסאָוועֶר“ אַרבעטער האָט געפילט, אַז ביז איצט איז ער נישט געווען קיין „מענטש“, אין יענעם זין, אין וועלכן מיר האָבן דעם באַגריף אָנגעהויבן צו באַנוצן אונטער דער וויר־קונג פון די נייע אידייען. „ווערן אַ מענטש“ האָט באַדייט אָנהייבן אַ נייע גייסטיקע און עטישע עקזיסטענץ. טאָקע די זעלביקע מלאכה ווי פריער, די זעלבע פאַבריק אָדער דער זעלביקער געשעפט, דער זעלביקער הונגער־לעבן, ווייל אויך די

פֿאַרדינסטן האָבן זיך נאָך דעמאָלט אַ סך נישט געענדערט. פֿון דעסטוועגן האָט דער אַרבעטער געפֿילט, אַז ער איז שוין נישט דער זעלביקער. ער איז געוואָרן אַ „מענטש". אַזוי האָט ער גערעדט און געדענקט וועגן זיך און וועגן זיינע חברים, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט דעם זעלביקן וועג און זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג. „ווערן אַ מענטש" האָט באַדייט אַן אויסצייכענונג, האָט באַדייט זיין אַנדערש פֿון די אַלע נישט אַנטוויקלטע, נישט באַוווּסטזיניקע, וואָס זענען נאָך נישט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג.

ווי אַזוי איז אַזאַ שטאָלצער באַגריף געבוירן געוואָרן? אויף דער פֿראַגע וועל איך פּרובירן צו געבן אַן ענטפֿער.

נישט געקוקט אויף די שווערע לעבנס־באַדינגונגען, דער רעכטלאָזיקייט, די הפֿקרות פֿון דער מלוכה־מאַכט, דעם טעראָר פֿון דעם קלענסטן פּאָליציאַנט ביז דעם העכסטן רעגירונג־באַאַמטן, להכעיס יענע קריסטלעכע שכנים, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט פֿאַראַכטונג, האָבן ייִדן שטענדיק זיך אַליין באַטראַכט פֿאַר מענטשן, אַפֿילו פֿאַר אויסדערוויילטע מענטשן, אָבער נאָר אין זייער אייגענער סביבה, פּנים־על־פּנים מיט זייער אייגענעם רבונו־של־עולם, אין זייער אייגענעם בית־המדרש.

עס באַפֿאַלט מיך נאָך היינט אַ שרעק ווען איך דערמאָן זיך ווי מיין זיידע פֿלעגט זיך בייגן אין דרייען און קושן די האַנט פֿון די „וועלמאָזשנע פּאַנעס", די טיטולירטע פּאַליאַקן, וואָס זענען געווען צווישן זיינע קונדן. מיין זיידע איז געווען אַן אָנגעזעענער, געאַכטער, בכבודיקער אַלטער מאַן, מיט גרויע האָר, אַ ייִד, וואָס האָט דערפֿילט זיינע פֿליכטן לגבי גאָט און לגבי מענטשן. אים איז נישט געווען דערווידער זיין דערנידערונג, עס איז געווען אַ טייל פֿון „מסחר". עס איז אַ טרויעריקער פֿאַקט, אַז אַפֿילו אין אונדזער ווילנע, וואָס האָט געשמט ווי אַ גרויסער ייִדישער קולטור־צענטער, האָבן ייִדן נישט פּראָטעסטירט קעגן די דערנידערונגען מצד קריסטן און מצד דער רעגירונג. זיי האָבן געציטערט פֿאַר יעדן „טשינאָווניק". יעדער פּאָליציאַנט און באַאַמטער האָט זיי באַהאַנדלט ווי מינדערווערטיקע מענטשן און ייִדן פֿלעגן אַראָפּשלינגען אַלע באַליידיקונגען. אפֿשר זענען געווען געציילטע אויסנאַמען. גבירים האָבן געקענט קויפֿן פֿאַר געלט פּריווילעגיעס, וואָס דאָס געזעץ האָט זיי נישט געגעבן. אָבער די איבערוועגנדיקע מערהייט, וואָס האָט נישט געהאַט גענוג אַפֿילו פֿאַר אַ הונגער־לעבן, האָט דערשטיקט אין זיך דאָס געפֿיל פֿון מענטשן־ווירדע.

עס איז אָבער געווען אַ קליינע צאָל ייִדישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן

איינגעזאַפּט אין זיך אייראָפּעיִשע קולטור און צוזאַמען דערמיט געוויסע רעוואָ־לוציאָנערע שטימונגען. דאָס רוב פון זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט ליבעראַלע פּראָפעסיעס, וואָס האָט זיי באַפרייט פון נויט און דערמעגלעכט בעסער צו לעבן. אַ סך פון זיי האָבן זיך דערווייטערט פון יידיש לעבן און פאַרלאָזט די יידישע גאַס. „אונטן" אָבער איז געווען נאָך אַ שיכט, וואָס האָט נישט אַראָפּגעשלונגען באַליידיקונגען: יחידים מיט שטאַרקע פויסטן, פיזיש געזונטע אַרבעטער, ווי, למשל, שמידן אָדער גאַרבער. צווישן די יחידים זענען אויך געווען דעגענערירטע טיפּן, „באָסיאַקעס", וואָס האָבן געפירט אַן אָפּגעזונדערט לעבן, זיך נישט אויס־געמישט מיט די אַרבעטער. זיי האָבן נישט מורא געהאַט פאַר געשלעגן אָדער אַרעסטן. זיי זענען אַלע מאָל גרייט געווען נישט נאָר צו דערלאַנגען נאָר אויך צו באַקומען קלעפּ.

די איבערוועגנדיקע מערהייט אַרבעטער האָבן געהערט צו די אונטערדריקטע, וואָס האָבן שטיל געליטן און אָן פּראָטעסט זיך אונטערגעגעבן. אַן אויסנאַם זענען געווען די, וואָס האָבן געאַרבעט אין גרעסערע פאַבריקן. זיי זענען נישט געווען גאַסן־מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי און געדאַרפט זיך אונטערוואַרפן זייער ווילקיר. צווישן דעם שיכט איז אַמלייכטסטן געווען צו דערוועקן אַ געפיל פון זעלבסטווירדע. זיי איז געווען צום האַרצן דער לאָזונג וועגן „באַפרייען די אַרבעט". אין זייערע רייען האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג דער רוף צו פרייהייט, צו ברידערלעכקייט. זיי זענען געווען די ערשטע צו פאַר־שטיין דער לאָזונג „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך". אין אָנהייב האָבן נאָר געציילטע יחידים רעאַגירט ענטוזיאַסטיש אויף אונדזער רוף. אָבער וואָס עס איז פאַרזייט געוואָרן האָט גיך אָנגעהויבן בליִען, עס איז געבוירן געוואָרן דער פאַרלאַנג צו זיין אַ „מענטש". זיין אַ „מענטש" איז געוואָרן אַ כבוד. מען האָט אָנגעהויבן אויסצוגלייכן דעם רוקן פיזיש און גייסטיק... עס איז שווער צו געפינען פּאַסיקע ווערטער, וואָס זאָלן אין דער פולער מאָס אויסדריקן די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין די הערצער און מוחות פון די אַרבעטער, אין זייערע קעגנזייטיקע באַציִונגען, אַלס אַ רעזולטאַט פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון „אונדזערע". איך וועל נישט איבערטרייבן ווען איך וועל זאָגן, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן פרייער צו אָטעמען, ווי די לופט וואָלט געענדערט געוואָרן. זיי האָבן פון דאָסניי אויפגעלעבט! זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו אונטערשיידן פון זייער אַרום, זיי האָבן זיך אָנגערופן „מענטש" און שטאָלצירט דערמיט. זיי האָבן אַריינגעלייגט אַ סך אינהאַלט, געפיל און באַוווסטזיין אין דעם באַגריף מענטש.

זייער באַגריף „מענטש‟ איז געווען אַן אַנדערער ווי דער קליינבירגערלעכער אָדער דער גבירישער באַגריף. פאַר זיי, פאַר די אַרבעטער פון אונדזער באַוועגונג האָט דער באַגריף „מענטש‟ מער נישט געווען פאַרבונדן מיט רייכטום, מיט גרויסע געשעפטן, מיט אַ סך „פּרנסה‟, מיט דאָס אַלץ, וואָס איז געווען ביי סתם ייִדן דער עיקר. יעדער איינער פון אונדזערע אַרבעטער האָט געהאַט דעם באַוווסטזיין, אַז ער איז גייסטיק, עטיש העכער פון זיין סביבה, אַז ער איז אַ „מענטש‟ און שטאָלצירט דערמיט.

פּונקט ווי די נאַטור לעבט אויף אונטער די שטראַלן פון דער פרילינג־זון, אַזוי האָט דער רוף „ווערט מענטשן‟, די „קרייזלעך‟, דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם, אויפגעלעבט די אַרבעט־מענטשן, אַוועקגעפירט זיי אויף נייע וועגן, צו אַ נייעם לעבן, צו נייע שטרעבונגען און צו נייע קעגנזייטיקע באַציִונגען.

„אין די גאַסן צו די מאַסן"

איך נעם זיך נישט אונטער אַליין צו משפּטן מיינע זכרונות וועגן די אַרבעטער־פּערזענלעכקייטן, באַזונדערס וועגן די פּיאָנערן, וואָס האָבן אָנטייל־גענומען אין דעם ערשטן, גרינדונגס־צוזאַמענפּאָר פון „בונד". דער לייענער וועט זיי געפינען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

איך האָב בלויז געוואָלט דערפילן מיין חוב לגבי זיי.

דאָס ליד: „אין די גאַסן, צו די מאַסן", וואָס איז אין יענער צייט געווען זייער פּאָפּולער, איז פאַרבליבן אין מיין זכרון.

„צו די מאַסן..." דערגרייכן די מאַסן איז געווען אונדזער ציל. די „נייע טאַקטיק" איז געווען אַ מיטל צו דעם ציל. עס איז נישט געווען מיין אויפגאַבע צו שרייבן די געשיכטע פון דער ידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין יענע ווייטע יאָרן. אָבער אין מיין זכרון זענען געבליבן אַזוי פיל דערינערונגען, אַזוי פיל איבערלעבונגען, אַז עס איז פּשוט אוממעגלעך נישט צו דערציילן וועגן זיי.

איך וועל אָנהייבן פון עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון יענער אייגנאַרטיקער סביבה, מיט וועלכער איך בין געווען פאַרבונדן ביים געבורט פון אונדזער באַוועגונג.

1) די „באַקאַנטע"

דער אויסדרוק „באַקאַנטער" איז אַריין אין לעקסיקאָן פון אונדזער באַוועגונג. הגם מען האָט זיך וועגן דעם נישט צוזאַמענגערעדט. אַ „באַקאַנטער" — האָט געמיינט אַן אָנטיילנעמער פון דער באַוועגונג. דעם אויסדוק האָט מען באַנוצט

אויך צוליב קאָנספּיראַציע, — כדי נישט אָנצורופן אונדזערע ביי זייערע נעמען.

אַז מיר זענען געקומען צו אַן אַרבעטער אָדער צו אַן אַרבעטערין און דאָרט געפונען אַ פרעמדן, וואָס איז אונדז פאַרגעשטעלט געוואָרן נישט מיט זיין נאָמען נאָר אַלס אַ „באַקאַנטער“, האָט שוין אויך דער „פרעמדער“ מיך באַטראַכט ווי אַ „באַקאַנטן“. מיר ביידע האָבן שוין געוווסט, אַז מיר געהערן צו „אייגענע מענטשן“. „באַקאַנטער“ האָט באַדייט, אַז צום פרעמדן מעג מען האָבן צוטרוי, אַז ער איז שוין אַ „פראָפּאַגאַנדירטער“, אַז מיר מעגן ריידן אין זיין אָנוועזנהייט וועגן זאַכן, וואָס פאַר פרעמדע האָט מען נישט געטאָרט קיין וואָרט אויסריידן. אמת, אַ געוויסע פאָרזיכטיקייט האָט מען געדאַרפט אָפּהיטן אַפילו בנוגע „באַ־קאַנטע“, ביז מיר האָבן זיך איבערצייגט וועגן דעם אָרט, וואָס ער פאַרנעמט אין דער אָרגאַניזאַציע.

אין גרונט גענומען האָט דער אויסדרוק „באַקאַנטער“ געהאַט די זעלביקע באַדייטונג ווי „חבר“, אָבער דעם וואָרט „חבר“ האָבן אריינגעפירט די פּירער. ערשט שפּעטער האָבן אויך די אַרבעטער אים אָנגעהויבן צו באַנוצן. אָבער אַפילו דעמאָלסט זענען די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג אַלץ געווען „באַקאַנטע“.

**
*

פאַר די אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס זענען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער מאַסן־אַגיטאַציע איז געווען כאַראַקטעריסטיש די ענדערונג, וואָס איז אין זיי פאָרגעקומען. זיי זענען געוואָרן אַנדערש ווי זיי זענען געווען פריִער. עפּעס ווי פון זיך אַליין האָבן זיך ביי זיי אַנטוויקלט נייע, שענערע געוווינהייטן. אויף די „קרייזלעך“ און פאַרזאַמלונגען האָט מען גערעדט וועגן דער עקספּלואַטאַציע פון אַרבעט און וועגן די מיטלען ווי צו באַקעמפן די עקספּלואַטאַציע. מיר האָבן געשילדערט די שווערע לאַגע פון די ייִדישע אַרבעטער, וואָס ליידן טאָפּל, ווי אַ ייִד, און ווי אַן אַרבעטער. מיר האָבן געלערנט וועגן דער טעאָריע פון מערוועדט, וועגן קלאַסן־באַוווסטזיין וכדומה. די אויפקלערונג וואָס אונדזערע האָבן באַקומען אין די „קרייזלעך“ האָט געענדערט זייער לעבן. זיי האָבן אָנגעהויבן אַנדערש זיך אויפצופירן אין דער פאַבריק אָדער אין דעם וואַרשטאַט. דער קלאַסן־באַוווסטזיין האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין זייער גאַנצן לעבנס־שטייגער.

ווי נאָר אַן אַרבעטער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער קאַמף־קאַסע פון זיין פראָפעסיאָנעלן פאַריין, ווי נאָר מיר האָבן אים אַריינגענומען אין אַ „קרייזל“,

איז ער געוואָרן אַן אַנדערער. יעדער איינער וואָס איז געוואָרן אַ „באַקאַנטער" איז געוואָרן אַ בעסערער מענטש.

אין וואָס האָט זיך די אַנדערשקייט אויסגעדריקט?

„באַקאַנטע" זענען קודם־כל דורכגעדרונגען געוואָרן מיט אַ געפיל פון סאָלידאַריטעט, מיט ברידערלעכע געפילן און ענגער פאַרבינדונג צווישן מענטש און מענטש, וואָס איז פריִער נישט געווען בנימצא. ביי דער אַרבעט, אין פאַבריק, אין וואַרשטאַט, האָבן „אונדזערע" געהאַנדלט לויטן כלל: „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם". פריִער איז דעם אַרבעטער נישט אָנגעגאַנגען וואָס עס טוט זיך ביי אַ צווייטן, אין אַ פרעמדן פאַך. איצט האָט אים דער ענין שטאַרק אינ־טערעסירט. פריִער איז ער געווען גלייכגילטיק, אים האָט נישט געאַרט ווי דער באַלעבאָס באַהאַנדלט אַ לערן־ייִנגל. איצט האָט ער באַקעמפט אַ שלעכטע באַהאַנד־לונג און ריזיקירט צוליב דעם ייִנגל מיט זיין אייגענער פּרנסה.

די נייע אחדות האָט זיך אויסגעדריקט אין דער באַציִונג צו קראַנקע אָדער צו אַרבעטסלאָזע. וואָס פריִער איז געטון געוואָרן נאָר פאַר אַ נאָענטן משפּחה־מיטגליד, איז איצט געטון געוואָרן אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַר יעדן איינעם פון „אונדזערע". אַלע וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג זענען געוואָרן „באַקאַנטע", „אונדזערע", „אונדזערע", „מיר", האָט געמיינט אַ גרויסע משפּחה פון פריינט. עס איז געוואָרן אַ הייליקע פליכט צו באַדינען אַ קראַנקן חבר. „באַקאַנטע" האָבן זיך נישט אַרומגעריסן צווישן זיך, וואָס איז געווען אַ זייער אָפטע דערשיינונג אין דער ייִדישער קליינבירגערלעכער סביבה. פּשוטע אַרבעטס־מענטשן האָבן זיך דערהויבן איבער זייער פריִערדיקער סביבה.

2) פריינטשאַפט און ליבע

אויך אין די רייען פון „באַקאַנטע" האָבן מענער זיך פאַרליבט און עס זענען צושטאַנדגעקומען חתונות, אָבער אָן שדכנים. „אונדזערע" אַרבעטערינס האָבן אַליין אויסגעקליבן חתנים און נישט געלאָזט זיך מער „אויסגעבן" ווי עס איז געווען דער מנהג. די באַציִונגען צווישן מאַן און פרוי, זענען ביי די „באַ־קאַנטע" געווען אידעלער ווי ביי סתם אַרבעטער. אַנשטאָט געשפּרעכן וועגן סעקס און ווולגאַרע וויצן, האָבן אין אונדזערע קרייזן דאָמינירט חברישקייט און פריינטשאַפט. די אַרבעטערינס אין אונדזער באַוועגונג זענען נישט געווען הינ־

טערשטעליק לגבי די אַרבעטער. גאַנץ אָפּט האָבן זיי גאָר איבערגעשטיגן די מענער אין אַחדות און אין אויסגעהאַלטנקייט. אַזעלכע אַרבעטערינס ווי מערע זשאַלודסקי, צילע וואַלק, צביה די הענטשקע־מאַכערין, ליזע די שניידערקע פון קאָוונע, האָבן פאַרנומען אַן אָרט אין די פאָדערשטע רייען פון דער באַוועגונג. זענען געווען אָנפירער!... גלייכהייט אין די באַציונגען צווישן מאַן און פרוי איז געווען אין הסכם מיטן גלייכן אָרט, וואָס די אַרבעטערינס האָבן פאַרנומען אין דער באַוועגונג.

„פאַרפירן“ אַ מיידל איז באַטראַכט געוואָרן אין אונדזערע רייען פאַר אַ שאַנדע. איך דערמאָן זיך אַ משפּט איבער איינעם, וואָס איז געווען באַשולדיקט אין אַזאַ פאַרברעכן. מיר האָבן אים באַזייטיקט פון אונדזערע רייען, צוליב אַן ענלעכע עוולה האָבן מיר פאַרטריבן אַן אַרבעטער פון אַ שניידער־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט זיך געהאַט געגרינדעט.

אין דער היים האָבן „אונדזערע“ מיידלעך געמוזט פירן אַ האַרטנעקיקן קאַמף קעגן די פּאַטריאַרכאַלע, פאַרצייטיקע טראַדיציעס, קעגן דעם ווילדן דעס־פּאָטיזם פון זייערע טאַטעס, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט, אַז די טעכטער זאָלן בלינד זיי פאָלגן. די טאַטעס זענען אַרויסגעטראָטן קעגן שטרייקן, קעגן דער באַוועגונג, קעגן דעם וואָס זייערע טעכטער לייענען. די פרייהייט־געדאַנקען פון די טעכטער האָבן אָפּט אַריינגעבראַכט די טאַטעס אין אַ ווילדן כעס. זיי האָבן נישט זעלטן פּרובירט פיזיש צו שטערן די מיידלעך באַטייליקן זיך אין דער באַוועגונג. עס זענען פאָרגעקומען משפּחה־סקאַנדאַלן, ווייל מיידלעך זענען געגאַנגען „זייער איגענעם וועג“, ווייל זיי זענען שפּעט ביינאַכט אַהיים געקומען, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט חתונה האָבן. אַ סך מיידלעך זענען געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייערע עלטערן; די „באַקאַנטע“ האָבן באַשטאַנען אויף זייער רעכט ליב האָבן אַ מאַן און אַליין זיך צוקלייבן אַ חתן, נאַטירלעך, נישט צוליב אויסגעלאַסנקייט. הייראַט האָט נישט אויפגעהערט צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע, אָבער אָן שדכנים, אָן נדן. ווי אַ רעוואָלוציע וואָלט פאָרגעקומען אין די אַלטע אַמאָליקע באַגריפן און מנהגים! „אונדזערע“ האָבן אויפגעהערט איינצואָרדענען טראַדיציאָנעלע חתונות מיט קלעזמער און בדחנים, מיט באַקלאָגן די כלה און טענץ. די חתונה־צערעמאָניע איז געוואָרן אַ באַשיידענע, אין דער אָנוועזנהייט פון אַ מינימאַלע צאָל באַטייליקטע. בלויז כדי זיין אין אָרדענונג מיטן געזעץ, וואָס האָט פאַרלאַנגט עדות, אַ רב, ערגעץ ווו אין אַ קליין שטעטל, פלעגט מען דורכפירן די צערעמאָניע.

נאָכדעם האָט מען איינגעאָרדנט אַ „הוליאַנקע״, צו וועלכער מען האָט איינגעלאַדן די נאָענטסטע „באַקאַנטע״.

ביסלעכווייז האָבן די „אייגענע״ געשאַפן אַן אייגענעם לעבנס־שטייגער. אַרבעטער און אַרבעטערינס זענען אַ דאַנק דער באַוועגונג אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער קליינבירגערלעכער סביבה, וואָס זיי אַרומגערינגלט פון ערשטן טאָג פון זייער לעבן. די „באַקאַנטע״ האָבן געהאַט העכערע גייסטיקע באַדערפעניש, אַ שטרעבן צו פרייהייט און גערעכטיקייט, אַ קאַמפּס־גרייטקייט וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט פון זייער אַרום. דער קרייז „באַקאַנטע״ האָט זיך אַלץ מער פאַנאַנדערגעוואָקסן און אָנגעהויבן משפיע צו זיין די אַטמאָספער, דאָס לעבן פון דער מאַסע.

די אַטמאָספער אין אונדזערע אַרבעטער־קרייזן איז געווען זייער אַן אייגנאַרטיקע. עס וואָלט געווען כדאַי איר געניי צו אַנאַליזירן. מיין אויפגאַבע איז אָבער נאָר צו דערציילן, וואָס איך האָב געזען און פאַרגעדענקט. אין דער שאַפונג פון אַזאַ מאָראַליש־עטישע אַטמאָספער, האָט, לויט מיין איבערצייגונג, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, וואָס אין אונדזער באַוועגונג האָבן פון אָנהייב אָן זיך באַטייליקט אַ סך פרויען. אין דער באַוועגונג האָבן מענטשן פוןביידע געשלעכטער געפונען די מעגלעכקייט אויסצולעבן זיך גייסטיק, קולטורעל און פּאָליטיש. אַלע־מען האָבן באַהערשט געפילן פון סאָלידאַריטעט, איבערגעגעבנקייט און קרבנות־גרייטקייט.

3) מאָטקע

„מאָטקע״ דער גאַרבער איז איינגעקריצט אין מיין זכרון. דאָס איז געווען אַ הויכער, געזונטער בחור, אַ פּרימיטיווע נאַטור, שטענדיק גרייט זיך שלאָגן. אַ געוויסע צייט איז ער געווען דער אָנפירער פון אַ גרופּע לאָבוזעס, וואָס האָט געפירט מלחמה קעגן די „פילאָזאָפן״, שטרייקערס, אַטעיִסטן. ער פלעגט באַפאַלן און פאַרפאַלגן „אונדזערע״ מיידלעך און בחורים. אַמשטאַרקסטן האָט פון אים געליטן די ווילנער פאַרשטאָט — „ניישטאָט״. סוף־כל־סוף איז אונדז געלונגען אים צו געווינען. מיר האָבן אים אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג און ער איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ער וואָלט אַ סך אָפּגעגעבן כדי אויסמעקן פון זיין פאַרגאַנגענהייט זיינע פריִערדיקע „העלדנטאַטן״, ד״ה, די איבערפאַלן אויף די, וואָס זענען געוואָרן זיינע „ברידער און שוועסטער״. ער האָט נישט געוווּסט ווי צו תשובה־טון אויף זיינע עבירות. זיין געוויסן האָט אים געמאַטערט. ער פלעגט

אָפּט אונדז פרעגן, וואָס זאָל ער טון, כדי אַלע זאָלן זען די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין אים. ער האָט געלעכצט נאָך בילדונג. ער האָט זיך גענומען לייענען יידישע ביכער — צוערשט לעגאַלע און שפּעטער אויך אומלעגאַלע ליטע־ראַטור. ער האָט איבערגעלייענט דיקשטיינס „פון וואָס איינער לעבט", די בראָשור, „דער שטאָט־מגיד". ער איז געווען ווי איינער, וואָס האָט דערזען די ליכט. צופעליק איז ער אַריינגעפאַלן אין איינעם פון מיינע „קרייזלעך". נישט גרינג זענען אים אָנגעקומען די קרייזל־לימודים. אָבער וואָס שווערער זיי זענען געווען אַלץ מער האָט ער שטאָלצירט וואָס ער לערנט. מיט אַלע זיינע חושים האָט ער זיך צוגעהערט, שלינגענדיק יעדן וואָרט. זידלעריי און ווולגאַרע אויסדרוקן האָט ער מער נישט באַנוצט. אַנדערע ווערטער און אַנדערע לידער האָבן פאַרנומען זייער אָרט. איינמאָל, אַרויסגייענדיק צוזאַמען מיט מיר פון מיין קוואַרטיר, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט, ווו מיר פלעגן אָפּהאַלטן אונדזערע „קרייזלעך", האָט ער מיר אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס באַנוצט איר דאָס וואָרט „סוואָבאָדאַ" (פרייהייט) און נישט „סלאָבאָדאַ"?

איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז „פרייהייט" הייסט אין רוסיש „סוואָבאָדאַ". מיט אַ „ווע" און נישט מיט אַן „על". אים איז אָבער געווען שווער אָפּצוזאָגן זיך פון „סלאָבאָדאַ", אַ וואָרט וועלכן ער האָט אַזוי אָפט באַנוצט.

— סוואָבאָדאַ, סוואָבאָדאַ, האָט ער איבערגעחזרט. ער האָט זיך מודה געווען, אַז „סוואָבאָדאַ" אין רוסיש קלינגט אין זיינע אויערן שענער איידער דער יידישער אויסדרוק „פרייהייט". פאַרשווונדן זענען זיינע אַלטע געווויינהייטן פון אַ בראָדיאַ־גע. די דרייסטקייט, דער פערזענלעכער מוט זענען געבליבן. ער האָט אָבער נישט געוווסט ווי צו באַנוצן זיין גבורה. ער האָט פאָרגעשלאָגן זיך אַ נעם טון צו די שטרייק־ברעכער...

— וואָס דאַרפן מיר זיך צערעמאָניען מיט זיי. וויבאַלד אונדזערע ווערטער ווירקן נישט אויף זייערע מוחות, לאָמיר זיי אַריינקלאַפּן אין זייערע קעפּ!

ער האָט צונויפגעקליבן אַ גרופּע געזונטע, דרייסטע בחורים. ווען באַלעבאַטים פלעגן באַזעצן די אַרבעט־פּלעצער פון שטרייקנדיקע מיט נישט קוואַליפיצירטע, אין איילעניש ווערבירטע אומבאַוווסטזיניקע אַרבעטער, האָט מאַטקע מיט זיינע כוואַטסקע העלפער, באַזאָרגט די „פּיקעטס", כדי אָנלערנען די שטרייק־ברעכער און זיי פאַרטרייבן.

מאַטקע האָט געפונען אַן אַנדער געלעגנהייט צו באַנוצן זיין גבורה, אַרויס־ווייזן זיין קאַמפס־גרייטקייט. אין דעם זעלביקן ווילנער פאַרשטאָט „ניישטאָט", ווו ער פלעגט פריִער באַפאַלן „באַקאַנטע", האָט ער זיך באַטייליקט, זומער 1900, אין דער בונדישער מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט אַרויסגעריסן פון דער פּאָליציי דריי אַרעסטירטע „באַקאַנטע" און פאַרטריבן די פּאָליציאַנטן...*)

4) אַ מאַניפעסטאַציע אין בית־המדרש

דער נייער לעבנס־נוסח פון די „באַקאַנטע", האָט זיי דערווייטערט פון בית־המדרש. ווי ווייט איך געדענק איז נישט געפירט געוואָרן אַ ספּעציעלע אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע. אָבער אונדזערע אַרבעטער האָבן ביסלעכוויז אויפ־געהערט צו דאַווענען, באַהאַלטן דעם סידור און די תפילין, אַפילו מער נישט אָפּגעהיט כשרות. אַפילו ווען גאָט איז דאָ, וואָס גייט אים אָן צי מענטשן צינדן אָן שבת אַ שוועבעלע, צי זיי רויכערן אַ פּאַפּיראָס, אָדער טראָגן אַ שטעקן? אַ בחור אויף אַ פאַרזאַמלונג פאַררויכערט שבת אַ פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט פריִער קיינמאָל נישט געטון. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן צו פרעגן קשיות וועגן רעלי־גיעזע מנהגים. שפּעטער איז ער אַריבער צו פראַגן וועגן עצם פון רעליגיע אדג"ל. אונדזער עולם האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן וועג באַפרייט פון קלעריקאַליזם און רעליגיעזע מנהגים. אַ געוויסע ראָל האָט אויך געשפּילט די פיינטלעכע באַ־ציִונג צו אונדז פון די רבנים און מגידים, וואָס האָבן פאַרדאַמט די באַוועגונג פון די „ייִנגלעך און מיידלעך", און אונדז בכלל ביטער באַקעמפט.

אַ סך האָט בייגעטראָגן צו דעם פּראָצעס פון דערווייטערן זיך פון בית־המדרש

*) דאָ איז זיכער געמיינט די מאַניפעסטאַציע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 23סטן מאַי 1900. עס איז דאַן פאָרגעקומען אַ שטרייק פון די זאָקנמאַכעריננס, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אַ הוספה. דער „בונד" האָט וועגן דעם אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף. דעם אויפרוף האָבן פאַר־טיילט די פרויען, אָבער דער „בונד" האָט אויסגעטיילט גרופּן מענער (בעיקר פון די שוסטערס) צו העלפן און שיצן די פרויען. עס זענען אָבער דערביי אַרעסטירט געוואָרן דריי אויפרוף־פאַרשפּרייטער: רחל זאַק, אַ זעמשערקער (הענטשקע־מאַכערין), סטירל לייפּער, (אַ זאָקן־מאַכערין) און עליע רייטשוק. מ'האָט די דריי געבראַכט אין דאָרטיקן פּאָליציי־קאָמי־סאַריאַט. ווען מ'האָט נאָכדעם, פאַרטאָג, פון פּאָליציי־צירקל געפירט די אַרעסטירטע אין דער שטאָטישער תפיסה, האָבן אָבער די אַרבעטער, — אָרגאַניזירטע דורך דער בונדישער „בירזשע" — באַשלאָסן אָפּצושלאָגן די אַרעסטירטע. אַזוי איז טאַקע געשען. אין דער אַקציע האָבן זיך באַטייליקט ביז 100 מאַן, וועלכע האָבן די אַרעסטירטע באַפרייט. דאַן איז באַ־זונדערט אַרויסגערוקט געוואָרן אין פאָדערגרונט הערש לעקערט, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אָרגאַניזירן און דורכפירן די דאָזיקע אַקציע. (רעדאַקציע)

ל. בערנשטיין

אַ פּיינטלעכע אַריסטרעטונג פון ווילנער מגיד קעגן אונדזער באַוועגונג, בעת עס האָט אויסגעבראָכן דער אַלגעמיינער שטרייק אין דער גרויסער פּאַפּיראָסן־פאַבריק. דער ייִדישער פאַבריקאַנט עדלשטיין האָט אַראָפּגעבראַכט שטרייק־ברעכערס פון צענטראַל־רוסלאַנד, רוסישע מיידלעך, וואָס האָבן פאַרנומען די ערטער פון די ייִדישע אַרבעטערינס. די כלי־קודש און די פּני פון דער ייִדישער קהילה זענען געבליבן גלייכגילטיק צו עדלשטיינס האַנדלונג, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַז דער שטרייק, וועגן וועלכן די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט, זאָל חלילה נישט ברענגען גזירות אויף ייִדן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין בית־המדרש זאָלן ייִדן געוואָרנט ווערן קעגן אָנטייל אין שטרייק.

אָן אַ באַשלוס, ספּאָנטאַן, זענען מיר און די שטרייקערס געקומען אין בית־המדרש, כדי צו לאָזן הערן אויך אונדזער שטימע וועגן עדלשטיינס נבלה.

איך בין געווען אויף יענער מאַניפעסטאַציע. „אונדזערע" האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, נאָענט צו דער טיר, כדי צו קענען באַצייטנס אַרויסגיין און שטעלן אַ ווידערשטאַנד יעדן פאַרזוך צו פאַרהאַלטן איינעם פון די „באַקאַנטע".

בעת דעם פּייערלעכסטן מאָמענט פון זיין מוסרן האָט זיך דערהערט אַ שטימע: „רבי, וויפל האָט מען איך באַצאָלט פאַר אייער דרשה?" אַ „שאַנדע, שאַנדע". האָבן מיר אַלע אויסגעשריגן. דער בית־המדרש איז פאַרהילכט געוואָרן פון אַ פּייפעריי. דער מגיד איז אַנטשוויגן געוואָרן... דער עולם איז געוואָרן אויף אַ ווייל צעטומלט, אָבער גלייך גענומען אונדז זידלען און דראָען. נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן וואָס נישט איז צו טון, האָט אונדזער גרופּע פאַרלאָזט דעם בית־המדרש.

דער איינדרוק איז געווען אַן אומגעהייערער. אַזאַ דעמאָנסטראַציע ביי ייִדן — איז געווען אַ נייס. די ייִדישע גאַס האָט נאָך נישט געהערט וועגן אַזאַ חוצפּה. די באַלעבאַטישע ייִדן פון דער קהילה זענען געווען אויסער זיך. מיט גרויס בעס האָבן זיי אַ לאַנגע צייט גערעדט וועגן דער אומדערהערטער געשעעניש.

מיר זענען געווען שטאָלץ און גליקלעך, וואָס אונדז איז געלונגען אויסצו־דריקן אונדזער פּראָטעסט. די אינטערוועניץ פון בית־המדרש איז געווען אַ דורכפאַל, און פאַרקלענערט דעם איינפלוס פון די כלי־קודש.

נאָך דער מאַניפעסטאַציע האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַן אומלעגאַלע בראָשור, „דער שטאָט־מגיד", געדרוקט אין אויסלאַנד, וואָס דער לערער גאָזשאַנסקי האָט אָנגעשריבן. די אויסגאַבע איז געווען איינע פון די ערשטע ייִדישע בראָשורן, וואָס

האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די אַרבעטער און האָט אונדז אַ סך געהאָלפן אין דער אַגיטאַציע.*)

5) געזעגענען פּאָליטישע אַרעסטירטע

די מאַניפעסטאַציע אין בית־המדרש איז געווען נישט דער איינציקער אויסדרוק פון דער זעלבסטטעטיקייט און איניציאַטיוו, וואָס אונדזערע אַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן.

אונדזערע אַרבעטער האָבן זיך בכלל אויסגעצייכנט מיט מערקווירדיקע איינפאַלן. וועגן דער באַרימטער היסטאָרישער איניציאַטיוו פון ייִדישע אַרבעטער, וואָס האָבן אָן דעם וויסן און אָן דער הילף פון אינטעליגענטן אַרויסגעגעבן די „אַרבעטער שטימע", דערציייל איך ווייטער. מיר ווייסן די נעמען פון די, וואָס האָבן דעם פּלאַן פאַרווירקלעכט. אָבער קיינער ווייס נישט ווער עס איז געווען דער, וואָס האָט פאַרגעשלאָגן די מאַניפעסטאַציע אין ווילנע, זומער, 1897, בעת מען האָט מיטן עטאַפּ אָוועקגעשיקט קיין מזרח־סיביר עטלעכע פּאָליטישע אַרעס־טירטע, צווישן זיי אויך דעם לערער גאָזשאַנסקי. די איניציאַטיוו איז געקומען נישט פון די אינטעליגענטן, נישט פון אָן אינסטאַנץ, נאָר פון אַרבעטער. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט די צייט פון אַרויספירן די פאַראורטיילטע, האָט אַ גרויסע צאָל אַרבעטער זיך פאַרזאַמלט און אָדורכגעפירט אַ פּאָליטישע מאַניפעסטאַציע פון פּראָטעסט קעגן דעם צאַרישן רעזשים, וואָס פאַרשיקט אין די וויסטעניִשן פון סיביר טויער פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. די פּאָליטישע מאַניפעס־טאַציע איז געווען אַן איבעררעאַשונג פאַר דער פּאָליציי און אַרויסגערופן באַוווּנ־דערונג ביי אונדזערע פירער־אינטעליגענטן.

---

*) די דאָזיקע בראָשור איז איבערגעדרוקט אינגאַנצן אין דעם דריטן באַנד היסטאָרישע שריפטן, אַרויסגעגעבן פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ (ווילנע־פּאַריז 1939). דער דאָזיקער באַנד, וואָס איז געווידמעט דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד", ברענגט אַ ריי מאַטעריאַלן און צווישן זיי טאַקע דעם טעקסט פון „שטאָדט־מגיד". עס ווערט דאָרטן אין דער באַמערקונג פון דער רעדאַקציע, צווישן אַנדערע, געזאָגט: „די בראָשור האָט דערשיינט אין פאַרבינדונג מיט דעם באַקאַנטן שטרייק אויף עדלשטיינס טאַבאַק־פאַבריק (אין אויגוסט 1895)... די בראָשור איז דערנאָך (1898) געווען אָפּגעדרוקט אין לעמבערג מיט אַ פאַלשן שער־בלאַט פון אַ ווילנער דרייקעריי."

וועגן מחבר פון דער דאָזיקער בראָשור שרייבט אין זעלביקן באַנד אַ. טשעריקאָווער אין זיין אַרבעט: „די אָנהייבן פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור", ווו ער פרעגט־אָפּ די השערה, אַז מאַרטאָוו איז געווען דער דמחבר. עס זענען געווען 2 אויסגאַבעס — אין רוסיש און אין ייִדיש. מיר ברענגען רעפּראָדוקציעס פון ביידע אויסגאַבעס.

(רעדאַקציע).

ל. בערנשטיין

איך בין געווען אַן עדות פון דער מאַניפעסטאַציע. צו יענער צייט האָב איך זיך געפונען אין טורמע. איך בין אויך געווען אַרעסטירט און פאַרשפאַרט אויפן זעלביקן שטאָק ווי גאַזשאַנסקי. אָבער איך האָב וועגן דעם נישט געוווסט. ערשט אין הויף פון דער „פּערעסילנע" טורמע, בעת מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אין רייען, כדי צו פירן צום וואָקזאַל, האָב איך זיך מיט אים געטראָפן. גאַזשאַנסקי איז געווען מיין לערער אין דער אָנפאַנג־שול (יעווריעיסקאַיאַ נאַטשאַל־נאַיאַ אוטשילישטשע). אין טורמע זענען מיר געזעסן אין פאַרשיידענע קאַמערן מיט קרימינעלע פאַרברעכער. גאַזשאַנסקי אָבער האָט יאָ געוווסט, אַז איך געפין זיך אין דער זעלבער טורמע. ווען מיר זענען שוין געווען אויסגעשטעלט אין רייען האָט ער פּרובירט זיך פאַרשטענדיקן מיט מיר, אָבער דער טורמע־אויפזעער האָט דעם געשפּרעך ברוטאַל אָפּגעהאַקט...

גאַזשאַנסקי איז געווען באַלאָדן מיט אַ סך באַגאַזש פאַר זיין „ווייטן וועג" קיין סיביר. אָבער איך, וואָס האָב מאַרשירט נישט ווייט פון אים, האָב געטראָגן בלויז אַ קליינטשיק פּעקעלע מיט וועש. איך האָב אָבער נישט געהאַט די מעג־לעכקייט אים צו העלפן. אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסע צאָל באַוואָפנטע זעלנער, זענען מיר געגאַנגען פון געסל, ווו עס האָט זיך געפונען די „פּערעסילנע", צום וואָקזאַל.

וואָס קומט דאָ פאָר? פון וואַנען — אַזאַ גרויסער עולם? מיין פאַרוואונדערונג האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. מיט פרייד האָב איך דערזען צווישן עולם אַ סך באַקאַנטע פּנימער. עס איז קלאָר, אַז עס ווערט אַדורכגעפירט אַ מאַניפעס־טאַציע. אַ געוויסע צייט האָבן די מאַניפעסטאַנטן געשוויגן. אָבער ווען דער עטאַפּ מיט די אַרעסטירטע האָט גענומען קלעטערן אויפן בערגל, וואָס האָט געפירט צום וואָקזאַל, איז די מחנה געוואָרן אומרויק, דעמאָנסטראַטיוו. פון אירע רייען האָבן זיך דערהערט באַגריסונגען פאַר אונדז און ווונטשן... מיר האָבן דערהערט קלאַנגען פון אונדזער אַ רעוואָלוציאָנער ליד. מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאָכען מיט היטלען און נאָזטיכלעך... באַלאָדן מיט אַ שווערן פּעקל האָט זיך אָבער גאַזשאַנסקי אויסגעגלייכט. אַ הויך־געוויקסיקער איז ער ווי אויסגעוואַקסן איבער די קעפּ פון די אַנדערע אַרעסטאַנטן און מאַרשירט מיט ווירדע און שטאָלץ. פון די מאַניפעסטאַנטן האָט זיך צו מיר דערטראָגן מיין נאָמען „לעאָנטשיק"! איך האָב אָפּגעענטפערט און געמאַכט אַ באַגריסונג־צייכן מיט דער האַנט. אַן אָפיציר פון דער וואַך האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן בייזערן. ער האָט אַ געשריי געטון: „ניע סמעי" — „וואַג נישט" און זיך אַ וואָרף געטון אויף מיר מיט דער בלויזער

שווערד... דערווייל האָט די וואָך אָפּגעצוימט דעם וועג צום וואָקזאַל, פון וואַנען מיר האָבן שוין מער נישט געקענט זען די מאַניפעסטאַנטן.

די מאַניפעסטאַציע האָט געדויערט בלויז אייניקע מינוט, מחמת די טורמע איז געווען נישט ווייט פון וואָקזאַל. אָבער די מינוטן זענען אויף אייביק פאַרבליבן אין מיין זכרון.

די מאַניפעסטאַציע האָט צעטומלט און אויפגערעגט די זעלנער פון דער וואָך. מיט ווילדער אַכזריות האָבן זיי די אַרעסטאַנטן אַריינגעטריבן אין די וואַגאָנעס. מער האָב איך שוין גאָזשאַנסקין נישט געזען, ווייל מיר האָט מען אַרויסגעלאָזט אין קאָוונע אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, ווו איך האָב געדאַרפט וואַרטן אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון פּסק־דין. די גאַנצע מאַניפעסטאַציע איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון די אַרבעטער.

6) אונדזערע „בירזשעס"

די באַרימטע „בירזשעס", וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ אייגנאַרטיקע ראָל אין אונדזער באַוועגונג, זענען אויך געשאַפן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון אַרבעטער. מעגלעך, אַז אונדזערע מער פאַרגעשריטענע אַרבעטער האָבן געהערט וועגן „אַרבעטס־בירזשעס" אין פראַנקרייך. אונטער די דעמאָלטדיקע פּאָליציי־פּאָליטישע באַדינגונגען האָט אָבער קיינער נישט געקענט חלומען וועגן גרינדן אַזעלכע בירזשעס אין ווילנע אָדער אין קאָוונע. אונדזערע אומלעגאַלע „בירזשעס", זענען געווען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג. די בירזשעס זענען באַשטאַנען נישט פון סתם אַרבעטער נאָר אויסשליסלעך פון „באַקאַנטע". דאָס זענען געווען נישט אַרבעטס־בירזשעס, נאָר טרעף־פּונקטן פון דער באַוועגונג. די רעגירונג האָט די „בירזשעס" ווילד פאַרפאָלגט, אָבער בשום אופן נישט געקענט פּטור ווערן פון זיי.

וועגן רעגולערע פאַרזאַמלונגען האָט אין יענער צייט קיין רייד נישט געקענט זיין. עס איז געווען אוממעגלעך צו שאַפן קלובן, ווו אַרבעטער זאָלן קענען זיך פאַרזאַמלען אָדער טרעפן. אָבער טרעפן זיך איז פאַר דער באַוועגונג געווען אַ לעבנס־נויטווענדיקייט. מען האָט געדאַרפט זיך צוזאַמענקומען, כדי קאָלפּאָטירן ביכלעך און אומלעגאַלע ליטעראַטור; איבערגעבן פון מויל צום מויל וויכטיקע ידיעות און צוזאַמענריידן זיך וועגן דער צייט און אָרט פון אַ געהיימער פאַרזאַמלונג. נישט ווייניקער וויכטיק איז געווען פּשוט אויפהאַלטן צווישן זיך דעם

שטענדיקן קאָנטאַקט, אַז יעדער איינער זאָל זיך פילן ווי אַ טייל פון אַ קאָלעקטיוו. די בירזשעס האָב אויך פעסטער געמאַכט די קאַמפסגרייטקייט פון דער באַוועגונג, געגעבן אַן אויסדרוק איר ווילן און שטימונג.

„בירזשעס“ ד״ה ערטער פאַר אונדזערע באַגעגענישן אין גאַס, פלעגן איינגעאָרדנט ווערן אויף איינער פון די הויפּטגאַסן, אָבער אין דער ייִדישער געגנט. אין ווילנע איז די ערשטע בירזשע געווען אויף דער דײַטשער גאַס און שפּעטער — אויף זאַוואַלנע. די דײַטשע גאַס איז געווען זייער באַקוועם, ווייל די איינוווינער זענען געווען כמעט אויסליסלעך ייִדן און פון דער גאַס האָט זיך געצויגן אַ נעץ פון געסלעך און זאַולקעס. אין פאַל פון אַ פּאָליציי־אַבלאַווע איז מעגלעך געווען שנעל צו פאַרשווינדן דורך דער גרויסער צאָל דורכגאַנג־הויפן. אויף דער דײַטשער גאַס זענען געווען אַ סך הײַזער מיט ברייטע טויערן, ווו מיר האָבן געקענט זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר מינוט, כדי איבערגעבן אָדער באַקומען אַן אומלעגאַל ביכל און בראָשור. צוליב די זעלביקע מעלות איז בעת די ווינטער־חדשים די „בירזשע“ אין קאָוונע געווען אויף דער קליינער ווילנער גאַס. אין פרילינג, ווען דאָס איז פלעגט פאַרשווינדן און מען האָט זיך ווידער געקענט באַנוצן מיט דעם שווימענדיקן בריק, פלעגן מיר אַריבערטראָגן אונדזער „בירזשע“ לעבן בריק, כדי בעת אַן אַבלאַווע אַריבערקלייבן זיך אויף דער צווייטער זייט וואָס איז שוין געווען אַ טייל פון דער סוואַלסקער גובערניע. די בירזשע איז געווען אַן אויסגעצייכנטע. כלומרשט קוקנדיק ווי די פישער מאַניפּולירן מיט זייערע ווענדקעס, האָבן מיר פון מויל צו מויל איבערגעגעבן אַלע נייס און ידיעות פון דער באַוועגונג. עס איז אויך געווען גרינג איבערצוגעבן פּאַראָלן. אָן דער „בירזשע“ וואָלטן מיר נישט געקענט צוגרייטן מאַניפעסטאַציעס מיט דער באַטייליקונג פון הונדערטער און אַפילו טויזנטער מענטשן.

נאָך דעם אַרבעטס־טאָג, פלעגט קומען אויף דער „בירזשע“ אַזאַ גרויסע צאָל אַרבעטער, אַז זיי האָבן געמוזט ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דער מאַכט. אַ בלינדער וואָלט געזען, אַז די מענטשן זענען נישט סתם דורכגייער. זומער פלעגן די אַרבעטער קומען אין אויסגענייטע, קאָלירטע העמדלעך, וועלכע זענען דעמאָלסט געווען אין דער מאָדע ביי די „באַקאַנטע“. עס איז פשוט נישט מעגלעך געווען צו צווייפלען וועגן די כוונות פון די, וואָס באַזוכן די „בירזשעס“. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן אָנגעווענדט פאַרשיידענע מיטלען צו באַקעמפן די „בירזשעס“. די אויפגאַבע האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר אַ זייער שווערע. סתם פאַרבאָטן אַרבעטער און אַרבעטערינס אַרומצוגיין אין גאַס, איז דאָך געווען נישט מעגלעך.

ערשטע שפּראַצונגען

אַזאַ פֿאַרבאָט וואָלט מען נישט געקענט אַדורכפֿירן אין לעבן. פּאָליציי האָט געשיקט אירע שפּיאָנען אויף דער בירזשע. אָבער ייִדן־שפּיאָנען זענען דעמאָלסט נישט געווען, אָדער כּמעט נישט געווען. די קריסטלעכע שפּיאָנען האָבן נישט פֿאַרשטאַנען קיין ייִדיש און במילא נישט פֿאַרשטאַנען וועגן וואָס די אַרבעטער ריידן צווישן זיך. די שפּיאָנען האָבן מיר גיך דערקענט, הגם זיי האָבן געפּרוווט צו ענדערן זייער אויסזען.

ווען די „בירזשע" איז געוואָרן שוין צופֿיל פֿאַרפּלייצט מיט פּאָליציי־לייט און שפּיאָנען, האָבן די אַרבעטער זיך איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער גאַס. מיר האָבן וועגן דעם נישט געמאָלדן עפֿנטלעך, אָבער אַלע „אונדזערע" האָבן געוווּסט וועגן דער נייער „בירזשע". אַזוי איז געשען אין ווילנע, למשל, ווען מיר האָבן אַריבערגעטראָגן די „בירזשע" פֿון דער דייטשער גאַס אויף זאַוואַלנע.

די „בירזשעס" זענען נישט געווען אַן איינפֿאַל אָדער אַ דערפֿינדונג פֿון אַ יחיד, זיי זענען באַשאַפֿן געוואָרן דורך דעם קאָלעקטיוו. זיי זיינען געווען אַ דערפֿינדונג פֿון דער באַוועגונג. אַדאַנק די „בירזשעס" האָט די באַוועגונג זיך ברייט פֿאַנאַנדערגעוואַקסן און אָנגעהויבן שפּילן אַן אויסערגעוויינלעך גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פֿון ייִדן אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן.

כאַנע ליפשיץ און זיין פרוי גוסטאַ

בעסער פון אַלע אינטעליגענטן און האַלב־אינטעליגענטן פון יענער צייט האָב איך געקענט זיך צוזאַמענלעבן מיט אַרבעטער. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס איך בין אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין אַ געוועלב און גאָלד־שמידעריי, ווו איך האָב, אַלס קינד און אויך שפּעטער, פאַרבראַכט מיין פרייע צייט ביים וואַרשטאַט, געגעסן צוזאַמען מיט די אַרבעטער, מיט זיי אין מרחץ געגאַנגען, פון זיי קלעפּ געקראָגן און אויך גענאָסן פון זייער גוטסקייט צו מיר. גענומען האָט זיך דאָס פון דעם, וואָס איך בין פאַרבליבן אָן אַ פאָטער. ער האָט פאַרלאָזט די מאַמע מיט צוויי קינדער, איך און אַ שוועסטער, ווען איך בין נאָך קיין יאָר נישט אַלט געווען. די מאַמע איז דעמאָלט צוריק אַוועק וווינען ביי מיין זיידן, כדי אַכטונג צו געבן אויף זיין באַלעבאַטישקייט.

דער זיידע האָט געהאַט אַ געשעפט מיט גאָלדענע און בריליאַנטענע זאַכן און אַ גאָלדשמידעריי. נאָך דעם זיידנס טויט איז דאָס געשעפט אַריבער אין רשות פון מיין פעטער, אָבער די מאַמע איז פאַרבליבן די פאַרוואַלטערין. פאַר מיר האָט דאָס געוועלב געהאַט אַן אומדערשעפּלעכן אינטערעס. די האַמערס, די פיילן, דאָס גאַז־לעמפּעלע מיט וועלכן מען פלעגט פאַנאַנדערשמעלצן מעטאַל, די קאָוואַדלע, אַנדערע געצייג און מאַשינען, דער פּראָצעס פון אויסשמידן אַ צירונג פון אַ שטיקל הייסן גאָלד, האָבן מיר שטאַרק אינטערעסירט און צוגעצויגן. ביי מיר פלעגט פאַרכאַפּן דער אָטעם צוקוקנדיק זיך ווי אַן אַרבעטער בלאָזט אין אַ רערל פון אַ גאַזלעמפּל, כדי צו ריכטן דעם פייער אין אַ גריבל, ווו עס ליגט אַ שטיקל גאָלד, ביז עס ווערט צעשמאָלצן פון היץ, אַז מען קאָן דאָס אַריינ־גיסן אין אַ פורעם. אַפילו דערוואַקסענע מענטשן פלעגן זיך אָפּשטעלן ביים פענצטער פון געוועלב, ביי דער וואַרשעווער גאַס, כדי צוצוקוקן זיך צו אונדזער אַרבעט. מיר אַליין פלעגט אויך אַמאָל געלינגען אַריינשטעלן אין טאָפּ דאָס

רערל און מיט אָנגעבלאָזענע באַקן ריכטן דעם פּייער, רעכטס און לינקס. נישט זעלטן פלעג איך דערפאַר אַריינכאַפּן אַ „גוטע פּאַרציע״. דער זיידע פלעגט מיך בכלל טרייבן פון געוועלב, און אין צייטן ווען אַרבעט איז געווען לרוב, פלעגן די אַרבעטער מיך אַפילו נישט צולאָזן נאָענט צו דער מאַשין. עס זענען אָבער אויך געווען טעג, ווען זיי פלעגן נישט נאָר זיין געדולדיק, נאָר אַפילו מיר ווייזן ווי צו אַרבעטן מיט דעם זעגעלע, געגעבן מיר אַ שטיקל מעטאַל און מיך געלערנט ווי אויסזעגן אַליין אַ רעדעלע.

למען האמת מוז איך דערציילן, אַז צוליב פאַרשלעפּן פּיילן, אָדער שטערן בכלל אין דער אַרבעט, האָב איך געקראָגן נישט ווינציק קלעפּ פון די בעלי־מלאכות. אַלס כלל אָבער האָב איך געלעבט מיט זיי בשלום, געהאַט מיט זיי פּשוטערע און פריינטלעכע באַציִונגען איידער מיט דעם זיידן און שפּעטער מיט דעם פעטער. עס איז מיר געווען ליבערשט צו עסן מיט די אַרבעטער ביי איין טיש, צוהערן זיך צו זייערע מעשיות און זיין צוזאַמען מיט די לערן־ייִנגלעך, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי אונדז. אַפילו אייניקע קוואַליפיצירטע אַרבע־טער פלעגן אויך לעבן צוזאַמען מיט אונדז.

ווען איך האָב דערגרייכט דעם עלטער פון עלף יאָר, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט דעם „נייעם טיפּ״ אַרבעטער. כאָנע האָט מען אים גערופן. געוווינט האָט ער ביים געוועלב. ער האָט פאַרמאָגט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט געוועקט צו אים מער אַכטונג ווי צו אונדזערע איבעריקע אַרבעטער. זידלעריי אָדער גראָבע ווערטער האָט מען פון אים קיינמאָל נישט געהערט. ער איז געווען ערנסטער און מער צוריקגעהאַלטן ווי די אַנדערע אַרבעטער. ער האָט זיך אויסגעטיילט פון זיי מיט זיין זויבערקייט, הגם געלעבט אין אומדערטרעג־לעכע באַדינגונגען, צוגלייך מיט די איבעריקע אַרבעטער. אונדזערע לערן־ייִנגלעך האָבן ווינטער געשלאָפן אין קיך אויפן אויוון, און זומער — אין קאָנורעס אונטערן לייטער אין הויף. עס איז נישט געווען אַפילו ווו צו וואַשן זיך. כאָנע אָבער האָט געוואַשן זיינע ציין, געהאַט זיין אייגן שטיקל זייף, נאָך דער אַרבעט האָט ער זאָרגפעליק געוואַשן זיינע הענט און זיין וועש איז שטענדיק געווען ציכטיקער ווי ביי אַנדערע אַרבעטער.

ביי מיין זיידן און פעטער זענען געווען פאַרשיידענע אַרבעטער. געווען צווישן זיי פּראַנטן, וואָס זייער איינציקע אַמביציע איז געווען אויסצופּוצן זיך אין שרייענדיקע קראַוואַטן, אָדער אַרויסגיין שבת אין לאַקירטע שיך. אויף אַזעלכע זאַכן האָבן זיי אויסגעגעבן אַלע זייערע אָפּשפּאָרונגען. עס זענען געווען

אַנדערע, וואָס פּוצן זיך איז זיי אין דער לינקער פּאה נישט געלעגן. זיי האָבן ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שנאַפּס, הגם קיינמאָל זיך נישט אָנגעשיכורט ביז צום פאַרלירן זייער מענטשלעך געשטאַלט. נאָך אַנדערע האָבן גאָר געשפּילט אין קאָרטן, זיך געגרויסט מיט זייער גבורה, ליב געהאַט אַריינצומישן זיך אין געשלעגן, געווען, אַזוי צו זאָגן, „ווילדע יונגען״. עס האָבן נישט געפעלט גראָביאַנעס, וואָס האָבן כסדר זיך באַנוצט מיט וווּלגאַרע אויסדרוקן.

אַ גאָר אַנדער מענטש איז געווען כאַנע. באַשיידן אָבער ציכטיק געקליידט, האָט ער שטענדיק געזאָרגט פאַר זיין אויסערלעכן אויסזען. זידלערייִ, וווּלגאַרע ווערטער אָדער אומאָנשטענדיקע וויצן וועגן פרויען, זענען קיינמאָל נישט אַרויס פון זיין מויל. אין די אָוונטן האָט ער אַ סך געליינט, און כמעט אויסשליסלעך רוסישע ביכער. איך האָב פּרובירט אַריינקוקן אין זיינע ביכער, אָבער איך האָב אין זיי גאָרנישט געפונען. זיי האָבן מיר אויסגעקוקט צו זיין צו ערנסט. אַז איך זאָל זיך ברעכן דעם קאָפּ איבער זיי. איין בוך איז מיר פאַרבליבן אין זכרון. צוליב דעם בילד פון פּראָפעסאָר, וואָס האָט מיר אויסגעקוקט צו זיין זייער ענלעך צו כאָנען. עס איז מיר אַפּנים נישט שווער געווען צו געדענקען דעם מחברס נאָמען — רעשעטניקאָוו, — וואָס שטאַמט פון וואָרט רעשעטאָ (אַ זיפּ). היינט ווייס איך, אַז צווישן די ביכער, וואָס כאָנע האָט געליינט, זענען געווען רעשעטניקאָווס ווערק. זיין דערציילונג „פּאָדליפּאָווצי״ האָב איך שפּעטער, בעת איך בין עלטער געוואָרן, אַליין געליינט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

אַלס כלל איז כאָנע געווען אַ שווייגנדיקער, אַפילו אַ בייזלעכער, אָבער ביים לייענען פלעגט ער צייטנווייז זיך האַרציק אויפן קול פאַנאַנדערלאַכן, וואָס פלעגט אונדז, יונגוואַרג, ווי די עלטערע אַרבעטער, שטאַרק איבערראַשן. כאָנע פלעגט אונדז טאַדלען מחמת דעם, וואָס אויך מיר, יונגוואַרג, באַנוצן שמוציקע ווערטער און זידלען זיך. ער האָט אונדז אָבער נישט געפּריידיקט מאָראַל און זיך נישט געמישט אין אונדזערע געשלעגן. ער האָט בלויז געוואָרנט נישט אַריי־בערכאַפּן די מאָס.

נאָך אַן אייגנשאַפט האָט ער געהאַט — טראָגן ברילן, הגם ער איז געווען יונג. דאָס איז דעמאָלסט געווען אַ זעלטנהייט. ביי די ייִדישע אַרבעטער האָט דעמאָלסט עקזיסטירט אַ מין פאַראורטייל קעגן ברילן. זיין לעבנס־שטייגער, זיין אויפפירונג און זיין באַציִונג צו מענטשן האָבן געמאַכט דעם איינדרוק אַז כאָנע האָט די אַמביציע צו לעבן לויט אייגענע געזעצן. ער איז געווען איינגעשלאָסן אין זיך, זיך געהאַלטן אָפּגעזונטערט פון די איבעריקע אַרבעטער, וועלכע האָבן

אים איראָניש גערופן „פילאָזאָף“. אייגנטלעך איז דער צונאָמען „פילאָזאָף“ באַנוצט געוואָרן נישט נאָר צו כאָנען, נאָר אויך צו אַנדערע אַרבעטער און אינטעליגענטן. מיר, יונגוואַרג, האָבן געוווּסט וועגן „פילאָזאָפן“, אַז זיי האַלטן אָפּ פאַרזאַמלונגען און אַז מען דאַרף זיך היטן פון זיי, ווייל זיי טוען אָפּ זאַכן, וואָס זענען נישט „יידישע עסקים“. מען האָט געוווּסט, אַז כאָנע האָט נישט געדאַוונט, נישט געלייגט קיין תפילין און איז אַפילו שבת נישט געגאַנגען אין בית־המדרש. אויך אַנדערע אַרבעטער האָבן נישט אָפּגעהיט אַלע מנהגים. זיי האָבן אָבער זייער זינד געהאַלטן בסוד פון מיין פעטער, וועלכער איז געווען שטרענג רעליגיעז, אַ בקי אין תורה און אַ גבאי אין איינער פון די ווילנער שולן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין ספּעציעלע כוונות. עס איז ביי זיי געווען רעכט יאָ דאַוונען און נישט דאַוונען. כאָנע, אין קעגנטייל, האָט פולשטענדיק זיך צעשיידט מיט דעם בית־המדרש, אָפן און פּרינציפּיעל פאַרלאָזט דעם רעליגיעזן דרך.

צוזאַמען מיט אים האָט ביי אונדז געאַרבעט אַן עלטערער מענטש מיט גרויע האָר אין זיין באָרד. ער איז געווען זייער רעליגיעז, געטראָגן אַן ארבע־כנפות, אָפט אונטערגעזונגען תפילה־ניגונים, געדאַוונט מיט התלהבות, אויסשרייענדיק אויפן קול באַשטימטע טיילן פון דער תפילה. צייטווייז פלעגט ער באַפאַלן כאָנען מיט זידלערייען און געסטראַשעט אים מיט כל הנגישות אין גהינום. כאָנע פלעגט דאָס נעמען גוטמוטיק, געשמייכלט, איראָניש אים געענטפערט, אַז ער גלייבט נישט „אין די אַלע זאַכן“, אָבער זיך נישט אַריינגעלאָזט אין אַ דיסקוסיע וועגן דעם „עצם־ענין“ רעליגיע.

***

איך ווייס נישט צוליב וועלכער סיבה כאָנע האָט אונדז פאַרלאָזט, צי מען האָט אים אַוועקגעשיקט אָדער ער איז אַוועק לויט זיין אייגענעם ווילן. אַלנפאַלס, די געשעפטן האָבן זיך זייער פאַרערגערט. מיר האָבן געמוזט אויפגעבן דעם וואַרשטאַט מיט דעם געוועלב, וואָס האָבן אין ווילנע, אין משך פון צענדליקער יאָרן, געהאַט אַ זייער גוטע רעפּוטאַציע.

זעקס יאָר שפּעטער האָב איך אים געטראָפן אין קאָוונע. ער איז שוין געווען פאַרהייראַט, געהאַט אַ קינד, געאַרבעט פאַר זיך, און זיך ספּעציאַליזירט אין פּראָדוצירן גאָלדענע קייטעלעך. איך מיין, אַז די דאָזיקע ספּעציאַליטעט האָט ער דערוואָרבן אין אויסלאַנד. זיין פרוי גוסטאַ איז אויך געווען איינע פון דער ווילנער גרופּע, וואָס זייטיקע מענטשן פלעגן רופן „פילאָזאָפן“. זי האָט געהאַלטן,

אַז צוליב דאָס קליין קינד דאַרף זי צייטווייליק נישט אָנטייל נעמען אין דער באַוועגונג. כאַנע האָט מיט איר איינגעשטימט, און דערפאַר האָבן ביידע ביז אַ געוויסער צייט זיך געהאַלטן פון דערווייטן. אייניקע פון אונדזערע, איך בתוכם, זענען אָבער געווען שטענדיקע אַריינגייער צו זיי, און ביי אַ געלעגנהייט אָפּגע־האַלטן אין זייער שטוב פאַרזאַמלונגען.

איך גלויב אַז אַזאַ הויזגעזינד האָט מען נישט געקאָנט געפינען אין גאַנץ קאָוונע און אפילו נישט אין ווילנע. זייער קליינע דירה, ווו עס האָט זיך אויך געפונען דער וואַרשטאַט פון די קייטעלעך, איז געווען ריין ווי קרישטאָל. פאַר דעם קינד האָט גוסטאַ געזאָרגט ווי פאַר אַ פּרינץ. „און מיט וואָס איז ער ער־גער פון אַ פּרינץ", איז געווען איר טענה. דערביי פלעגט זי אַרויסנעמען פון בעטעלע דאָס קינד, אים מיט פרייד און שטאָלץ ווייזן אַלעמען. זי האָט דאָס יינגעלע געשפּייזט, געבאָדן און געוויקלט אין וויקעלעך, לויט די אָנווייזונגען פון זשוקן*). אויך כאַנע האָט מיט נחת געהאַלטן דאָס קינד אין זיינע הענט.

גוסטאַ האָט אַליין אַלץ גענייט פאַר דעם קינד, אַליין געוואַשן פאַר דעם גאַנצן הויזגעזינד, און פונדעסטוועגן זיך געהאַלטן זייער ציכטיק. נישט נאָר האָט זי פאַרמאָגט „גאָלדענע הענט", וואָס האָבן זיך צו אַלץ געטויגט, נאָר זי איז אויך געווען אויסערגעוויינטלעך לעבנס־לוסטיק. פליייסיק און אַ גרויסע בריה, האָט זי געפירט די באַלעבאַטישקייט, זאָרגנדיק ספּעציעל פאַר ריינקייט און באַקוועמלעכ־קייט אין הויז. דער סאַמאָוואַר אויפן טיש האָט געבלישטעט מיט ריינקייט, ווי אייגנטלעך אַלץ ביי איר אין הויז. אפילו די מכשירים אויף כאַנעס וואַרשטאַט זענען געווען אויסגעשטעלט אין בעסטער אָרדענונג. איר אייגן פאַך, שניידעריי, האָט גוסטא אויך נישט אויפגעגעבן. פאַר אייניקע פון אירע געטרייע קליענטן האָט זי געאַרבעט ביי זיך אין דער היים.

גוסטאַ איז געווען געבענטשט מיט מוטערלעכע שיינקייטן און קערפּערלעך גוט געבויט. איר פּנים איז געווען באַלויכטן מיט אַ פּאָר ברוינע, קלוגע אויגן מיט שוואַרצע ברעמען. איר קאָפּ איז געווען באַצירט מיט גלאַטיק פאַרקעמטע שוואַרצע האָר און איר שטערן איז געווען אַ גרויסער און גלאַטער. איר הילכיק געלעכטער פלעגט אַנטפּלעקן אַ שורה ווייסע, געזונטע ציין. זי האָט ליב געהאַט זיך צו וויצלען, איבערהויפּט אויף דעם חשבון פון יענע, וואָס קרעכצן און באַ־

---

*) זשוק האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן נאָמען „די מאַמע און דאָס קינד", וואָס האָט געלערנט ווי זיך צו באַגיין מיט קליינע קינדער. דאָס בוך איז געווען זייער פּאָפּולער־

קלאָגן זיך. פאַרמאַטערט, פלעגט זי זיך אַוועקזעצן פאַר אַ פאָר מינוט. באַלד פלעגט זי אויפשפרינגען, פונקט ווי מען זאָל האָבן איר אַריינשעפּטשעט אין אויער עפּעס אַן איבעררעאַשנדיקע ידיעה. זי פלעגט זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט אַן אָפּגעפּרישטע און צופרידענע. ס'האָט ממש געאָטעמט מיט לעבן פון איר. אַ צופרידענע מאַמע, אַ צופרידן ווייב, איז זי אַלע מאָל גרייט געווען אויפצונעמען געסט. אפילו געאַרבעט האָט זי מיט פרייד. איר צופרידנקייט אָבער האָט נישט געשטאַמט פון לייכטזיניקייט. אין קעגנטייל, זי איז געווען ערנסט און באַוווסט־זיניק. זי האָט אַפילו שטאָלצירט מיט איר באַוווסטזיניק, מיט איר בילדונג און וויסן.

כאַנע איז געווען אַ גלייכע פאָר צו איר. אַ געוויקסיקער, מיט שטאַרקע מוסקולן, איז ער, פונקט ווי זי, געווען אַ ברונעט אָבער מיט אַ פאַרכמורעט פנים און אַ געשווירענע געדיכטע באָרד. איך האָב שוין דערמאָנט וועגן זיין ענלעכקייט צום שריפטשטעלער רעשעטניקאָוו. כאַנע איז געווען אַ שווייגנדיקער, אַ צוריק־געצויגענער, קאַרג אויף ווערטער. אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעזונדערט פון מענטשן, האָט אָנטייל גענומען אין געשפּרעכן און דיסקוסיעס, הגם זיך אַלע מאָל באַגרענעצט מיט קורצע און טרעפלעכע באַמערקונגען.

— צום ענין, צום ענין... פלעגט ער כסדר פאָדערן, בשעת איינער פון אונדז פלעגט זיך פאַרגאַלאָפּירן און נישט גערעדט צו דער זאַך.

כאַנעס פאַמיליע־נאָמען איז געווען ליפשיץ, אָבער אין די „קרייזלעך" האָט ער פיגורירט אונטער דעם נאָמען „מיכאַיל". בעת דער אַזוי גערופענער „קרייז־לעך־תקופה" איז ער געווען צווישן די ערשטע אַרבעטער, וואָס האָבן געגאַסן פון דער פּראָפּאַגאַנדע, אָנגעפירט פון אינטעליגענטן. אין די דעמאָלטדיקע קרייזלעך האָט מען זיך דער עיקר פאַרנומען מיט לערנען און אויסבילדן באַוווסטזיניקע אַרבעטער. צו ערשט האָט מען זיי געלערנט רוסיש, דערנאָך איז מען אַריבער צו באַקענען זיי מיט די גרונט־יסודות פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. מען האָט זיי אויך געגעבן צו לייענען אַזעלכע ביכער ווי טשערנישעווסקיס „וואָס טוט מען" (טשטאָ דעלאַט), שפּילגאַגינס „איינער אויפן שלאַכטפעלד איז קיינער" (אָדין ווּ'פּאָליע ניע וואָין), עמיל זאָלאַס „זשערמינאַל" אד"גל. די טענדענץ איז געווען צו וועקן ביי די אַרבעטער אַ טענדענץ צו לייענען ראָמאַנען מיט אַ סאָציאַלן אינהאַלט. שפּעטער איז מען אַריבער צו באָקלס „געשיכטע פון ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד", מירטאָוו־לאַווראָווס „היסטאָרישע בריוו", דרעפּערס „געשיכטע פון אייראָפּעס גייסטיקער אַנטוויקלונג", לאַסאַלס רעדעס און זיין „פּראָגראַם פאַר אַר־

בעטער", מאַרקס' „אַרבעט-לוין און קאַפּיטאַל" און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פּלעכאַנאָווס בראָשורן.

נישט אַלע פון די, וואָס מען האָט אַריינגעצויגן אין די „קרייזלעך", האָבן דורכגעמאַכט די גאַנצע פּראָגראַם. אייניקע האָבן זיך אַליין צוריקגעצויגן, אַנדערע זענען געווען געצוווּנגען איבערצורייסן די לימודים. אָבער מיט יענע, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די פּראָגראַם, האָבן די אינטעליגענטן ווייטער געלערנט דעם אלף־בית פון מאַרקסיזם, די מיינונגס־פאַרשידנהייטן פון די מאַרקסיסטן מיט די נאַראָדאָוואָלצעס, פּלעכאַנאָווס „מאָניסטישער בליק אויף דער געשיכטע", אאַ"וו. כאַנע האָט גרינטלעך אַדורכגעמאַכט די שול פון די „קרייזלעך" און באַנומען דעם גייסטיקן גאַנג פון דער מענטשהייט. ער האָט זיך גוט פונאַנדערגעקליבן אין עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם. ער האָט אַליין געקאָנט אויפקלערן די גרונט יסודות פון קלאַסנקאַמף. ער האָט אַ סך געלייענט. ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער רוסישער ליטעראַטור, און ממש פאַרליבט אין די רוסישע קלאַסיקער. דערצו איז ער אויך געווען גוט באַקאַנט מיט דער דייטשער ליטעראַטור און מיט די ווערק פון די ענגלישע שריפטשטעלער, ווי דיקענס, וואַלטער סקאָט און שעקספּיר, וועלכע ער האָט געלייענט אין די רוסישע איבערזעצונגען.

***

אין ווילנע האָט גוסטא געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון אַ קלוגער און טיכטיקער פּראָפּאַגאַנדיסטקע. אויך זי האָט אַדורכגעמאַכט די שול פון די „קרייזלעך", הגם זי האָט איינגעזאַפּט ווינציקער וויסן איידער איר מאַן. אויך זי האָט מיט גרויס חשק געלערנט. לייענען און לערנען איז ביי זייביידן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינערלעכן דראַנג אָנצוזאַמלען וואָס מער וויסן. זי האָט באַלאַנגט צו יענער גרופּע ערשטע סאָציאַליסטן, ביי וועמען די „קרייזלעך" האָבן זיך איף אייביק איינגעקריצט אין זכרון. אַ דאַנק די „קרייזלעך" איז זי גייסטיק אויסגעוואַקסן. עס איז אָבער געשאַפן געוואָרן אַ מחיצה צווישן איר און די אַרבעטער־מאַסע. איר האָט געצויגן צו דער אינטעליגענץ, וועמען זי איז פונדעסטוועגן פאַרבליבן פרעמד. זי איז געוואָרן אַ מענטש אָן אַ סביבה, אָן אַן אינטימען צוזאַמענבונד מיט אַנדערע.

ער און זי האָט פולקאָם איינגעשטימט מיט אונדזערע נייע מעטאָדן פון אַגיטאַציע און מיט דער שטעלונג, אַז מיר דאַרפן ווערן אַ מאַסן־באַוועגונג, וואָס זאָל זיין קאַמפּעטיק. אַליין אָבער זענען זיי פאַרבליבן מענטשן פון „קרייזלעך"

און זיך נישט געקענט צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

**
*

כאַנע איז געווען צווישן די געציילטע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן שוין דעמאָלט אַליין אַבאָנירט צייטונגען. איך פלעג אים ברענגען רוסישע זשורנאַלן און מיר פלעגן זיך פאַרזאַמלען ביי אים, כדי זיי לייענען. אויפן קול האָט מען געלייענט אַן אַרטיקל און דערנאָך דעבאַטירט וועגן דעם. ווי אַ כלל פלעגט זיך אַנטוויקלען אַ טעאָרעטישע דיסקוסיע. קיין טעמעס האָבן נישט אויסגעפעלט. מיר האָבן זיך באַשעפטיקט נישט נאָר מיט אַזעלכע גרונט־טעמעס ווי דער עיקר פון סאָציאַליזם, מעטאָדן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און די יידן־פראַגע, נאָר אויך מיט עטישע פּראָבלעמען, מיט ענינים פון רעכט און פליכט, מיט די באַציִונגען צווישן מאַן און פרוי, משפּחה־איינאָרדענונג אאַ״וו. מיר האָבן דיסקוטירט וועגן דעם ווי דאַרף לעבן אַ מענטש, וואָס איז געוואָרן באַוווסטזיניק, וואָס באַנעמט שוין זיין מענטשלעכע ווירדע; איינער, וואָס האָט זיך באַפרייט פון אַבערגלויבן און האַלט נישט פון די פאַרעלטערטע טראַדיציעס און מנהגים, וואָס שטרעבט צו לעבן לויט אַ נייעם נוסח, אַ לעבן פון אַ קעמפער, וואָס איז באַזעלט מיט דעם אידעאַל צו באַפרייען פון קנעכטשאַפט און עקספּלואַטאַציע די האָרעפּאַשנע מאַסן. גוסטאַן האָט באַזונדערס שטאַרק אינטערעסירט די פראַגע פון רעכט פון אַ פרוי אויף מוטערשאַפט. טראָץ איר פעסטגעשטעלטע מיינונג און אָנגענומענעם באַשלוס, האָט זי זיך געפילט דערשלאָגן דורך דעם, וואָס זי האָט זיך דערווייטערט פון דער באַוועגונג, וואָס זי האָט נישט באַזוכט קיין פאַרזאַמלונגען, נישט געגאַנגען אויף דער „אַרבעטער־בירזשע", נישט אָפּגעגעבן זיך מיט רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע. די הערשנדיקע מיינונג צווישן אונדזערע איז געווען, אַז פרויען־אַרבעטערינס און אינטעליגענטקעס, וואָס באַשליסן צו ווידמענען זיך דער באַוועגונג, טאָרן נישט האָבן קיין קינדער. גוסטא האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיט אַזאַ צוגאַנג. איר מוטער־געפיל, איר מוטער־פרייד האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם.

זי האָט אַרגומענטירט, אַז אַ פיזיש־נאָרמאַלע פרוי טאָר בשום אופן נישט בלייבן אָן קינדער.

אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז אַ פרוי דאַרף אויסוויילן — אָדער קינדער אָדער אַנטייל אין קאַמף. מיר האָבן געטענהט, אַז דער, וואָס ווידמעט זיך דעם קאַמף,

דאַרף ניִשט בויען זײַן פֿאַמיליע־גליק... אונדזער באַוויַיז איז געווען, אַז אַ קינד האָט געבונדן גוסטאַס און כאַנעס הענט.

— ניִשט אויף שטענדיק — איז געווען איר ענטפֿער. — מיר האָבן זיך דאָך אויף קיין האָר ניִשט געענדערט, ניִשט אָפּגעזאָגט זיך פֿון אונדזערע אידעאַלן. אויב אַלע אונדזערע פּרויען וועלן ניִשט האָבן קיין קינדער, ווער וועט געבן אַ בײַשפּיל ווי צו זײַן אַ באַוווסטזיניקע מאַמע, ווי מען דאַרף האָדעווען קינדער? — האָט גוסטאַ געטענהט.

מיר האָבן איר געענטפֿערט: ווען מען וועט אויפֿהערן אונדז צו פֿאַרשפּאַרן אין טורמעס און פֿאַרשיקן אין סיביר פֿאַר אונדזערע אידעאַלן, ווען מיר וועלן האָבן פֿרײַהייט פֿון פֿאַרזאַמלונגען און פֿון אָרגאַניזירן זיך אין פֿאַראייִנען, ווען מיר וועלן האָבן אַזעלכע פֿרײַהייטן ווי די אַרבעטער אין אַמעריקע, דעמאָלט וועלן מיר האָבן און דערציִען אונדזערע קינדער, דעמאָלט וועלן מיר וויסן וואָס פֿאַר אַ גוטע מאַמעס אונדזערע פּרויען קענען זײַן.

— און ביז דעמאָלט? — האָט זי געפֿרעגט.

— ביז דעמאָלט דאַרפֿן מיר מאַכן דעם אויסוואַל: אָדער אונדזער אַרבעט, אונדזער קאַמף, אָדער מוטערשאַפֿט און אַ משפּחה, — איז געווען דער ענטפֿער.

— דערמיט קען איך ניִשט אײַנשטימען. אייגנטלעך איז אַ סך אָפּהענגיק פֿון דעם ווי איינער פֿילט... — האָט גוסטאַ געזאָגט.

זי האָט אײַנגעשטימט, אַז אין דער „צוקונפֿטיקער געזעלשאַפֿט“ וועט מען דאַרפֿן אײַנפֿירן „געזעלשאַפֿטלעכע דערציִונג פֿון קינדער“. אָבער ניִשט פֿריִער אײדער מיר וועלן האָבן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג... געזעלשאַפֿטלעכע זאָרג פֿאַר קינדער איז געווען פֿאַר איר אַן אַבסטראַקציע, וואָס האָט ניִשט געשטימט מיט איר נאַטור. זי האָט אָפֿט מודה געווען, אַז זי קען זיך ניִשט פֿאָרשטעלן ווי אַזוי מען וועט אַדורכפֿירן די געזעלשאַפֿטלעכע דערציִונג פֿון קינדער. וועגן דעם ענין האָט זי געשטעלט אַ סך פֿראַגן: ווען וועט מען דאָס קינד אַוועקנעמען פֿון דער מאַמע? בעת עס וועט אַלט ווערן איין יאָר אָדער שפּעטער? און אַז מען וועט אַוועקנעמען פֿון איר דאָס קינד, וועט איר דערלויבט זײַן זען עס ווען נאָר זי וועט וועלן? ווי אַזוי וועט מען ווערבירן געזעלשאַפֿטלעכע דערציִער? וויפֿל קינדער וועט איין דערציִער האָבן אונטער זײַן אויפֿזיכט? אאַז״וו. אאַז״וו.

בײַ כאַנען פֿלעגט גוסטאַס נײַגעריקייט אַרויסרופֿן געלעכטער און ער פֿלעגט זאָגן:

— וואַרט צו, האָב געדולד. זאָל פריִער אָנקומען דער סאָציאַליזם, וועלן מיר דערנאָך זען.

גוסטאַ איז נישט געבליבן שולדיק אַן ענטפער:

— נישט איר, מענער, גיט געבורט צו קינדער, און נישט איר זויגט זיי...

כאַנע און גוסטאַ האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט, און געפירט אַ שיין לעבן.ביידע האָבן געוווּסט און שטאָלצירט דערמיט, וואָס זיי לעבן אַנדערש ווי זייער אַרום. זייער לעבן האָט זיך טאַקע קאַרדינאַל אונטערשיידט פון דאָס צרהדיקע, אומעטיקע, פול מיט זאַבאַבאָנעס, אָרעם לעבן פון ייִדישע אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן אין ליטע און פוילן. זייער לעבן איז געווען באַצירט מיט אַן אידעאַל. זיי האָבן באַוווּסטזיניק געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן אַ נייעם נוסח פון אַן אַרבעטער־לעבן, געוואָלט אַליין געבן אַ ביישפּיל פון אַזאַ זויבערן, ציכטיקן און באַקוועמען משפּחה־לעבן, וואָס איז געבויט אויף יסודות פון ליבע, פון גוטע קעגנזייטיקע באַציִונגען, פון גלייכהייט. צו באַזוכן זיי איז געווען אַ פאַרגעניגן. זייער קליינטשי־קע דירה האָט אונדז געצויגן. מיר פלעגן זיי טאַקע אָפט באַזוכן, אָבער אַלע מאָל געזאָרגט, אַז די דירה זאָל בלייבן „ריין", דאָס הייסט, נישט צוציִען די אויפ־מערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי.

***

איך האָב שוין דערמאָנט גוסטאַס באַשלוס עטלעכע יאָר נישט צו נעמען קיין דירעקטן אָנטייל אין דער באַוועגונג, כדי אַרומרינגלען איר קינד מיט מוטערלעכע זאָרג. איר האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן איר פּראָגראַם. ווי מיט אַ מאַגנעט האָט איר און כאַנען געצויגן צו די „אייגענע", צו זיין פאַרבונדן מיט דער אַרבעט, זיך צו טרעפן מיט מענטשן, וואָס האָבן די זעלביקע אידעאַלן און פירן דעם זעלביקן קאַמף. ביסלעכוויַיז האָבן זיי אָנגעהויבן צו העלפן דער באַוועגונג אומדירעקט, ווי צ״ב דורך שטעלן זייער דירה אין אונדזער רשות פאַר אויסערגעוויינלעך־קאָנספּיראַטיווע צוזאַמענקונפטן. אָבער דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז נאָך אײדער עס האָט זיך פאַרענדיקט דער טערמין, וואָס גוסטאַ האָט זיך אַליין געשטעלט, האָט מען זיי ביידע אַרעסטירט און באַ־שולדיקט, אַז זיי פאַרנעמען זיך מיט רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. איך בין דעמאָלסט שוין נישט געווען אין קאָוונע, און איך געדענק נישט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זייער קינד. איך מיין אַז גוסטאַ האָט אים מיטגענומען אין טורמע.

ערשטע שפּראָצונגען

כּאַנע און גוסטאַ זענען געווען פון די ערשטע שפּראָצונגען, וואָס די נאָר־וואָס געבוירענע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן.

זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם נייעם לעבנס־אופן פון אַ יידישער אַרבעטער־משפּחה, וואָס איז געווען געבויט אויף גלייכהייט פון מאַן און פרוי, אויף אַ געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, אויף קולטור, זאָרגפעליקייט און זויבערקייט און קודם־כּל אויף ראַציאָנאַלע דערציִונג פון קינד.

היינט צו טאָג איז שווער צו פאַרשטיין די רעוואָלוציאָנערע איבערגעשטאַלטונג, וואָס די באַוועגונג האָט פאַראורזאַכט אין לעבן פון די יידישע אַרבעטער. דער נייער לעבנס־נוסח האָט געפאָדערט איבערצורייסן מיט די איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס פון אַמאָל. אָרגאַניזירן אויף אַזאַ נייעם אופן דאָס אייגענע לעבן איז געווען אַ געוואַגטער שריט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ גייסט פון פּיאָנערן.

„אונדזער אַלעקסאַנדער“

אינעם קרייז יונגע אין ווילנע, ווו איך בין געווען איינער פון די יינגסטע, האָט מען פאַר אַלעקסאַנדערן געהאַט גאָר אַ ספּעציעלן דרך־ארץ. איך מיין, עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, אויב איך וועל זאָגן, אַז מיר האָבן צו אים געפּילט דעם אמתן יראת־הכבוד. ווען עמעצער פלעגט בעת אונדזערע וויכוחים אַ זאָג טון: „אַזוי האַלט אַלעקסאַנדער“, איז שוין דאָס געווען גענוג, אַז איטלעכער פון אונדז זאָל האַלטן פאַר ריכטיק און פאַר נייטיק איבערצוטראַכטן און קאָנטראָלירן זיין אייגענע מיינונג.

מיט אַנדערע „עלטערע“ — אָדער, ווי מיר פלעגן זיי רופן, אָנפירערס — איז מעגלעך געווען באַקאַנט צו ווערן, קענען זיי. אָבער באַקאַנט ווערן מיט אַלעק־סאַנדערן — דאָס איז שוין געווען דאָס העכסטע וואָס מען האָט געקענט דערגרייכן, דער צו האָט מען געדאַרפט זוכה זיין! דאָס ווערט פאַרשטענדלעך, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז אַלעקסאַנדערן האָט מען געהאַלטן פאַרן ראש פון אונדזער יונגער באַוועגונג נישט נאָר צווישן אונדז, נאָר אויך צווישן די עלטערע, צווישן די וואָס זענען שוין אַליין געווען אָנפירערס און וואָס זענען געווען כמעט אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט אים. ווי דעם „ראש“ האָט מען אים פאַרשטייט זיך, איבער קאָנספּיראַציע־טעמים, געהיט פאַר איבעריקע און נאָך מער פאַר נישט גענוג „זיכערע“ קאָנטשאַפּטן.

ווי אַזוי איך אַליין האָב זיך מיט אים באַקענט, געדענק איך שוין נישט. מעגלעך, אַז אויף איינעם פון די קאָנספּיראַטיווע יום־טובים... אָבער איך דערמאָן זיך קלאָר, ווי איינער פון מיינע חברים, אַ מער באַהאַוונטער פון מיר, וואָס ער איז געווען נענטער צו די „העכערע“, האָט מיר אַמאָל אויף דער גאַס אָנגעוויזן אויף „אונדזער אַלעקסאַנדערן“ און גראָד אין אַ מאָמענט, בשעת יענער איז גיך

אַריין אין עפּעס אַ טויער. איך האָב דערזען צום ערשטן מאָל זיין בידעריקלעכע, פעסט געבויטע, אָבער מיט עפּעס וואָס אַ ביסל אומגעלומפּערטע פיגור... עס איז פאַרבליבן אַ רושם פון אַ שטרענגן און אפשר אויך אַ שלעכטן מענטשן.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז בעת איך האָב זיך באַקענט מיט אים, פלעג איך אים נישט נאָר זען אָפט, נאָר כ׳פלעג אויך פשוט אַריינקומען צו אים. דאָס האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס איך האָב געוווינט נאָענט לעבן אים, ערגעץ אויף זאַרעטשע. אָבער קודם־כל איז עס געווען אַן אויסדרוק פון זיין ספּעציעלער סימ־פּאַטיע צו מיר, וואָס צוליב דעם האָט ער אויך געהאַט צו מיר צוטרוי. עס איז איבעריק צו דערציילן, ווי דאָס איז געווען ביי מיר אַנגעלייגט און ווי דאָס האָט געחנפעט מיין יוגנטלעכער אַמביציע.

ער פלעגט מיך אַריינלאָזן צו זיך אָדער ער פלעגט מיך לאָזן בלייבן אַפילו דעמאָלט, בעת עס פלעגן ביי אים זיין די „עלטערע״, יענע וואָס האָבן געהערט צו די העכערע, ווי טימאָפיי קאַפּעלזאָן, רבקה לאָס, גליעב מוטניק און פּאַטי סרעדניצקי, גאָר אַ נאָענטער מענטש זיינער.

אין משך פון איין זומער פלעג איך כמעט אַלע טאָג קומען צו אים אינדער־פרי פאַרן אָנבייסן. אַמאָל פלעג איך שוין געפינען די טיי „פּאַרטיק״, ד״ה, אַלעק־סאַנדער האָט זיך שוין אַליין עוסק געווען אַרום דעם. אָבער ס׳רוב פלעג איך זען צו קומען ביי צייטנס, כדי צו באַפרייען אַלעקסאַנדערן פון דער טירחה צוצו־גרייטן טיי, וואָס דער עיקר אַרבעט איז דאָ געווען צו גיין פינף מינוט, בערך, נאָך הייס וואַסער. איך פלעג נעמען דעם טשייניק און אַוועקגיין נאָך „קיפּיאַטאָק״ 1) וואָס איך פלעג קויפן פאַר אַ קאָפּיקע אָדער פאַר אַנדערטהאַלבן צי אַפילו פאַר צוויי, אויב אַלעקסאַנדער האָט זיך אויף עמעצן געריכט. אויפן וועג פלעג איך קויפן ברויט און אַמאָל אויך בייגל. אָפּגעטרונקען און עפּעס אַ קיי געטון, פלעגן מיר אָפט גיין זיך באָדן — כ׳געדענק אויסגעצייכנט: אין יאַגיכעס באָד, ביי דער ווילענקע.

זיין מיט אַלעקסאַנדערן אַזוי נאָענט אויפגעטראָגן, ביז באָדן זיך מיט אים צוזאַמען — קיינער וועט איצטער נישט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז געווען פאַר מיר, וואָס אי וועדליג מיינע יאָרן בין איך געווען אַ סך יינגער פון אים אי אין אונדזער קרייזלעך־היעראַרכיע בין איך געשטאַנען אויף אַזוי פיל נידעריקער!

איך פלעג זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז טייל פון די וואָס איך פלעג אַמאָל טרעפן

1) זודיק וואַסער.

ביי אים אָדער די וואָס פלעגן קומען צו אים, בעת איך בין דאָרטן געווען, זענען נישט שטאַרק צופרידן פון מיין בייזיין — זיי פלעגן מיך אָנקוקן פרעגעוודיק, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „וואָס איז ער דאָ עפּעס? נישט ווערדליג זיין עלטער, נישט ווערדליג די אויפטוען זיינע דאַרף ער דאָ זיין...״ אָבער אַלעקסאַנדער פלעגט קיין שום אַכט נישט לייגן אויף זייערע פאַרחידושטע בליקן. אָן שום הקדמות פלעגט ער נעמען מיט זיי ריידן וועגן די ענינים, צוליב וועלכע זיי זענען געקומען. עס פלעגט אַגב טרעפן, אַז ער פלעגט מיר הייסן אַוועקגיין, קומען שפּעטער — עס פלעגט זיין קלאָר, אַז דאָס האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק מחמת קאָנספּיראַציע, און איך פלעג זיך פון דעם לחלוטין נישט שפּירן געטראָפן. אויף דעם איז עס דאָך קאָנספּיראַציע...

אָפט מאָל פלעג איך בייזיין ביי די דיסקוסיעס, דער עיקר וועגן ענינים פון דער באַוועגונג; אַמאָל וועגן געשעענישן פון פּאָליטישן לעבן און אויך וועגן ליטעראַרישע ענינים*). פאַר מיר האָבן די דאָזיקע שמועסן און וויכוחים געהאַט אַ געוואַלדיקן דערציִערישן באַטייט, און דאָס איז אַלעקסאַנדער אויסן געווען. איך פלעג זיך צוהערן זייער אָנגעשטרענגט, כ׳פלעג זען נישט צו פאַרהערן קיין איין וואָרט — דער עיקר פון דעם וואָס אַלעקסאַנדער פלעגט זאָגן; אין זיינע ראיות פלעגט מיך שטענדיק פאַרחידושן די לאָגישע געסדרטקייט, די קלאָרע פשטות. אַלץ וואָס עס פלעגט לכתחילה אויסווייזן פאַרפלאָנטערט איז ער מסוגל געווען אַרויפצוברענגען אויף אַ דרך. די באַדערפעניש אין קלאָרקייט האָט אויסגעוויזן צו זיין ביי אים עפּעס ווי אָרגאַניש, עפּעס ווי זי וואָלט אַרויסגעדרינגען פון זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט. קיינער איז נישט געווען בכוח אויפצווייזן אַזוי פשוט און אומברחמנותדיק קלאָר דעם קעגנערס טעות.

***

עס איז איבעריק צו דערציילן, אַז דער ערשטער רושם פון שטרענגקייט, וועלכן ער רעדט נאָר פון בייזקייט, איז צערונען געוואָרן. יאָ, אַלעקסאַנדער איז געווען שטרענג, אָבער קודם־כל צו זיך אַליין. ער פלעגט זיך ביז גאָר באַגרענעצן אין דעם אַלעם וואָס מען רופט אָן „באַקוועמקייטן״, ער האָט געלעבט באמת „שטרענג״. אויב מען קען אַזוי זאָגן, — ד״ה, אָן דעם אַלעם וואָס האָט געקענט זיין אָדער

*) מען פלעגט דעמאָלט זייער אַ סך און הייס דיסקוטירן וועגן דער „בייער טאַקטיק״, וואָס דער גייסטיקער פאָטער אירער איז געווען אַלעקסאַנדער.

אויסוויזן צו זיין איבעריק, דעקאָראַטיוו און נישט דורכויס נייטיק. צו אַנדערע איז ער געווען נישט שטרענג, נאָר ער פלעגט פאָדערן; פון אים האָט מען זיך געקענט אָראָפּנעמען אַ מוסר, און ער האָט פון אַנדערע אויך געפאָדערט פולע איבערגעגעבנקייט פאַר דער זאַך און מאַקסימום געוויסנהאַפטיקייט.

כ׳געדענק, עס איז געווען אַזאַ פאַל. איך האָב אויף אים געוואַרט אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה וואָס איז אַגב באַשטאַנען פון איין האַלב-פינצטערן צימער. די דאָזיקע דירה איז געווען באַשטימט אויסשליסלעך אויף צו האַלטן נישט-לעגאַלע ליטעראַטור, און בכדי אָפּצוווענדן חשדים האָט דאָרט געוווינט מייגע אַ באַקאַנטע.

עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז אַלעקסאַנדער וועט קומען אַהין אַרום פיר אַזייגער מיט דער „לאָדונג" אַ פּאָר שעה זענען פאַרביי און ער איז נישט געקומען. איך האָב מיט מיין באַקאַנטער געוואַרט ביז נאָך זיבן אַזייגער, און דערנאָך האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אַלעקסאַנדער וועט שוין געוויס נישט קומען, און מיר זענען אַוועק. אויף מאָרגן אינדערפרי בין איך געקומען צו אַלעקסאַנדערן; כ׳האָב זיך לחלוטין נישט געשפּירט שולדיק און כ׳האָב זיך געקליבן אים צו זאָגן, אַז מיר האָבן אויף אים געוואַרט און געוואַרט, אָבער אומזיסט... ער האָט מיך באַגעגנט טאַקע מיט אַן אמת שטרענגן פּנים, און איידער כ׳האָב נאָך באַוויזן צו זאָגן אַ וואָרט, האָט ער אויף אַ גאַנץ קאַטעגאָרישן אופן מיר געמאָלדן, אַז כ׳האָב געהאַנדלט נישט ווי אַ קאָנספּיראַטאָר, נאָר ווי אַ יינגל. ער האָט דערנאָך צוגעגעבן, אַז אַ קאָנספּיראַטאָר דאַרף קענען אויסרעכענען אַלע מעגלעכע צופאַלן און מניעות. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ היפּש „אַנגעשטאָפּטער" מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור איז ער געקומען אין דער דירה צען אַזייגער אינאָוונט און נישט געפונען נישט מיך, נישט מיין באַקאַנטע, האָט ער געמוזט גיין צו זיך אַהיים מיט דער גאַנצער טרייפער ליטעראַטור וואָס ער האָט געבראַכט. אים ווידער און זיין דירה האָט פּאָליציי געהאַט אויפן אויג... די טרייפע ליטעראַטור האָט מען בשלום אַריבערגעפּעקלט אין אונדזער קאָנספּיראַטיווער דירה אויף מאָרגן, אָבער איך האָב פון אַלעקסאַנדערן געהאַט מיין ערלעך אויסקומעניש. ער האָט געפאָדערט, איך זאָל פּרינציפּיעל מודה זיין אין מיין טעות. אין מיין לייכטזין, וואָרעם איך האָב נישט געטאָרט אַוועקגיין פון דער קאָנספּיראַטיווער דירה, כל-זמן מען האָט מיר אַזוי צי אַנדערש נישט אָנגעזאָגט, אַז איך מעג אַוועקגיין. — און אויב, האָט ער מיר אויפגעוויזן אָדער ריכטיקער „געשטאָכן": אויב מען דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן און עס קומט אויס צו פאַרלירן אויף דעם אַ גאַנצן טאָג, וועט איך

בינו־לבינו מיאוס ווערן צו וואַרטן, נישט אמת? גענומען דאָס מיידל אונטערן אָרעם, דאָס היטל אויפן קאָפּ און אַוועק שפּאַצירן? נישקשה פון אַ רעוואָלוציאָנער?!

אין משך פון עטלעכע טעג פלעגט ער מיר נאָך אַלץ געבן די רעכטע גאָב און דערנאָך האָט ער מיר שוין גאַנץ רויק געגעבן צו פאַרשטיין, הלמאי ער האָט פאַרשפּעטיקט: נישט ווייט פון דער דירה, ווו מען האָט איבערגעגעבן דעם טראַנספּאָרט ליטעראַטור וואָס איז אָנגעקומען פון אויסלאַנד, האָט מען באַמערקט אַ שפּיאָן. מען האָט געמוזט איבערוואַרטן, נאָכשפּירן, און אויף דעם איז אַוועק איבעריקע זעקס שעה.

***

אַלעקסאַנדער האָט ליב געהאַט צו איראָניזירן און אַפילו אָפּצולאַכן. אָבער לגבי אונדז יונגע האָט אין דעם נישט געשטעקט קיין שום בייזער מיין, קיין שום גאווה. אפשר איז עס גאָר געווען אַ גאַנג פון אַ לערער, אַ מין פאַרמעסטן זיך מיט אונדז. ער פלעגט אָנפאַלן, בכדי אויסצולערנען אונדז זיך צו שטעלן אַנטקעגן. די אויגן זיינע וואָס פלעגן בעת־מעשה צושמייכלען האָבן דוכט זיך ווי גערעדט: „נו־נו, ווייז, וואָס דו קענסט! לאָז זיך נישט, שיס אויף צוריק!" און ער פלעגט אָן אַ ספק שפּירן אַ סאַטיספאַקציע, אַפילו הנאה האָבן ווי ביים דערגרייכן אַ ציל, ווען מען פלעגט אויף אים נישט האָבן קיין פאַראיבל, נאָר מען פלעגט אים געהעריק און מיט ווערדע אָפּענטפערן.

דערפאַר איז, הגם מען פלעגט זיך דאַרפן פאַר אים „היטן", האָט מען זיך מיט אים געשפּירט לייכט און היימיש. דעם מהלך צווישן אים און די יונגע האָט אויסגעפּילט תמיד נאָר דער דרך־ארץ פאַר אים. מען האָט פאַר אים אַ ביסל מורא געהאַט, אָבער נאָך מערער האָט מען אים ליב געהאַט. דאָס האָט מען געשפּירט דער עיקר אין דער באַציִונג צו אים מצד די אַרבעטערס, די תלמידים אין זיינע „קרייזלעך". אַזוי היימיש פלעגט דוכט מיר מיט זיי נישט זיין קיין איינער פון די אינטעליגענטן־אָנפירערס אין יענער תקופה פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אַזוי וווּנדערלעך געקענט געבן צו פאַרשטיין, ער האָט געקענט מיט די פּשוטסטע ווערטער ריידן וועגן די קאָמפּליצירטסטע פּראָבּ־לעמען. ער האָט געוווּסט דעם סוד פון אַרויספירנדיקע פראַגעס און ער פלעגט תמיד אויפזוכן טרעפיקע ביישפּילן. און נאָך דער סאַמע ערנסטער לעקציע, נאָך דעם ווי ער האָט אויפגעקלערט און געטייטשט, צווינגענדיק איטלעכן „אַ טרייסל צו טון מיטן מאַרך", פלעגט ער, ווי קיינמאָל גאָרנישט, אַריבערגיין צו אַ גלייכ־

װאָרט, אַרױסרופנדיק בײַ אַלעמען אַ געלעכטער. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער קען זיך נישט באַגײן לאַנג אָן אַ גלײַכװערטל, אָן דעם, אַז ער זאָל געפינען אָדער געבן פון װאָס צו לאַכן.

דערפאַר פלעגט אַרום אים קײנמאָל נישט זײַן קײן אָנגעשטרענגטע ערנסט־קײט װאָס איז אַזױ נישט אָנגענעם אין די באַציִונגען צװישן עלטערע און ייִנגערע און צװישן העכערע מיט נידעריקערע. דער לערער איז אַלע מאָל געװען ביכולת צו בלײַבן דעם תלמידס אַ חבר, זײַנס גלײַכן. הגם מען פלעגט פון אים בײַ אַ געלעגנהײט „כאַפּן אַ פּסק" מער װי פון אַנדערע אָנפירערס, פלעגן זיך מיט אים לײַכטער װי מיט אַלע אַנדערע אײנשטעלן פשוטע חברישע באַציִונגען.

אַלעקסאַנדער פלעגט מיט אַ ברײטער האַנט פאַרטײלן זײַן װיסן, ער פלעגט זיך טײלן מיט זײַן געניטשאַפט און ער פלעגט מנצח זײַן מיט זײַן העכערקײט. מערנישט װען ער פלעגט אָנטרעפן אויף אויפגעבלאָזענער אַמביציע, אויף גאװה װאָס האָט קײן יסוד נישט, אויף פוסטער אײנגעגלײבטקײט, פלעגט ער קענען זײַן אומברחמנותדיק, ער פלעגט װאַרפן אויפן קעגנער אײנע נאָך דער אַנדערער שאַרפע פײַלן, װאָס איטלעכע פון זײ פלעגט טרעפן אין פּינטל. אָבער מיט פרײד פלעגט ער נאָכקוקן, װי מיר יונגע האָבן זיך געמענטשלט, זענען געװאָרן אַפילו לגבי אים דרײסטער און זיכערער, װי מיר האָבן גענומען ניצן אונדזערע אײגענע פליגלען. ער פלעגט צוגעבן מוט מיט זײַן צוטרױ.

ער איז געװען, פאַרשטײט זיך, זײער אַ שטרענגער קאָנספּיראַטאָר. ער פלעגט זיך אָבער קײנמאָל נישט אַרומרינגלען מיט קײן קאָנספּיראַציע־נעפּל. ער פלעגט זיך קײנמאָל נישט אָנבלאָזן. פאַרקערט, ער האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט יענע װאָס פלעגן זיך „פאַרנעמען מיט קאָנספּיראַציע", װאָס פלעגן מאַכן דערפון צו אַ גרױסן צימעס, האָבנדיק דערפון אַליין הנאה. ער פלעגט אַ מאָל בפרהסיא זיך װענדן צו אַזאַ כמו־קאָנספּיראַטאָר מיט אַ פראַגע װאָס פלעגט יענעם פלעפן מיט איר נישט־דיסקרעטקײט און װאָס פלעגט אין דער זעלבער צײַט אַנטפּלעקן, אַז יענעמס מכלומרשטע קאָנספּיראַציע איז אַרױסגעװאָרפן.

***

צי פלעגט אַלעקסאַנדער אונדז לערנען צו אַטאַקירן, געבן צו פאַרשטײן עפּעס אָדער זיך װיצלען, צי איז ער געװען מיט זײַנע תלמידים אָדער מיט די „קאָמיטעטשיקעס" — שטענדיק איז ער געװען ביז גאָר נאַטירלעך. מיט דער

דאָזיקער נאַטירלעכקייט זיינער איז פאַרבונדן אויך זיין אויסערגעוויינטלעכע ענוות. יאָ, אָט דער אַלעקסאַנדער וואָס פלעגט זיך רייסן און „דערגיין אין דער זיבעטער ריפּ" איז געווען ביז גאָר ענוותדיק און ער פלעגט זיך זייער לייכט פאַרשעמען. ער פלעגט נישט קענען לײַדן און פלעגט ווערן אין כעס, בעת מען פלעגט אים וועלן אָפּגעבן כּבוד. ווו עס פלעגט נאָר זיין אַ ביסל אַ גרעסערער עולם, פלעגט ער שטענדיק זען צו בלייבן נישט־באַמערקט און אַפילו אַ מאָל זיך באַהאַלטן הינטער אַנדערע. בעת עס פלעגט אים אויסקומען אַרויסצוטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען, האָט מען געזען, אַז ער איז דענערווירט. עס האָט זיך געשפּירט, אַז ער מוז גובר זיין די שעמעוודיקייט זיינע.

איך האָב אין מיין לעבן געטראָפן נישט ווייניק „פּירערס" פון פאַרשיידענע ריכטונגען, נאַציאָנאַליטעטן, פון פאַרשיידענער וואָג. אַזאַ ענוות ווי ביי אַלעקסאַנדערן האָב איך נישט באַמערקט ביי קיינעם.

איך ווייס, אַז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געווען אַ לערער. אָבער כ׳בין מודה — עס איז מיר שווער זיך פאָרצושטעלן אַלעקסאַנדערן וואָס האַלט זיך מעשׂה־לערער אין קלאַס, באַזונדער פון תּלמידים, אויבן אָן ביי אַ באַזונדערן טישל פאַר לערער... אויף אַזוי פיל האָט ער נאָך אין די ווייטע יאָרן, בעת די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט גענומען וואַקסן און זיך שטאַרקן אונטער זיין באַהאַוונטער און קלוגער אָנפירונג, אויף אַזוי פיל האָט ער דעמאָלט (ווי אַגב אויך שפּעטער אין אויסלאַנד) תּמיד מער ליב געהאַט צו פאַרבלייבן נישט־באַמערקט צווישן אַנדערע, נישט אַרויסצוזען זיך.

עס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז צאַרטקייט פּאַסט זיך צו אים גאָרנישט. נישט צאַרטקייט, נישט ליריק. ער פלעגט דאָך תּמיד אָפּלאַכן פון שפּירעוודיקייט; ער פלעגט זיך פלייסן צו געבן אַ ביישפּיל פון אַ ביסל אַ ניהיליסטישער פאַרהאַרטעט־ווערטקייט; ער פלעגט מאַכן אַ געלעכטער פון „קעלבערנער איינגעליבטקייט"; ער פלעגט אָפּהאַקן איטלעכע איבעריקע התפּעלות. ער האָט געוואָלט אַליין זיין און געלערנט יענעם זיין אין אַלץ אַ „רעאַליסט". און פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ מענטש מיט אַ צאַרטער נשמה... דאָס האָט געלעבט אין אים ערגעץ דאָרט גאָר טיף, אין גאַנצן נישט באַמערקלעך פאַר זייטיקע און אַפילו פאַר זיינע נאָענטע חברים, אויף וויפל זיי זענען אים געווען נאָענט נאָר אין שייכות „מיט דער זאַך". כ׳געדענק, אַז דאָס ערשטע מאָל האָב איך „אויפגעדעקט" אָט די צאַרטקייט זיינע, בעת עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן זיין באַציִונג צו די עלטערן. זיי זענען געווען זייער פרום, און אַלעקסאַנדער איז אינטעלעקטועל און פּאָליטיש געווען פאַרשטייט

זיך גאָר ווייט פון זיי. אָבער להיפוך צו דעם ווי עס האָבן זיך געהאַלטן לגבי זייערע עלטערן אַ סך אַנדערע, האָט ער זיינע עלטערן געשאַנעוועט ביז גאָר, ער פלעגט זען צו פאַרקלענערן די פאַרביטערטקייט וואָס זיי האָבן געמוזט שפּירן, וויסנדיק וואָס פאַר אַן אַרבעט ער טוט און וואָס עס וואַרט אויף אים כמעט נישט אויסצומיידן.

איינמאָל האָט ער מיך געבעטן, כ׳זאָל אַריינגיין צו זיינע עלטערן, זיי עפּעס אָנזאָגן, זיי וועגן עפּעס באַרויִקן. ער האָט מיר דערביי אָנגעזאָגט אַ ריי זאַכן, אַפילו ווי אַזוי איך זאָל זיך באַגריסן מיט זיין פאָטער, ווי אַזוי כ׳זאָל מיט אים ריידן, כדי כ׳זאָל אים חס־וחלילה מיט קיין זאַך נישט אָנרירן.

שפּעטער, בעת כ׳פלעג זיך מיט אים אָפּט טרעפן אין אויסלאַנד, האָב איך געהאַט נישט איין געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן, וואָס פאַר אַ צאַרטע נשמה ער האָט פאַרמאָגט און אויף וויפל ער האָט זיך אין דעם פּרט געהאַלטן אין די הענט.

**
*

אין אונדזער היימשטאָט ווילנע האָב איך אים דאָס לעצטע מאָל געזען דורכן תפיסה־פענצטערל. איך בין געזעסן אין דער מיליטערישער תפיסה וואָס איז געווען באַקאַנט א״נ „דער 14טער נומער״. די פענצטער פון די תפיסה־קאַמערן זענען געווען אַנטקעגן אַ באַרג, וואָס זיין נאָמען געדענק איך נישט צום באַדויערן. אָבער אין מיין קאַמער איז נישט געווען קיין פענצטער ווי אינעם רוב אַנדערע — נאָר אַ קליין פענצטערל אונטערן סאַמע באַלקן. די קאַמער איז דערפאַר געווען האַלב־טונקל, זי האָט אויסגעזען ווי אַ קעלער־שטוב, הגם זי איז געווען אויפן צווייטן גאָרן. בעת דער שומר אין קאָרידאָר איז געווען אַ מענטש, ד״ה, אויף אַזוי פיל אַ קלוגער זעלנער, אַז ער פלעגט נישט דערעסן אונדז, די „פּאָליטישע״, מיט כלערליי באַמערקונגען אין הסכם מיט די באַקומענע אינסטרוקציעס, פלעג איך צושטעלן צו דער וואַנט דעם טיש, אויפן טיש פלעג איך אַוועקשטעלן די „פּאַראַשע״ און אויף דער „פּאַראַשע״ דאָס בענקל, כ׳פלעג אַרויפקריכן אויף דער אַ פּיראַמידע, און ערשט דעמאָלט האָב איך געקענט דערגרייכן מיטן קאָפּ ביזן פענצטערל און כ׳פלעג מיט הנאה אַרויסקוקן אויף גאָטס וועלט; דעם הימל אַגב איז מיר נישט געראָטן צו זען. צי פלעגט די תפיסה אָנוואַרפן אַן אימה אַדער צום. באַרג גופא איז געווען שווער צוצוקומען, אָבער אויך זומער פלעגן זיך זעלטן אויף אים באַווייזן מענטשן, דער עיקר אין מיין זע־פעלד. ווינטער ווידער

פליען דאָ אַרומפּלאָנטערן מער נישט ווי קראָען — גאַנצע מחנות קראָען פליען מיט אַ קראַקערײַ זיך טראָגן איבער די נאַקעטע ביימער; אָדער זיי פליען ווי שוואַרצע פיגורן זיך אָנזעצן אויפן שניי, אָדער זיי פליען קייטנווייז פּליִען ערגעץ ווײַט אויף אַ „חתונה“, ווי איך האָב געמיינט קינדווייז, — און זיי פליען דערנאָך צוריקקומען מיט דער זעלבער בייזער קראַקערײַ.

איז אויסגעפאַלן גראָד אַזאַ טייערער טאָג, בעת די שמירה האָבן געהאַט סאַפּערן וואָס האָבן קיינמאָל און מיט קיין זאַך נישט דערקוטשעט און וואָס פליען נאָך אַ מאָל טון אַ טובה... איך האָב לאַנג געקענט אין גאַנצן רויִק קוקן דורכן פענצטערל, אָנקוקן דעם שניי, אָבסערווירן די קראָען. עס האָט שוין געהאַלטן ביי בין־השמשות, בשעת די קראַקערײַ פון די קראָען נעמט עפּעס ספּעציעל דערעסן ווערן. די שאָטנס זענען געוואָרן געדיכטער. אויפן באַרג האָט זיך באַוויזן אַ מענטש. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ער פלעגט זיך אָפּשטעלן, אַרויסלאָזנדיק מיט אימפּעט דעם רויך פון פּאַפּיראָס. וואָס פאַר אַ באַקאַנטער אויפן רייכערן! צי איז דאָס נישט אַמאָל אַלעקסאַנדער?... נו, פאַרשטייט זיך ער! זיין ברייטע פּלייצע, זיין גאַנצע אַ ביסל פּירקאַנטיקע פיגור. איך האָב געעפנט ס'פענצטערל, זיך אָנגעכאַפּט אין דער גראַטע, געפּרווט — אומזיסט, ווי תמיד — אַדורכרוקן דעם קאָפּ צווישן די אײַזנס. אַלעקסאַנדער איז געשטאַנען, כסדר געשטופּט דעם רויך פון פּאַפּיראָס, דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען דעם קאַפּעלוש, זיך באַגריסט... און איז אויף גיך אַוועק. איך בין געווען אַ ביסל צערודערט... אַראָפּגייענדיק פון מיין פּיראַמידע — דאָס האָט מען תמיד באַדאַרפט טון זייער אָפּגעהיט, בכדי נישט אויסצוקערן די „פּאַראַשע“ — האָב איך זיך געזאָגט: „צי האָט ער מיך געזען? דערקענט?“

בײַנאַכט, ווען די סכנה פון קלאַפּן אין וואַנט איז געווען צום קלענסטן, האָב איך „אויסגעקלאַפּט“ צו מיין תפיסה־שכן אַמסטערדאַמען (ער איז שוין לאַנג נישטאָ צווישן די לעבעדיקע), אַז ס'איז אונדז געקומען געוואָר ווערן אַלעקסאַנדער. נישט אַמסטערדאַם, נישט אַנדערע אַרעסטירטע (טרוסעוויטש, פּייקעס, קליס און אַנדערע) האָבן אים, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, נישט געזען, און דאָס האָט זיי פאַרשטייט זיך פאַרדראָסן. שפּעטער אויף דער פריי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַלעקסאַנדער האָט דעמאָלט געהאַלטן אין פאַרלאָזן ווילנע, האָט ער געפונען פאַר נייטיק צו קומען זיך געזעגענען מיט אונדז, די אַרעסטירטע. אַנדערע פּי־רערס אונדזערע האָבן אויך יענע צייט פאַרלאָזט אונדזער שטאָט, אָבער זיי זענען נישט געקומען מיט קיין גערוס צו אונדז אויפן באַרג...

ל. בערנשטיין

דאָס איז געווען אין 1897, נאָכן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד“ פאַר אַלעק־סאַנדערס אַפּפאָרן קיין מינסק.

***

איבער אַ נייס האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַלעקסאַנדערן ערשט אין אויגוסט 1900, אָבער שוין אין אויסלאַנד, אין פּאַריז. מיר האָבן געהאַט הינטער זיך ביטערע „זובאַטאָוו־אַרעסטן“ וואָס האָבן ביים „בונד“ אַראָפּגענומען דעם קאָפּ; מען ווייס דאָך, אַז האַלטנדיק אין זייער תפיסות אַלעקסאַנדערן, וולאַדימירן, גליעבן, אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט און אַ סך ייִדישע אַרבעטערס, דער עיקר יענע וואָס האָבן צוזאַמען מיט די אינטעליגענטן אָנגעפירט די באַוועגונג, האָט זובאַטאָוו גערעכנט, אַז ער האָט געמאַכט אַ תל פון אָט דער באַוועגונג און זי וועט זיך בשום־אופן נישט קענען שטעלן צוריק אויף די פיס.

אַלעקסאַנדער האָט מיר באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש דערציילט, ווי אַזוי ער און אַנדערע אַרעסטירטע האָבן זיך געפרייט און געקליבן נחת פון אונדז, יונגע, בעת זיי זענען געוואָר געוואָרן, אַז זובאַטאָווס שרעקלעכער, פאַרניכטנדיקער קלאַפּ האָט אונדז לחלוטין נישט איבערגעשראָקן. ווערדליג די ידיעות וואָס פלעגן דערגיין צו זיי האָבן זיי געקענט זיין זיכער, אַז די באַוועגונג וואַקסט ווייטער סיי אין דער ברייט, סיי אין דער טיף און אַז אַלץ וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן טוען מיר ווייטער מיט אַ פאַרטאָפּלטער ענערגיע. אינטערעסאַנט איז, אַז זובאַטאָוו גופא האָט נישט פאַרבאַהאַלטן זיין חידוש. ער האָט זיי דערציילט, אַז עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ נייער — צווייטער — צוזאַמענפאָר פון „בונד“ און אַז עס האָט ווידער געוומען אַרויסגיין די „אַרבעטער־שטימע“. אָט דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון „בונד“ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביי מיר אין שטוב אין סעפּטעמבער 1898 אין קאָוונע, ווהין מען האָט מיך געהאַט פאַרשיקט אונטער פּאָליציייִשער השגחה*). איך האָב דערפאַר געקענט איבערגעבן אַלעקסאַנדערן אַלע פּרטים וועגן דעם צוזאַמענפאָר און וועגן דעם, ווי אַזוי מיר האָבן אים צוזאַמענגערופן.

אַלעקסאַנדער איז אַוועקגעפאָרן קיין זשענעוו, און איך בין געבליבן אין פּאַריז.

ער איז געווען אין זשענעוו פאַרוואַלטער אין דער דרוקעריי פון „פּאַריין פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן“, אָבער חוץ דעם האָט ער אויך געאַרבעט אין דער זשענעווער דרוק פון „בונד“. אין דער בונדישער דרוק זענען נישט געווען

---

*) וועגן דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר זע ווייטער דאָס קאַפּיטל: „דוד כץ — טאַראַס און דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון „בונד“.

קיין געניטע זעצערס, אַרבעט האָט זיך אָנגעקליבן אַ סך. אַלעקסאַנדער ווידער האָט געוואָלט — נישט נאָר פון נוץ וועגן, נאָר אויך איבער פּרינציפּיעלע טעמים — אַריבערגיין אינגאַנצן צו בונדישער טעטיקייט. און היות איך בין אין פּאַריז געווען כמעט אָן אַרבעט, האָט ער אַרויסגעשטעלט מיין קאַנדידאַטור אויף זיין אָרט אין דער רוסישער דרוק. אַזוי אַרום בין איך געקומען קיין זשענעוו אין דער דרוק אַריין, ווו איך האָב אויך באַקומען דעם צימער, ווו עס האָט פריער געוווינט אַלעקסאַנדער, און ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אויף יענער זייט אַרווע, אויף „קאַראָלינקע", ווו עס האָט זיך געפונען אין אַן אומבאַקוועמער און צו קליינער דירה די בונדישע דרוק.

מיר פלעגן זיך טרעפן אַלע טאָג און ס'רוב צוזאַמען פאַרברענגען די אָוונטן. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע תקופה אין אַלעקסאַנדערס לעבן. ער פלעגט זיך אָפט באַקלאָגן, אַז עס ווערט פון אים גאָרנישט, ער איז געווען דערשלאָגן, וואָס ער דאַרף טון קליינע אַרבעט, וואָס עס וואָלט זי געקענט טון אַ מענטש אָן שום צוגרייטונג. הגם ער פלעגט זאָגן, אַז אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף נישט זיין אין דעם פּרט איבערקלייבעריש, אַז ער איז מחויב תמיד צו טון וואָס מען דאַרף טון, ווי ווייניק אינטערעסאַנט אָדער קליין דאָס זאָל נישט זיין. ער האָט זיך אויסגעלערנט זעצן, געווען אַ קאָרעקטאָר, געשריבן אַדרעסן אויף די קאָנווערטן... אויך האָט אים געמאַטערט דאָס וואָס ער האָט נישט געפונען דעם נייטיקן אָנהאַלט ביי דער אָרטיקער סטודענטישער יוגנט, וואָס אַלע ענינים פון „בונד" זענען געווען אויך ביי די עמיגראַנטן אויפן צווייטן און אַפילו אויפן לעצטן פּלאַן, וואָס געלט־מיטלען פאַר דער דרוק זענען אַריינגעקומען שווערלעך, וואָס ליטעראַרישע כוחות זענען געווען ביז גאָר ווייניק. פון דעם איז ער געווען צעטראָגן, וועגן דעם פלעגט ער ריידן אַ פאַרביטערטער... זייער געדריקט האָט אים אויך דאָס וואָס ער האָט געמוזט נעמען פאַר זיך צום לעבן פון בונדישע געלטער, הגם ער האָט זיך גע־קליגט צו פאַרלעבן נישט מער ווי 40־50 פראַנק אַ חודש.

בערך אין אַ פיר חדשים אַרום נאָך מיין קומען קיין זשענעוו האָבן מיר ביידע אינגאַנצן אומגעריכט געמוזט פאַרלאָזן די דאָזיקע שטאָט. מען האָט אונדז ביידן אַרעסטירט נאָך דער מאַניפעסטאַציע אין אַפּריל 1901, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ טומל און וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, אַז מען האָט אַראָפּגעריסן דעם הערב פונעם רוסישן קאָנסולאַט און מען האָט אים דערטרונקען אין זשענע־ווער אָזערע. מיר האָבן נישט געהערט צו די איניציאַטאָרן, מיר זענען נישט מער ווי מיטגעגאַנגען אין דער מאַניפעסטאַציע. פונדעסטוועגן האָט די שווייצער רעגירונג

ל. בערנשטיין

באַשלאָסן אַרויסצושיקן אונדז און נאָך צוויי עמיגראַנטן מחוץ די גרענעצן פון שווייץ. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט צום גרענעץ, מיר האָבן איבערגענעכטיקט אינעם ערשטן־בעסטן פראַנצויזישן דאָרף וואָס מיר האָבן געפונען — און דאָרטן האָט זיך אויף מאָרגן אויפגעקליבן שיר נישט די גאַנצע זשענעווער רוסישע קאָלאָניע, כדי אונדז אויסצודריקן איר מיטגעפיל און זיך מיט אונדז צו געזעגענען.

מיר זענען אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז. נאָך פּאַר דעם איז געווען אַ רייד וועגן אַריבערפירן די בונדישע דרוק קיין לאָנדאָן, מחמת דאָרטן זענען געווען אַ סך יידישע אַרבעטער, עמיגראַנטן פון פּוילן און ליטע. מען האָט גערעכנט פאַרשטייט זיך אויף זייער מאַטעריעלער און מאָראַלישער הילף. ווי באַלד אַלעקסאַנדער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון שווייץ, האָט שוין די פראַגע ממילא געמוזט פאַר־ענטפערט ווערן. די דרוק איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין לאָנדאָן, און אַלעקסאַנ־דער איז אַוועק אַהין.

אין פּאַריז אויפן צפון־וואָקזאַל האָבן עטלעכע פריינט, מיט מיר בתוכם, אים באַגלייט. מיר האָבן זיך צעקושט, שטאַרק זיך געדריקט די הענט...

איך האָב געהאַט אין יענע יאָרן פאַרשיידענע פסעוודאָנימען. מערניסט איין אַלעקסאַנדער פלעגט מיך רופן, כ'ווייס נישט פאַרוואָס, לעאָנקאַ. דעם דאָזיקן נאָמען, וואָס ער איז מיר געווען ספּעציעל טייער מחמת דער פריינטשאַפט, וואָס אַלעקסאַנדער האָט מיט איר באמת פאַרשענערט מיין יוגנט, ריכטיקער מיין פריייִקע יוגנט — דעם דאָזיקן נאָמען האָב איך אויסגעקליבן פאַר אַ פסעוודאָנים, און כ'האָב מיט אים אונטערגעשריבן די ערשטע אַרטיקלען וואָס האָבן זיך באַוויזן אין פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבעס, בתוכם אין די בונדישע: „דער יידישער אַרבעטער" און „אַרבעטער־שטימע"...*)

אַלעקסאַנדערס בריוו צו מיר, וואָס ווערן געדרוקט אין דעם בוך, זענען שייך צו די יאָרן 1900—1903. אַ טייל פון זיי זענען געשריבן פון זשענעווי אײדער איך בין אַהין געקומען, אין 1900 און 1901, אַנדערע — פון לאָנדאָן. אַנווייזן פּינקטלעך די דאַטעס פון אַלע בריוו איז מיר נישט געראָטן. — די דאָזיקע בריוו ריידן גענוג בולט וועגן דעם, אויף וויפל אַלעקסאַנדער איז בלב־ונפש געווען אַריינגעטון אין דער בונדישער באַוועגונג. די באַמערקונגען וואָס איך האָב צוגעגעבן האָבן אַ ריין פאַקטנדיקן כאַראַקטער.

---

*) חתמענען זיך פלעג איך נישט מיטן פולן נאָמען, נאָר לע—קאָ, נאָך אין „ראַבאָ־טשעיע דיעלאָ" און אין אויסלענדישן „זשיזן". מיר דוכט, אַז מערניסט ווי אַלעקסאַנדער האָט געוווסט, פאַר וואָס איך האָב אויסגעקליבן די דאָזיקע חתימה.

מאַקס נאָדעל

איך האָב געהערט צו אַ קרייז ווו מען האָט שטודירט העגעלן ווי אַן אַריינפיר צו דער לערע פון מאַרקסיזם. כדי צו דערקוויקן די נשמה און צו פאַרשטאַרקן דעם אָפּאָזיציאָנעלן גייסט האָט מען אונדז געשפייזט אויך מיט דערציילונגען פון אַזעלכע רעאַליסטן אין דער ליטעראַטור ווי פּיסאַרעוו, מיט אַרטיקלען פון טשערנישעווסקי און דאָבראָליובאָוו, מיט נעקראַסאָווס פּאָעזיע וכדומה. „אומלעגאַלע״ ליטעראַטור איז נישט געווען אין פּראָגראַם. אָבער איינער פון מיינע חברים פון קרייז האָט מיר געגעבן אַ דינעם ביכעלע, בלויז אויף איבער נאַכט, און שטרענג אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל דאָס ביכל קיינעם נישט ווייזן, ווייל עס איז „פאַרבאָטענע״ ליטעראַטור.

דאָס איז געווען איינע פון יענע בראָשורן, וואָס רעוואָלוציאָנערן אין די זיבעציקער יאָרן האָבן געדרוקט פאַר דעם פּשוטן מענטש. פאַר אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור האָט מען זיך באַנוצט מיט דעם סטיל פון פאָלקס־מעשהלעך. די אַרויסגעבער האָבן געזאָרגט, אַז אויסערלעך זאָלן די בראָשורן אויסקוקן ווי לעגאַלע אויסגאַבעס מיט דעם אומבאַדינגט נייטיקן אויפשריפט „געדרוקט מיט דערלויבעניש פון צענזור״... ביי זיך אין דער היים האָב איך נישט געדאַרפט זיין פאָרזיכטיק. נאָך אין די זיבעציקער יאָרן איז מיין מאַמע געוואָרן אינפאָרמירט וועגן סאָציאַליסטן און פאַרבאָטענע ליטעראַטור. אירס אַ פּלימעניק איז געווען פאַרמישט אין אַ פּאָליטישן פּראָצעס. ער איז געווען אַרעסטירט און אויף איר גורל איז אויסגעפאַלן צו ברענגען אים שפּייז אין תּפיסה. מיט פּאָליטיק און ביכער האָט זי אָבער נישט געהאַט קיין שייכות. איר האָט נישט אינטערעסירט וואָס איך לייען. זי איז געווען צופרידן און געפילט גוט ווען זי האָט געזען אַז איך בין פאַרטון אין אַ בוך. איך האָב אייגנטלעך געקענט לייענען מיין ערשטע אומלעגאַלע בראָשור אין איר אַנוועזנהייט בעת זי האָט פאַרצירעוועט זאָקן. אָבער

ל. בערנשטיין

די אינסטרוקציעס פון מיין חבר זענען געווען זייער שטרענגע. איך האָב זיך גענומען צום לייענען ערשט ווען די מאַמע און די שוועסטער זענען איינגעשלאָפן. דאָס פּאָפּולער געשריבענע ביכל האָט דערציילט ווי מען באַראַבעוועט דעם פאָלק דורך שטייערן, כדי אייניקע זאָלן לעבן אין לוקסוס און ווילטאָג, אויפן חשבון פון דעם אַרבעטערס פּראַצע. דער עיקר וואָס האָט מיך פאַראינטערעסירט אין ביכל איז געווען וואָס וועגן צאַר און זיינע מיניסטאָרן ווערט גערעדט ווי וועגן שונאים פון פאָלק. מיט אַן אומרויִק געפיל האָב איך פון צייט צו צייט זיך צוגע־הערט צי עמעצער גייט נישט אויף די טרעפּ, צי כ׳וועל נישט דערהערן אַ פאַרדעכטיקן טומל. עס איז דאָך נישט אַ קלייניקייט, מיין ערשטער „אומלעגאַלער" ביכל! סך־הכל בין איך דעמאָלט אַלט געווען פופצן יאָר...

שפּעטער האָט דער זעלביקער חבר מיר געגעבן פּלעכאַנאָווס העפט „סאָציאַל דעמאָקראַטיע", מיט די זעלביקע אינסטרוקציעס צו האַלטן דעם ענין בסוד און זיין זייער פאָרזיכטיק. אין ביכל איז געווען געדרוקט דער ערשטער טייל פון סטעפּניאַק־קראַווטשינסקיס דערציילונג „אַנדריי קאָזשוכאָוו". איך האָב געציטערט ווי אין פיבער, לייענענדיק די דאָזיקע דערציילונג באַהאַלטנערהייט, בעת קיינער איז נישט געווען אין דער היים. איך האָב געברענט מיט אַ פאַרלאַנג אַליין צו ווערן אַזאַ העלד.

צווישן מיר און מיין חבר, וואָס האָט מיר צוגעשטעלט די אומלעגאַלע ביכלעך, זענען פאָרגעקומען אָפּטע און אַלץ מער אינטימע געשפּרעכן. סוף־כל־סוף האָט ער מיר צוזאַמענגעבראַכט מיט דעם, וואָס האָט אים געגעבן די ביכלעך, וועמען ער האָט געוויס אינפאָרמירט וועגן דעם איינדרוק, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף מיר. ער איז געווען אַן אַרבעטער און געהייסן — מאַקס נאַדעל, דער קאַמאַשנ־מאַכער.

צום ערשטן מאָל האָבן מיר זיך באַגעגנט אין גאַס. זאַלבעדריט זענען מיר אַריין אין אַ טויער כדי פאַרענדיקן דעם געשפּרעך וועגן די ביכלעך. מיר האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון ווי שטאַרק מאַקס האָט געדריקט מיין האַנט, פּונקט ווי ער וואָלט חשק געהאַט צו האַלטן די האַנט אייביק. איך האָב זיך געטראָפן מיט מאַקסן נאָך אייניקע מאָל אין דער אָנוועזנהייט פון דעם זעלביקן חבר. איך האָב געקראָגן נאָך עטלעכע ביכלעך, צווישן זיי „פּאָדפּאָלנאַיאַ ראָסיאַ" פון סטעפּ־ניאַק קראַווטשינסקי, וואָס האָט מיך פולשטענדיק באַהערשט. אַנשטאָט די אויס־געטראַכטע העלדן ווי אַנדריי קאָזשוכאָוו, האָב איך זיך באַקענט מיט די ווירק־לעכע, וואָס האָבן מקריב געווען זייער לעבן... אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך

געזען זייערע געשטאַלטן. עס פעלט מיר ווערטער איבערצוגעבן מיט וואָס פאַר אַ התלהבות איך האָב געלייענט סאָפיע פּעראָווסקאַיאַס בריוו צו איר פאָטער, וואָס זי האָט געשריבן פאַרן טויט. איך האָב געוווסט, אַז צווישן די רעוואָלוציאָנערע העלדן, וועלכע זענען באַרימט געוואָרן צוליב זייער מאַרטירערטום, האָט זיך אויך געפונען אַ ייִדישע טאָכטער, העסיע העלפמאַן. ביי מיר און מיין חבר איז זי געוואָרן — „אונדזער העסיע". איך האָב ווי געלעבט אין אַ וועלט פון וויזיעס. אַ נייע עקזיסטענץ האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן. איך האָב זיך דערווייטערט פון אַלע מיינע נאָענטע, אַפילו פון מיין מוטער. איך האָב זיך פאַרליבט אין „רעוואָלוציע" ווי מען פאַרליבט זיך אין אַ מיידל. מיין איינציקע שטרעבונג איז געווען צו דינען איר, ווידמען איר מיין לעבן, העלדיש צו קעמפן פאַרן אמת, פאַר די אינטערעסן פון פאָלק. דורך געשפּרעכן מיט חברים, און דורך לייענען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ליטעראַטור, באַזונדערס פלעכאַנאָווס בראָשור, בין איך געוואָרן איבערצייגט, אַז דער אידעאַל, פאַר וועלכן זשעליאַבאָוו, פּעראָווסקאַיאַ און העלפמאַן האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס, וועט פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן. עס איז, אַלזאָ, נייטיק צו ענדערן די אַלטע קאַמף־מעטאָדן, אָבער די העלדן פון „גיין אין פאָלק", וועמענס לעבן און טויט איז באַשריבן געוואָרן אין „פּאָדפּאָלנאַיאַ ראָסיאַ" און „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָבן נישט אויפגעהערט צו באַפליגלען מיין פאַנטאַזיע, צו באַהערשן מיין האַרץ און מיין נשמה.

איך בין געווען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זייער דאַנקבאַר מאַקסן, וואָס האָט אָנגעהויבן מיר סיסטעמאַטיש צו באַזאָרגן מיט אומלעגאַלע ליטעראַטור — די ביכלעך „סאָציאַל דעמאָקראַט", „הונגעריקע און זאַטע", די בראָשורן פון פלעכאַנאָוו און ווערא זאַסוליטש, קאַוטסקיס „ערפורטער פּראָגראַם" וכדומה.

איך האָב אָנגעהויבן אָפט צו באַזוכן מאַקסן. ער מיט זיין מוטער, שוועסטער און ייִנגערן ברודער האָבן געוווינט אין צוויי קליינע צימערן, אויף ניקאָלאַיעווסקי פּערעולאָק, וועלכע ייִדן האָבן אַ נאָמען געגעבן „גיטע טויבעס זאַולאָק". אין די צימערן איז פּשוט נישט געווען ווו זיך אַ קער צו טון. זיין מוטער האָט געהאַנדלט מיט אַלטע פרויען־קליידער, וועלכע זי פלעגט אָפּקויפן ביי פּוילישע פּאַניעס. די צימערן זענען געווען באַהאָנגען מיט קליידלעך, בלוזקעס און אַנדערע בגדים. די פינצטערע שטיגן מיט די ברייטע טרעפּ האָבן געפירט נישט נאָר צו מאַקסעס דירה, נאָר אויך צו אַ קלויז. פאַר קאָנספּיראַטיווע צוועקן איז אַזאַ אַרויפגאַנג געווען זייער גוט. אין פאַרגלייך מיט די שמוציקע טרעפּ האָט די דירה געשיינט

מיט ציכטיקייט. מאַקסעס משפחה איז געווען אַ באַלעבאַטישע. זי איז באַשטאַנען פון קליינהענדלער, קרעמער און קליינבירגער. ווי אַ קינד האָט מאַקס זיך געלערנט אין דער יידישער אָנפאַנג־שול (יעווריעיסקאַיע נאַטשאַלנאַיע אוטשיליטשע). אָבער זיין פאָטער איז געשטאָרבן אָדער סתם פאַרשווּנדן, און די מאַמע האָט קוים פאַרדינט אויסצוהאַלטן דאָס הויזגעזינד. סוף־כל־סוף האָט די נויט איר געצווּנגען אַז מאַקס זאָל ווערן אַ בעל־מלאכה. אין זיין פאַך איז מאַקס געווען איינער פון די בעסטע אַרבעטער און זיינע פאַרדינסטן האָבן אַ סך געהאָלפן דער גאַנצער משפחה. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אויסשניידן פון רויע פעל יענע טיילן, וואָס ווערן באַנוצט פאַר מענערישע און ווייבערישע שיך. אַ גאַנצע וואָך פלעגט זיך פון אים הערן דער ריח פון פעל. ערשט פרייטיק נאָך דער אַרבעט, ווען ער האָט זיך אַרומגעוואַשן אין מרחץ און אָנגעטאָן ריינע בגדים, פלעגט דער ריח פאַרשווינדן. נידעריקער פון מיטעלן וווּקס און דאַר, האָט ער אויסגעקוקט פיזיש אַ שוואַכער. אין דער אמתן אָבער האָט ער פאַרמאָגט ביינערדיקע, שטאַרקע הענט, און געווען זייער באַוועגלעך. צווישן ליטווישע יידן זענען זיינע לאַנגע בלאָנדע האָר און בלויע אויגן געווען אַ זעלטנהייט. מאַקס האָט געהאַט גרויסע, קלוגע אויגן, איינגעפאַלענע באַקן און אַ ברייטן שטערן. נישט נאָר מיט זיין בילדונג און באַלעזנקייט, אויך מיט זיינע געזיכטס־שטריכן האָט ער זיך אויסגעטיילט פון זיין סביבה. ער האָט פאַרמאָגט אַ קלאָרן, לאָגישן שכל און גרויסע פעיִקייטן. ער האָט געקענט לשון־קודש און רוסיש, האָט געדענקט אויף אויסנווייניק פּושקינס, לערמאָנטאָווס און נעקראַסאָווס לידער.

מיר האָט מאַקס באַשטימט אויסצולערנען צוויי קאָם־מאַכערינס לייענען און שרייבן. שפּעטער האָט ער מיר שוין צוגעטיילט אַ גרופּע אַרבעטער. איך האָב געדאַרפט קנעלן מיט זיי אַ קורס פון נאַטור־וויסנשאַפט, דערציילן זיי ווי עס איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט, די זון און די ערד, די ימים און די ווולקאַנען און אַפילו באַקענען זיי מיט דאַרוויניזם. מאַקס האָט באַשטאַנען, אַז איך זאָל פירן נאָך אַ קרייז, ווו איך האָב באַהאַנדלט דאָס לעבן פון פעלקער, אָנפאַנגענדיק מיט ווילדע שבטים און פאַרענדיקנדיק מיט די ענגלענדער, מיט זייער פּאַרלאַמענט און זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. צו יעדער לעקציע האָב איך זיך גוט צוגעגרייט. איך האָב זיך באַצויגן ערנסט און געוויסנהאַפט צו מיינע פליכטן. אַלע אָנטיילנעמער אין די קרייזלעך זענען געווען צופרידן מיט מיר. ביסלעכוויַיז האָב איך אָנגעהויבן צו דערפילן אויך אַנדערע אויפגאַבן, ווי צום ביישפּיל, באַדינען קראַנקע, באַהאַלטן אומלעגאַלע ליטעראַטור א״אַ. מיט איין וואָרט, איך בין געוואָרן

איינער פון „אונדזערע‟, וואָס האָט מיך געבראַכט אין באַרירונג מיט יענע אינטע־ליגענטן, וואָס זענען דעמאָלט געשטאַנען בראש פון דער באַוועגונג.

מאַקס נאַדעל איז געווען איינער פון די באַוווסטזיניקסטע אַרבעטער. ער איז אינטעלעקטועל געשטאַנען נאָענט צו די דערמאָנטע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך טאַקע באַצויגן צו אים מיט גרויס אַכטונג. אַן אַרבעט־טאָג אין יענער צייט האָט געדויערט צוועלף שעה און מער. אָבער יעדע פרייע מינוט נאָך דער שווערער אַרבעט האָט מאַקס אָוועקגעגעבן פאַר פאַרזאַמלונגען, פאַר באַגעגענישן און קרייזלעך. אַהיים פלעגט ער קומען 12 דעם זייגער ביינאַכט און 7 אַזייגער פרי איז ער שוין געגאַנגען צו דער אַרבעט. די באַוועגונג האָט געפאָדערט אַזוי פיל צייט, אַז ער האָט געמוזט באַגרענעצן זיין שלאָף. אָט מוז ער זיין אויף אַ זיצונג פון זיין פאַך, דאָ דאַרף ער אַנטיילנעמען אין אַ צוזאַמענקונפט וועגן דערקלערן אַ שטרייק אין אַנדערע פאַכן, ווו ער איז געווען דער „אַגיטאַטאָר‟. ער מוז אויך זיין אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַגיטאַטאָרן מיט די אינטעליגענטן. חוץ דעם מוז דאָך מאַקס אַנטיילנעמען אין אַ היפּשע צאָל קרייזלעך, ווי אַ תלמיד אין אייניקע און ווי אַ לערער אין אַנדערע. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך געפונען צייט צו באַזוכן טעאַטער, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט.

ערנסטקייט און זאַכלעכקייט האָט מאַקס געהאַט מער איידער ענטוזיאַזם אָדער סענטימענט. ער האָט אַ סך געלייענט, אַ סך געטרוימט, און דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט זיין דערפאַלג. ער האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז ער איז דער פאַרפאַסער פון איינע פון די פיר באַרימטע אַרבעטער־רעדעס, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אויף אַן ערשטע־מאַי־פאַרזאַמלונג אין 1892. די רעדעס זענען שפּעטער דערשינען אין אַ בראָשור, געדרוקט אין זשענעווע אונטער דעם נאָמען „פיר רעדעס פון יידישע אַרבעטער‟. איך מיין, אַז די בראָשור איז געווען דער ערשטער ממשותדיקער באַווייז, אַז אין רוסלאַנד וואַקסט זיך פאַנאַנדער אַ מאָדערנע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג*).

---

*) די פיר רעדעס פון יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אויף דער מאַי־פייערונג 1892 אין ווילנע, זענען אַרויס אומלעגאַל אין יאָר 1893 אין זשענעווע. די דאָזיקע רעדעס זענען איבערגעדרוקט אין דעם דריטן באַנד פון די היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ (פּאַריז־ווילנע 1939). עס זענען דאָן אַרויסגעטראָטן:

פאַניע לעווין־רעזניק, אַ שניידערין (איר מאַן, עקיבא רעזניק, איז געווען אַ לערער), געשטאָרבן אין 1896 אין בריסק.

יעלענע געלפאַנד־דרוסקין, אויך אַ שניידערין (איר מאַן איז געווען שפּעטער אַ דאָק־טאָר, געוווינט נאָכדעם אין לעניגראַד).

ל. בערנשטיין

מאַקס איז געווען דער גרינדער פון דער „אַרבעטער־קאַסע" אין זיין פאַך און דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון זאַגאַטאָווטשיקעס שטרייק, איינער פון די ערשטע שטרייקן פון יידישע אַרבעטער. ער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף אַרבעטער, זיי האָבן אים ליב געהאַט. ער איז אָפט אַרויסגעטראָטן ווי אַ רעדנער אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען. זיינע רעדעס זענען געווען פול מיט אינהאַלט און שטענדיק לאָגיש געבויט.

ווען איך האָב זיך באַזעצט אין פראַנקרייך, האָב איך זיך באַקענט מיט פראַנצויזישע אַרבעטער. צווישן זיי זענען אויך געווען פערזענלעכקייטן, וואָס פלעגן פיגורירן אַלס קאַנדידאַטן בעת מוניציפּאַלע און אַנדערע וואַלן. אייניקע פון זיי זענען אַפילו אויסגעוויילט געוואָרן פאַר דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן. נאָך אַזאַ באַקאַנטשאַפט האָב איך נאָך מער באַוווּנדערט די הויכע אינטעלעקטועלע מדרגה פון אַזעלכע אונדזערע אַרבעטער ווי משה דער איינבינדער, כאַנע ליפשיץ אָדער מאַקס נאַדעל. אונטער באַדינגונגען פון אַ פרייער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָלט אַ מאַקס נאַדעל, בלי ספק געוואָרן אַ גרויסער פירער, וואָס וואָלט זיך דערוואָרבן אַן אָנזען און אַ נאָמען.

הגם מאַקס איז געווען אַ סך עלטער פון מיר, האָט זיך אָבער צווישן אונדז אַנטוויקלט אַן אמתע פריינטשאַפט. מיר פלעגן זיך טרעפן אויף די „סכאָדקעס", „וועטשערינקעס", אויף אונדזער „בירזשע" און אין טעאַטער. אָבער אויף שפּאַצירן צוזאַמען האָט אונדז אויסגעפעלט צייט. אין די טעג האָט מאַקס געאַרבעט און אין די אָוונטן און שבתים איז ער געווען פאַרנומען מיט זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. מיר פלעגן זיך אָבער טרעפן אין טעאַטער, זעלבסטפאַרשטענדלעך — אויף דער „גאַליאַרקע".

די ערשטע יידישע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן באַזוכן טעאַטער, זענען געווען „אונדזערע" אַרבעטער. נאַטירלעך, דעם רוסישן טעאַטער, ווייל נישט אין ווילנע און נישט אין אַנדערע שטעט פון תחום־המושב האָט

די ביידע רעדעס זענען געהאַלטן געוואָרן אין רוסיש.

די דריטע רעדע האָט געהאַלטן מאָטל מייזל, אין יידיש. (מ. מייזל האָט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה געוווינט אין ישראל).

די פערטע רעדע איז געהאַלטן געוואָרן פון ראובן גערשאָווסקי („יאַקאָוו") אַ קאַמאַשנמאַכער, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַ דענטיסט אין ווילנע. די דאָזיקע רעדע איז געווען אין רוסיש.

עס דאַרף בכן פאַרשטאַנען ווערן, אַז מאַקס נאָדעל איז געווען דער מחבר פון איינע פון די רעדעס און נישט דער רעדנער. (רעדאַקציע)

דעמאָלט געשפּילט ייִדיש טעאַטער. די פרומע ייִדן האָבן באַטראַכט גיין אין טעאַטער נישט בלויז פאַר אַ פאַרשווענדונג פון צייט און געלט, נאָר פאַר אַן עבירה. „אונדזערע" אַרבעטער און אַרבעטאָרינס, וואָס האָבן געוווינט מיט זייערע עלטערן, האָבן געמוזט האַלטן בסוד זייערע באַזוכן אין טעאַטער.

מאַקס איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער טעאַטער־גייער. אין דעם פּרט איז ער געווען אין אַ בעסערער לאַגע ווי זיינע חברים. ער איז געווען דער ראש פון זיין משפחה און פולקאָם אומאָפּהענגיק. דערצו נאָך איז זיין מוטער געווען נישט צו פרום.

נאָכן אָפּאַרבעטן צוועלף שעה און שפּעטער זיין פאַרנומען מיט די „קרייזלעך", איז מאַקסן אָפט אויסגעקומען אַריינכאַפּן זיך אין טעאַטער שוין צום לעצטן אַקט. דערפאַר פלעגט אים דער פאַרגעניגן קאָסטן נאָר עטלעכע קאָפּיקעס מיט וועלכע ער פלעגט אונטערקויפן דעם קאָנטראַליאָר פון דער גאַליאָרקע.

אין יענער צייט פלעגט אין ווילנע געוויינלעך גאַסטראָלירן נעזלאָבינס דראַמאַטישע טרופּע. צוזאַמען מיט נעזלאָבינען האָבן געשפּילט ווערא קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ, וועלכע האָט שפּעטער געגרינדעט איר אייגענעם טעאַטער אין מאָסקווע, יאַבלאָנטשיק, בראַוויטש און אַנדערע, וואָס זענען שפּעטער באַרימט געוואָרען ווי אויסגעצייכנטע אַרטיסטן. עס איז געווען פון וועמען צו זיין באַגייסטערט. מאַקס איז טאַקע געווען אַ הייסער חסיד פון די דערמאָנטע אַרטיסטן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, בעת אונדזערע באַגעגענישן אין אויסלאַנד, פלעגן מיר נאָך אַלץ ריידן וועגן טעאַטער־איינדרוקן, וועגן קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ אין אָסטראָווסקיס אָדער זודערמאַנס פּיעסן, וועגן דער אויפפירונג דורך נעזלאָבינס טרופּע פון גוטשקאָווס „אוריעל אַקאָסטאַ" אָדער האופּטמאַנס „געזונקענער גלאָק" (פּאָטאָנוווּשי קאָלאָקאָל)...

אַנדערע ליידנשאַפטלעכע טעאַטער־גייער זענען ביי אונדז דעמאָלט געווען זלמן דער קעסטלמאַכער, צביה די הענטשקע־מאַכרין, דוד קאַץ און מערע זשאַלודסקי. אין די פרייטיק־צו־נאַכטן האָט מען „אונדזערע" געקענט טרעפן אויף דער „גאַליאָרקע". אַ סך פון זיי זענען געווען אַרבעטער. דער פרומער ייִדישער אַרום, וואָס איז דער עיקר באַשטאַנען פון קליין־בירגער, האָט אונדז באַשולדיקט, אַז מיר דערווייטערן זיך פון ייִדנטום.

חוץ אין דראַמאַטישן טעאַטער, איז נאָך מאַקס געווען פאַרליבט אין דער אָפּערע. ער האָט געקענט אויסנווייניק אַ סך אַריעס. ער האָט אַליין געהאַט אַן אָנגענעמע, הגם שוואַכע שטימע. ער פלעגט אָפט זינגען רוסישע און ייִדישע

רעוואָלוציאָנערע לידער, וועלכע זענען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע. אויך אונדזערע וועטשערינקעס פלעגט ער אָנפירן מיטן געזאַנג.

גאַנץ אָפט פלעגן מיר אים בעטן:

— מאַקס, זינג אונדז יענע אַריע, מיר ווילן הערן... ער איז נאָכגעקומען דעם פאַרלאַנג, און —

געזונגען מיט פאַרגעניגן אַריעס פון אַנטאָן רובינשטיינס „דעמאָן" אָדער פון טשייקאָווסקיס „יעווגעני אָנעגין".

***

צווישן דער גרופּע, וואָס האָט די ערשטע פאַרלאָזט דעם „נעסט" אין ווילנע, איז געווען מאַקס. אים האָט געצויגן קיין פּעטערבורג, וווהין עס איז אַוועקגעפאָרן מאַרטאָוו־צעדערבוים גלייך ווי ער האָט פאַרענדיקט אין ווילנע דעם טערמין פון זיין פּאָליציי־אויפזיכט. מאַרטאָוו איז געווען מאַקסעס לערער און האָט אים זייער געשעצט. מאַקס איז געווען זיכער, אַז אויך אין פּעטערבורג וועט מאַרטאָוו זיין „וועגווייזער", אים אַריינפירן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער הויפּטשטאָט. דערצו נאָך איז ער געווען איבערצייגט, אַז ווי אַ געשולטער בעל־מלאכה, וועט ער אויך אין פּעטערבורג פאַרדינען גענוג כדי צו שטיצן זיין מוטער. די אָפּטימיסטישע ידיעות פון פּעטערבורג וועגן אַ קעמפערישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן אים צוגעגעבן נאָך מער חשק צו פאַרווירקלעכן זיין באַשלוס. איך דערמאָן זיך, אַז מיר פלעגן אַפילו זאַמלען געלט פאַר די פּעטערבורגער שטרייקערס. מאַקס האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אין דער זעלבער מאָס ווי פּעטערבורג איז גרעסער פון ווילנע, איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג דאָרט גרעסער און באַדייטנדיקער... ער האָט פאַנטאַזירט וועגן זיך אין דער פּעטערבורגער אַרבעטער־באַוועגונג און אין די סטודענטן־קרייזלעך, ווי ער וועט זיך באַגעגענען און באַקענען מיט שרייבער און ליטעראַטן, וועמענס ווערק ער האָט געלייענט. ער האָט אויך געטרוימט וועגן באַרייכערן דאָרט זיין גייסטיקן באַגאַזש, וועגן באַזוכן מוזייען און טעאַטערס. ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ חשק צו וווינען אין דער הויפּטשטאָט. טיף אין האַרצן האָט ביי אים מסתם געטליעט אַ האָפענונג, אַז מיט דער הילף פון דער פּעטערבורגער אינטעליגענץ וועט מעגלעך זיין דערגאַנצן זיין בילדונג, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן בעת ער האָט פרי פאַרלאָזט די שול. עס האָט אים געלאָקט די פּערספּעקטיוו צו ווערן נישט בלויז אַן „אינטעליגענטער" אַרבעטער נאָר אפשר טאַקע אַ פולשטענדיקער אינטעליגענט, מיט אַ

געהעריקער בילדונג און מיט אַ נייער, בעסערער פּראָפּעסיע. זיין רעאַליזם האָט אים נישט געשטערט צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע חלומות. ער האָט געוווסט, אַז ער פאַרמאָגט די גייסטיקע פעיִקייט.

ערב זיין אַוועקפאָר איז פאָרגעקומען אַ „וועטשערינקע", ווו איך און נאָך חברים האָבן זיך מיט אים געזעגנט. מען האָט דאָרט געהאַלטן רעדעס, געזונגען, געטרונקען לחיים און געווונטשן מאַקסן כל־טוב. מאַקס האָט אָן אויפהער געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער און אָפּערע־אַריעס, און פאַרענדיקט מיט אַ טאָסט פאַר דער פרייהייט.

צומאָרגנס, ווען ער האָט שוין געזאָלט זיין אויפן וועג קיין פּעטערבורג, האָב איך באַגעגנט זיין מוטער. אַן אויפגערעגטע האָט זי מיר דערציילט, אַז מאַקס איז נישט אַוועקגעפאָרן, ער ליגט אין בעט אַ קראַנקער. זי האָט מיר געפרעגט אפשר ווייס איך, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט. פאַרשטייט זיך, איך האָב איר נישט דערציילט וועגן דעם געזעגענונגס־אָוונט, נאָר באַלד אַוועק צו מאַקסן. געפונען האָב איך אים אין בעט מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און אַ טויט בלאַסן פּנים. ער האָט געקרעכצט, געזיפצט, געזידלט זיך און אַנדערע, געסטראַשעט, אַז אין פּעטערבורג וועט ער זיך אויסלערנען צו נעמען אַ שנאַפּס, אַז עס וועט אים שוין נישט פאַרשאַטן... עס האָט געדויערט עטלעכע טעג ביז ער האָט געקענט אָפּפאָרן קיין פּעטערבורג, זעלבסטפאַרשטענדלעך, שוין אָן אַ צווייטער „וועטשערינקע".

עס זענען פאַרלאָפן עטלעכע חדשים, ביז מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז מען האָט מאַקסן אַרעסטירט אין שייכות מיט די פּראָצעסן קעגן דעם פּעטערבורגער „סאָיוז באָרבי". דערנאָך איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז מען האָט אים אַריינגעזעצט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג.

**
*

נישט איך און נישט ער האָבן פאָרויסגעזען בעת מיר האָבן זיך געזעגנט, אַז אונדזער נאָענטסטע באַגעגעניש וועט זיין אין קאָוונע.

איך בין אַרויס פון שטוב אין גאַס און איידער איך האָב באַוויזן צו מאַכן עטלעכע טריט, איז מיר אַנטקעגן געקומען עפּעס אַן אַלטינקער, אַן איינגעבוי־גענער, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. איך בין געבליבן שטיין ווי אַ פאַרגליווערטער. די באַגעגעניש האָט מיך אויפגעטרייסלט.

— וואָס, ברודער, דו האָסט מיך דערקאָנט?

ל. בערנשטיין

— מאַקס, דאָס ביזסט דו?

— איך, און נישט איך, אָט ווי דו קוקסט מיך אָן...

זיין שטים איז געווען שוואַך, דאָס פּנים אויסגעמאַטערט און באַוואַקסן מיט אַ באָרד. ער איז געווען זייער שטאַרק פאַרעלטערט.

די פּעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג, וווּ ער איז געווען פאַרשפּאַרט איינער אַליין אין אַ קאַמער, פון וואַנען מען האָט אים דערנאָך איבערגעפירט אין דער „פרעד־וואַרילקע" (דאָם פרעדוואַריטעלנאַוואַ זאַקלוטשעניא) האָט פון אים געמאַכט אַ תל, אונטערגעבראָכן זיין געזונט. מען האָט אים פאַרשיקט קיין קאָוונע אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. ער האָט אָבער באַקומען אַ דערלויבעניש אָפּצושטעלן זיך אין ווילנע אויף אַ טאָג אָדער צוויי, כדי צו זען זיך מיט זיין מוטער. אין ווילנע האָט ער געקראָגן מיין אַדרעס אין קאָוונע. עס איז געווען דער ערשטער טאָג פון זיין אָנקומען, גלייך נאָך דעם ווי ער האָט זיך געמאָלדן צו דער קאָוונער פּאָליציי, כדי דערפילן די נייטיקע פאָרמאַליטעטן.

מיר זענען אַריין צו מיר אין דירה. מיט מאַטערניש איז ער אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ. ער האָט לאַנג נישט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ווי נאָר ער איז אַריין אין צימער האָט ער אָן כוחות זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול.

מאַקס, וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דיר?

אַנשטאָט ענטפערן האָט ער אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ, און געוויזן אויף זיינע פּיס...

ער האָט זיך נישט אָנטזאָגט פון טיי, וואָס איך האָב באַלד אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. אויף אַלע מיינע פראַגן וועגן זיין לעבן אין פעטערבורג, וועגן דעם אַרעסט און וואָס ער האָט אויסגעשטאַנען אין דער פעסטונג, האָט ער אָבער גע־ענטפערט אָן חשק. ער האָט דערציילט, אַז מען האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ זייער פייכטן קעלער, וווּ די נאַסקייט האָט זיך איינגעגעסן אין זיינע ביינער, אַז ער האָט זיך אַ סך אָנגעליטן אין תפיסה... ער איז געווען זיכער, אַז זיינע כוחות זענען אויסגעשעפּט, אַז ער וועט שוין לאַנג נישט לעבן. עס איז אים פאַרבליבן בלויז צו וואַרטן אויפן טויט...

דער אמת איז, אַז ער איז טאַקע געווען אין אַ שווערן צושטאַנד. עס איז געווען אַ שרעק אַ קוק צו טון אויף אים. דאָך, נאָך עטלעכע וואָכן, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרבעסערן זיך, זיין קערפּער האָט זיך אויסגעגלייכט און ער האָט צוריקגעקראָגן זיין פריערדיקן אויסזען. זיין פּנים האָט אויפגעלעבט, זיין שמייכל

האָט זיך צוריק באַוויזן און עס האָט זיך אויפגעוועקט ביי אים דער חשק צו זינגען. עס האָט אים אָבער אויסגעפעלט כוח צוריק צו גיין צו דער אַרבעט.

צו זיין פּאַך האָט ער אייגנטלעך מער קיינמאָל זיך נישט צוגערירט. ביי מיר האָט ער זיך באַקענט מיט דער ציין־דאָקטערין, ראָזע זאַלקינד*). זי איז געקומען פון סיביר קיין קאָוונע, כדי צו וווינען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. זי האָט געמאַכט אָנשטרענגונגען צו קריגן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ דענטיסטישן קאַבינעט. זי איז געווען נידעריקער ווי מאַקס, געהאַט אַ רונדן פּנים און רויטע באַקן, געווען אַ רעדעוודיקע אָבער אַן ערנסטע. זי איז אַ סך חדשים געווען פאַרשפּאַרט אין וואַרשעווער ציטאַדעל. זי האָט פאַרגעשלאָגן מאַקסן, אַזוי לאַנג ווי ער אַרבעט נישט, אים געבן לעקציעס פון פיזיאָלאָגיע און אַנאַטאָמיע... ביים לערנען זיך, האָט זיך צווישן זיי אַנטוויקלט אַ ליבע, וואָס האָט דערפירט צו אַ חתונה. מיט מאַקסעס הילף האָט זי איינגעאָרדנט אַ דענטיסטישן קאַבינעט, הגם אַ זייער באַשיידענעם. מאַקס האָט זיך אָנגעהויבן לערנען ציין־טעכניק. אין דעם נייעם פּאַך האָט ער גיך דעריאָגט זיין ווייב, און איר אַ סך געהאָלפן אין דער אַרבעט. שפּעטער איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ קינד.

נאָך אַזעלכע איבערלעבענישן האָבן זיי ביידע געפילט, אַז זיי דאַרפן „אָפּכאַפּן דעם אָטעם", זיך אָפּרוען, זיך דערווייטערן אַ ביסל פון דער באַוועגונג. פונדעסטוועגן, נישט נעמענדיק קיין דירעקטן אָנטייל אין אונדזער קאָוונער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט „אונדזערע", ד"ה, מיט דער אינטעליגענץ און געהאָלפן דער באַוועגונג. אין אַ געוויסער נאַכט איז די פּאָליציי געקומען אַדורכפירן אַ הויז־רעוויזיע. מאַקס און ראָזע האָבן זיך נישט פאַרלוירן. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע מאָס פון דערפינדערישקייט. וויסנדיק, אַז ווי אַ „פּאָליטישער פאַרברעכער", וועלכער האָט נישט תשובה געטון, וועט מען אים געוויס אַרעסטירן, האָט מאַקס געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז אַ חולה־מסוכן. ראָזע האָט זיך גענומען פאַרען אַרום אים, געגעבן אים טראָפּנס און פּילן, אַרומגעבונדן זיין קאָפּ, אים אָוועקגעלייגט אויפן דיוואַן, בכלל געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי איז אַזוי באַזאָרגט וועגן זיין געזונט־צושטאַנד, אַז איר גייט נישט אָן וואָס די זשאַנדאַרמען זוכן. דער זשאַנדאַרמעריע־אָפיציר איז עטלעכע מאָל צוגעקומען צו איר פרעגן מיט מיטגעפיל וועגן מאַקסעס געזונט־צושטאַנד. אָבער ביים פאַר־

*) זי איז געווען די שוועסטער פון אַלבערט זאַלקינד, וועלכער איז דעמאָלט געווען אָדער אין סיביר אָדער געזעסן אין תפיסה.

ענדיקן די רעוויזיע האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט אַ פּאַראָרדענונג אים צו אַרעסטירן. ראָזע האָט אַרויסגעוויזן נאָך מער זאָרג, פאַרלאַנגט אַז מען זאָל באַלד אַרויסרופן אַ דאָקטער. זי האָט געטענהט, אַז אַרויספירן אַ קראַנקן פון הויז ביינאַכט, אין אַ ווינטערדיקע זאַווערוכע, איז אַ גרויסע סכנה, זיין האַרץ וועט נישט אויסהאַלטן און ער וועט שטאַרבן אויפן וועג. עס איז איר געלונגען איינ־צורידן דעם זשאַנדאַרמעריע־אָפיציר אָפּצולייגן דעם אַרעסט ביז אינדערפרי. ער האָט איבערגעלאָזט אַ זשאַנדאַרם צו באַוואַכן מאַקסן, אַרום וועמען ראָזע האָט זיך כסדר געפאָרעט. מאַקס איז געלעגן אַזוי ווי אין אַ באַוווסטלאָזן צו־שטאַנד, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי זיך צוזאַמענגערעדט וואָס ווייטער צו טון. פאַרשטייט זיך, אַז מאַקס האָט דערפילט די נויטווענדיקייט צו גיין „אין דרויסן". דער זשאַנדאַרם איז אים נאָכגעגאַנגען און זיך איבערצייגט, אַז דער „טואַלעט־צימער" איז ביי דער קיך. אַ ביסל שפּעטער האָט מאַקס ווידער געמוזט „גיין"... מיט ראָזעס הילף איז ער אויפגעשטאַנען פון בעט, אַן איינגעבויגענער, קרעכצנדיק און אָכענדיק. שטעלן טריט איז אים אָנגעקומען מיט דער גרעסטער מאַטערניש. צו וואָס היטן אַזאַ חולה? איז דער זשאַנדאַרם געבליבן זיצן אין דער באַקוועמער שטול און געדרעמלט. מאַקס האָט זיך צוריקגעקערט. אַ ווילע איז ער פאַרבליבן אין זיין געלעגער, ווידער געקרעכצט און ווידער געדאַרפט אַרויסצוגיין... ראָזע האָט אים כסדר פאַנאַנדערגעפרעגט ווו און וואָס עס טוט אים וויי. זי האָט אים געהאָלפן זיך אויפשטעלן, זיך באַוועגן, אָבער אין דער אמתן האָט זי צוגעגרייט די נייטיקע זאַכן צו אַנטלויפן. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן האָט מאַקס ווידער באַדאַרפט אַרויסגיין... עס האָט זיך איבערגעחזרט די סצענע פון זיפצן און קרעכצן, פון כלומרשטע ווייטיקן. ראָזע האָט אים ווידער געהאָלפן צו שטעלן טריט. דער זשאַנדאַרם האָט געשלאָפן און געכראָפּעט. אין טואַלעט־צימער האָט מאַקס זיך איבערגעטון פאַר אַן אַלטיטשקע פרוי. מיט אַ גרויסער און דיקער פאַטשיילע אויפן קאָפּ און אויף די פּלייצעס, מיט אַ קאָשיק אין האַנט איז ער אַרויסגעגאַנגען פון הויף... מיט רויִקע טריט האָט זיך געשלעפּט איבער די גאַסן אַן אַלטיטשקע, פּונקט ווי זי וואָלט געגאַנגען אין מאַרק אַריין. פון קאָשיק האָט אַרויסגעשטאַר־טשעט אַ מילך־טעפּל. ביי קיינעם האָט זיך נישט געקענט דערוועקן אַ חשד... אַזוי פאַרשטעלט האָט זיך מאַקס דערקליבן צו פריינט, ביי וועלכע ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן עטלעכע טעג. מיט זיין קליין געוווּקס, דאַרן פּנים און שפּיציקן נאָז, האָט ער ווירקלעך אויסגעקוקט ווי אַן אַלטע פרוי. פון שטאָט איז אַרויסגעפאָרן אַן אַלטע אָרעמע פרוי. אין קאָשיק האָט זי געהאַט אַ שטיק שוואַרץ ברויט מיט

קעז. ווען זשאַנדאַרמען וואָלטן זי אַפילו אָפּגעשטעלט, וואָלטן זיי וואַרשיינלעך נישט דערקאָנט אין איר דעם געזוכטן פאַרברעכער קעגן דער צאַרישער רעגירונג, מאַקס נאַדעל. זייער שנעל האָט זיך מאַקס אַריבערגעפּעקלט קיין אויסלאַנד און זיך באַזעצט אין בערן, שווייץ, ווו ער האָט באַזוכט די לעקציעס אין דעם אוניווערזיטעט.

ראַזען האָט מען לאַנג געמאַטערט מיט אויספאָרשונגען, און נאָכגעפאָלגט איר יעדן טראָט. מען האָט זי אָבער נישט אַרעסטירט. ווען אויך איר איז געלונגען אומלעגאַל צו פאַרלאָזן רוסלאַנד, האָבן זיי ביידע אַ קורצע צייט געלעבט אין זשענעוו, און ענדלעך אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן. דאָרט האָט ראַזע ווידער געעפנט אַ דענטיסטישן קאַבינעט אין אַרימטן ווייטשעפּל, ווו עס האָט זיך דעמאָלט געפונען די בונדישע דרוקעריי און דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד״. מאַקס איז דאָרט געוואָרן אַ טיכטיקער טוער אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

יאָרן זענען פאַרלאָפן. די רעוואָלוציע פון 1905־1906 איז געקומען און זיך פאַרענדיקט. מאַקס און ראַזע זענען פאַרבליבן אין לאָנדאָן. אייניקע מאָל איז ער געקומען קיין פּאַריז און מיר פלעגן זיך טרעפן ווי אַלטע פריינט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען איינע פון אונדזערע באַגעגענישן אין 1908. מיר האָבן זיך געטראָפן אויפן וואָקזאַל, ערגעץ הינטער פּאַריז, ווו מיר האָבן אָפּגעוואַרט אַ צוג. מיר האָבן זיך צעשמועסט וועגן די לויפנדיקע פּאַסירונגען, וועגן די סיבות פון דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, וועגן די טוער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס זענען געצוווּנגען אומצוקערן זיך קיין אויס־לאַנד און לעבן ווידער אין דער עמיגראַציע. מאַקס האָט דערמאָנט לעניגען, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן אין לאָנדאָן אין 1907, בעת עס איז דאָרט פאָרגע־קומען דער פינפטער קאָנגרעס פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די זיצונגען פון קאָנגרעס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַ פאַרלאָזענעם קלויסטער, וואָס האָט אויפגעהערט צו דינען דעם רבונו־של־עולם. מאַקס האָט מיר דערציילט וועגן לעניגס אַרויסטרעטונג אין לאָנדאָן, וועגן זיין עקשנותדיקן קאַמף מיט די מענשעוויקעס, זיין טאַקטיק אַרומצורינגלען זיך מיט בלינדע נאָכ־פאָלגער, בכלל וועגן לעניגס נאַטור פון אַ הערשער. „ער האַלט אַלע לייצעס אין זיינע הענט״ האָט זיך מאַקס אויסגעדריקט. „לעניגן וועט זיך פאַר קיינעם נישט בייגן״. מאַקס האָט כסדר איבערגעחזרט: „אַזאַ איז ער״. לויט אים איז אויסגעקומען, אַז אין דער גאַנצער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט מען נישט געקענט געפינען אַזוי פיל ווילנס־קראַפט, אַזאַ אַנטשלאָסנקייט, אַזאַ געיעג

נאָך מאַכט, ווי ביי לענינען. מאַקס האָט געטענהט, אַז טראָץ לענינס אומטאָלע־ראַנטער באַציִונג צו קעגנער, זיין שאַרפן פּאָלעמישן טאָן, זיינע ווילדע אָנפאַלן, באַוויזט ער זיך נישט אין זיין אמתער ליכט.

אויב אָט דעם מענטשן זאָל געלינגען איבערצונעמען די מאַכט וועט די גאַנצע וועלט אויפגעציטערט ווערן, האָט מאַקס פאַרענדיקט... נאָך דעם ווי די וועלט האָט טאַקע אויפגעציטערט ווען לענין האָט איבערגענומען די מאַכט אין רוסלאַנד, האָב איך אייניקע מאָל זיך דערמאָנט וועגן מיין געשפּרעך מיט מאַקסן.

מאַקס נאַדעלס נביאות איז געווען אַ באַוויז, אַז ער האָט פאַרמאָגט אַ געזונטן, גראַדן שכל, וואָס איז ליידער נישט אויסגענוצט געוואָרן נישט פאַר אונדזער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און אַפילו נישט פאַר זיין אייגענעם לעבן.

מאַקס האָט באַנוצט זיינע אומגעוויינלעכע פעיִקייטן כדי אָן אַ שול, דורך זעלבסטבילדונג, אויסהאַלטן אין ענגלאַנד דעם עקזאַמען אויף אַ ציין־דאָקטער. ער האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש צו פּראַקטיצירן אין איינעם פון די לאָנדאָנער שפּיטאָלן. פאַר אַן אויסלענדער איז דאָס געווען אַ גרויסער אויפטו און כבוד. מאַקס האָט מיט רעכט געמעגט שטאָלצירן. ער איז אָבער פאַרבליבן אַן אומבאַ־פרידיקטער.

זינט ער איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע איז ער מער קיינמאָל נישט געווען דער זעלביקער. אַ נישט־באַפרידיקטער, איז ער געווען „נישט קיין וואַראַנע און נישט קיין פאַווע". פון די „אייגענע" האָט ער זיך דערוויטערט און צושטיין צו די פרעמדע האָט ער נישט געקענט. קיין אַרבעטער איז ער שוין נישט געווען און קיין פולקאָמער אינטעליגענט איז ער נישט געוואָרן. אין לאָנדאָן, ווו עטלעכע יאָר האָט זיך געפונען די בונדישע דרוקעריי און די אויסלענדישע פאַרטרעטער־שאַפט פון „בונד": אַלעקסאַנדער (קרעמער) און וולאַדימיר (קאָסאָווסקי), האָט מאַקס זיי אַ סך געהאָלפן. אָבער אים איז נישט געלונגען צו פאַרנעמען אַן אָנפירנדיקן אָרט אין דער באַוועגונג. ער האָט נישט געקענט זיין און איז טאַקע נישט געוואָרן אַ מיטרעדאַקטאָר פון די בונדישע אָרגאַנען. ער איז געווען און איז פאַרבליבן אַן אָנטיילנעמער פון אַ בונדישן קרייז. דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1905־1906, סטאָליפּינס רעאַקציאָנערער רעזשים, די נייע פּאָגראָם־כוואַליע אויף יידן, האָבן אים געדריקט, האָבן אונטערגעגראָבן זיין גלויבן אין דער מעגלעכקייט צו באַפרייען די מענטשהייט, אין דער מעגלעכקייט אַרויסצופירן די מענטשהייט פון פינצטערן תהום.

דער נצחון פון באָלשעוויזם וואָס האָט זיך ברוטאַל אָפגערעכנט מיט די

סאָציאַליסטישע, רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און זיי פון דאָסניי פּאַרטריבן אונטער דער ערד, האָט נאָך מער אַנטוישט מאַקסן און אויסגעלאָשן זיין רעוואָלוציאָנערן פייער. דערצו זענען צוגעקומען פּערזענלעכע צרות. ער האָט זיך פּאַנאַנדערגע־גאַנגען מיט ראָזען און איז פּאַרבליבן איינער אַליין, נע־ונד. ער האָט פּאַרלוירן זיין צוטרוי צו מענטשן, געוואָרן פּאַרביטערט, באַהערשט פון פּעסימיזם. אָפּגע־זונדערט פון אַלץ און אַלעמען איז ער פּאַרגעסן געוואָרן.

ער האָט אויסגעזוכט פּאַר זיך אַ פּאַרוואָרפענעם ווינקל, כדי אויסבאַהאַלטן זיך פון מענטשן.

אין איינעם פון די לאָנדאָנער פּאָרשטעט האָט ער געקויפט אַ שטיקל באָדן און אַ וואַגאָן, וואָס די אייזנבאַן האָט שוין מער נישט געקענט באַנוצן. מיט אייגענע הענט, מיט גרויס מאַטערניש האָט ער אויסגערעמאָנטירט דעם וואַגאָן צו וווינען אין אים. די דאָזיקע „נחלה" האָט ער געקרוינט מיטן נאָמען „מיין נעסט". ער האָט פּאַרבראַכט דאָרט זיין פריי צייט, פריי פון אַלץ און פון אַלעמען. ער האָט אויפגעגעבן צו אַרבעטן און געלעבט אויף גראָשנס פון איבערגעבליבענע אָפּשפּאָרונגען. זיין איינציקע טאָכטער פלעגט אים צייטנווייז באַזוכן, אָבער נאָך יעדער באַגעגעניש איז צווישן זיי געוואָרן אַ גרעסערע פרעמדקייט.

אין 1945 איז מאַקס אַן איינזאַמער געשטאָרבן אין זיין „נעסט". שכנים האָבן צופעליק געפונען זיין קערפּער אין דעם אַלטן באַן־וואַגאָן. אַזוי איז אַוועק פון דער וועלט דער טעטיקסטער און באַגאַבטסטער צווישן די פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ מענטש, וואָס איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען פול מיט לעבן, מיט טרוימען, מיט האָפענונגען.

ליזע די שניידערקע און איר מאַן — אַלטער

איך האָב געוווּסט וועגן ליזען נאָך ווען איך בין געווען אין ווילנע. אָבער איך האָב זיך באַקענט מיט איר און מיט איר מאַן אַלטער ערשט ווען איך בין געקומען קיין קאָונע. איך קען זיך נישט דערמאָנען צי איך האָב געהאַט אַ „יאַווקע" צו זיי, אָדער מען האָט זיי צוווּיסן געגעבן פון ווילנע וועגן מיין קומען. ווילנע איז אין יענער צייט געווען דער צענטער פון דער באַוועגונג.

קיין קאָונע בין איך געפאָרן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס האָט דאָרט געוווינט מיינע אַ באַקאַנטע צו וועמען איך בין געווען ווייט נישט גלייכגילטיק. קודם־כל אָבער, ווייל עס איז בכלל געקומען די צייט פאַר מיר, פונקט ווי פאַר אַ סך „אונדזערע", צו פאַרלאָזן ווילנער „נעסט". די „ברכה" צו פאָרן קיין קאָונע, האָב איך באַקומען פון די ווילנער פירער פון דער באַוועגונג. עס איז בייטיק געווען אָנצוווענדן אויך אין קאָונע די „נייע טאַקטיק", ד"ה, די מאַסן־אַגיטאַציע, לויט דעם באַרימטן „בריוו צו אַגיטאַטאָרן". אין קאָונע אָבער האָבן נאָך דעמאָלט געהערשט די „קרייזלעך". איך בין באַאויפטראגט געוואָרן אָנצוווענדן די נייע טאַקטיק.

אין יענער צייט איז אין קאָונע און אומגעגנט געווען אַ גאַנץ באַדייטנדע צאָל פאַבריקן און גרעסערע וואַרשטאַטן ווו עס זענען געווען באַשעפטיקט כמעט אויסשליסלעך קריסטלעכע אַרבעטער — ליטווינער און פאָליאַקן. די ייִדישע אַרבעטער־מאַסע איז געווען באַשעפטיקט דער עיקר אין קליינע וואַרשטאַטן.

קאָונע איז צוליב אַ סך טעמים געווען איינע פון די וויכטיקסטע צענטערן פון דער וואַקסנדיקער באַוועגונג, קודם־כל ווייל די בערשטער־אַרבעטער האָבן זיך געפונען אין די קליינע שטעטלעך פון קאָונער, ווילנער, גראָדנער און סוואַלקער גובערניעס. מיין אויפגאַבע איז געווען צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט די בערשטער, קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט. מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ליזע

ל. בערנשטיין

און אַלטער וועלן מיר העלפן צו שאַפן די נייטיקע פאַרבינדונגען מיט די בערשטער. מיט אַ טייל פון זיי בין איך געווען באַקאַנט נאָך פון ווילנע.

ליזעס וווינונג איז געווען אין אַ פאַרוואָרפן געסל, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם טייך ניעמאַן. מיר האָבן זיך געשפּאַרט צי אַזאַ דירה איז אַ מעלה אָדער אַ חסרון. אַ מעלה איז זיכער געווען וואָס שוין פון דערווייטן האָבן מיר געקענט זען די פענצטער פון ליזעס וווינונג. אַ צייכן, ווי צום ביישפּיל, אַ שירעם אין פענצטער אָדער אין די אונטן אַ לאָמפּ, האָט באַטייט, אַז מיר מעגן קומען צו ליזען.

געאַרבעט האָט ליזע ביי זיך אין דער היים, מערסטנס איינע אַליין. צייטנווייז אָבער האָט זי געמוזט נעמען צו הילף אַרבעטאָרינס — זעלבסטפאַרשטענדלעך „אייגענע" מענטשן. מיין פריינדינע איז געווען ליזעס אַ שטענדיקער קליענט, ווי אויך אַ פאַרבינדונגס־מענטש צווישן מיר און ליזען. ווען עס איז געווען אַ צווייפל וועגן דעם צייכן אין פענצטער, האָט מיין פריינדינע געקענט קומען צו ליזען אונטער דעם אויסרייד, אַז זי דאַרף באַשטעלן אַן אַרבעט אָדער אָנמעסטן אַ פאַרטיקן מלבוש.

ליזעס מאַן, אַלטער, איז געווען אַ בערשטער. ער האָט געהאַט באַקאַנטשאַפט מיט אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים באַאַרבעטן די חזיר־האָר פון די פעל, כדי צו פּראָדוצירן בערשטלעך. אַ בלאָנדער, מיט אַ רונדן פּנים, מיט ברילן, אַלע מאָל עלעגאַנט געקליידט, אַ פריינטלעכער, איז ער געווען, וואָס מען רופט, אַ ליבלעכער מענטש. אַ דענקענדיקער אַרבעטער מיט אַ גלייכן שכל, פלעגט אַלטער זיך גוט אָריענטירן אין יענע קאַרדינאַלע פראַגן, וואָס האָבן אונדז צו יענער צייט אינטערעסירט. ער האָט אַ סך געלייענט און איינגעזאַפּט אַ סך וויסן און בילדונג אין די פאַרשיידענע קרייזלעך, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט.

ליזע איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדער טיפּ. דער פּנים פאַרטרויערט, אַ נאָז ווי אַ בולבע, אַ קורצזיכטיקע, דאַר, בלויז הויט און ביינער, דער קאָפּ איינגעבויגן, פלעגט זי מיט די פינגער כסדר זוכן אויפן אַרבעטס־טיש די שער אָדער אַ שטיקל שטאָף. הגם נאָך יונג, האָט זי אָבער אויסגעזען ווי אַן אַלטע פרוי. אירע געזיכטס־שטריכן און איר קליידונג זענען געווען פון אַ געוויינלעכער יידענע, איינע פון אַ סך, וואָס מען פלעגט באַגעגענען אין די שטעט און שטעטלעך פון דעם תחום־המושב. די דירה איז אָבער געווען נישט אַלטערס נאָר ליזעס. מיר זענען געגאַנגען צו איר און נישט צו אים. זיך מיישב זיין מיט איר, איר געבן אָדער פון איר נעמען דירעקטיוון. אַפילו אַלטער אַליין, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע מיינונג,

וואָס איז געווען זייער געאַכטעט, איז געווען נישט מער ווי ליזעס מאַן. זי און נישט ער איז געווען דער צענטער. זיי האָבן ביידע באַלאַנגט צו פּאַרטנאָיס (נחס) „קרוזשאָק" (קרייזל). נאָך דעם ווי נח איז אַרעסטירט געוואָרן (סוף 1895), האָבן זיי ביידע איינגעהאַלטן אַלע פאַרבינדונגען וואָס פּאַרטנאָי האָט איינגעשטעלט. מיט זייער אומדערמידלעכער טעטיקייט האָבן זיי אַ סך געהאָלפן דער באַוועגונג. זי, מער ווי ער.

**
*

אין טעאָרעטישע ענינים איז ליזע געווען גאַנץ שוואַך, טראָץ דעם וואָס זי האָט דורכגעמאַכט די לערע פון אונדזערע קרייזלעך. זי האָט אָבער פאַרמאָגט אַ פּראַקטישן שכל. זי האָט פאַרשטאַנען דעם גאַנג פון די געשעענישן, זייער קאָנסעקווענץ, זייערע וואַרשיינלעכע רעזולטאַטן. איר פּראַקטישקייט האָט זיך אָבער קודם־כל באַצויגן צו באַשלוסן וועגן אונדזער טאָג־טעגלעכער טעטיקייט. זי האָט גוט פאַרשטאַנען און ריכטיק אָפּגעשאַצט מענטשן. טיף אין איר האַרצן איז זי געווען אַן אידעאַליסטקע און אַ טרוימערין. זי האָט באמת געגלויבט אין דער באַלדיקער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. איר גאַנץ וועזן, איר גאַנצער געדאַנקענגאַנג, איז געווען קאָנצענטרירט אויף אַ באַלדיקן נצחון פון דער באַוועגונג. זי איז געווען פאַרליבט אין סאָציאַליזם. די ליבע איז ביי איר געווען אַזאַ שטאַרקע, אַז זי איז אַפילו געווען אייפערזיכטיק. זי האָט זיך אינגאַנצן געווידמעט דער באַוועגונג וועמענס אינטערעסן זי האָט באַטראַכט פאַר דאָס טייערסטע אין איר לעבן. גלויבן און פּראַקטישער שכל, טרוים און רעאַליזם, האָבן זיך אין איר פּערזאָן ווונדערלעך באַהאָפטן. איבערגעגעבנקייט צו דער באַוועגונג איז געווען איר גבורה. דערמיט דערקלערט זיך פאַרוואָס זי האָט אויסגעאיבט אַזאַ ווירקונג. די פּאָזיציע וואָס זי האָט זיך דערוואָרבן אין דער אָרגאַניזאַציע, זי וואָלט נישט געקענט זיך פאַרמעסטן מיט איניקע פון די פּיאָנערן־אַרבעטער, וואָס האָבן גע־קענט אָנפירן מיט אַ „קרוזשאָק", פאַרטייטשן אַ קאָמפּליצירטע פּראָגראַם, טעאָרע־טיש אויפקלערן — „פּאָדקאָווען"*) אַ שווערן קאַפּיטל. דערפאַר אָבער איז ליזע געווען אַ געבוירענע פירערין. אירע האַנדלונגען, איר גאַנץ לעבן, איר באַציִונג צו מענטשן, אירע עצות און באַמערקונגען, איר געפיל פון ווירדע און דער גייסט פון פּיאָנערישקייט, האָבן געדינט ווי אַ לעבעדיקער מוסטער פאַר אַנדערע.

ליזע האָט זיך פאַרנומען מיט אַגיטאַציע צווישן אַרבעטער. גלייכצייטיק איז

---

*) אַ דעמאָלסטדיקער אויסדרוק, וואָס מיינט אונטערשמידן.

זי געווען אַ מיטגליד אין יענעם „קרייזל״, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג. זי האָט פאַרוואַלטעט מיט דער אַרבעטער־ביבליאָטעק, וואָס האָט פאַרמאָגט כמעט אויסשליסלעך יידישע ביכער. זי האָט אָנגעפירט מיט שטרייקן אין פאַרשיידענע פאַכן, אָרגאַניזירט קרייזלעך פון פעיקערע און טעטיקערע אַרבעטער, באַזאָרגט זיי מיט לערער פון דער אינטעליגענץ. חוץ דעם, האָט ליזע פאַרוואַלטעט מיט דער פאַרשפּרייטונג פון רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור און יענע יידישע אויסגאַבעס, וואָס פלעגן אָנקומען פון אַמעריקע, ווי צום ביישפּיל די „צוקונפט״. זי האָט געוווסט ווי און ווו איינצואָרדענען די בערשטער פון די קליינע שטעטלעך, וואָס פלעגן קומען קיין קאָוונע. ליזע האָט געזאַמלט געלט פאַר אַרבעטסלאָזע, איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען און געפונען פאַר זיי פאַסיקע פלעצער. ליזע האָט בעסער פון אונדז אַלעמען געקענט איבערצייגן און באַאיינפלוסן טראָץ דעם, וואָס זי איז געווען שוואַך אין הלכות טעאָריע. זי האָט געקענט אויף אויסנווייניק אַלע רעוואָלוציאָנערע לידער. זי האָט זיי געזונגען מיט געפיל, מיט גלויבן און באַגייסטערונג, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און אויסגעגלייכטער פיגור, ווי זי וואָלט אין דער אמתן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די „קייטן״. זי האָט שטאָלצירט, וואָס זי איז איינע פון „אונדז״. זי האָט אויך אַנדערע אָנגעשטעקט מיט דעם זעלביקן געפיל פון שטאָלץ צו באַלאַנגען צו „אונדזערע״, מיט אַ באַוווסטזיין און מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער באַוועגונג.

יעדן אַרעסט אָדער דורכפאַל, יעדן באַגאַנגענעם טעות, האָט ליזע אויפגענומען ווי אַ פערזענלעכע טראַגעדיע.

בעת מיר פלעגן קומען צו ליזען, האָט זי שטענדיק געהאַט אַ גאַנצן פּאַק ענינים בנוגע וועלכע עס איז נויטיק געווען זיך צו באַראַטן, אָננעמען באַשלוסן, אָדער זאַמלען אינפאָרמאַציע פאַר אַזאַ אָדער אַנדער קערפערשאַפט. יעדע פראַגע פלעגט זי רעפערירן פאַר אונדז אַזוי איינפאַך, אַז אויך דער ענטפער פלעגט זיך אַרויסווייזן צו זיין איינפאַך און קלאָר.

ליזע האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין אינטימע ענינים פון אַנדערע. פון „אונדזערע״ האָט זי אָבער געפאָדערט, אַז זיי זאָלן אָנהאַלטן חברישע און אויפריכטיקע באַציִונגען צווישן זיך. זי איז געווען אַ געטרייע און זאָרגפולע מאַמע פאַר די „אייגענע״, יונגע פריינדינען, וואָס זי האָט אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג. זיי פלעגן קומען צו איר מיט זייערע דאגות, וואָס זיי האָט קיינמאָל נישט געפעלט. אָט איז אַ חברטע געקומען צו ליזען וועגן איר קראַנקייט, וועגן אַרבעטסלאָזיקייט אָדער גאָר וועגן אַ צוזאַמענשטויס, אַ קאָנפליקט מיט די עלטערן. נישט זעלטן

האָבן „אונדזערע" מיידלעך פאַרלאָזט זייערע היימען, כדי פּטור צו ווערן פון אַ חתונה, וואָס מען האָט געוואָלט אויף זיי אַרויפצווינגען, אָדער כדי אויסצומיידן טאָג־טעגלעכע סכסוכים צוליב זייער אָנטייל אין דער באַוועגונג. ליזע האָט אַזעלכע מיידלעך געגעבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און זיי באַשיצט אַפילו פון די עלטערן...

יידישע צייטונגען האָבן אין יענער צייט נישט עקזיסטירט און רוסישע צייטונגען האָט ליזע נישט געלייענט. זי האָט זיך אָבער שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט, באַזונדערס מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַרשיידענע לענדער. פּאָליטישע נייס אין רוסלאַנד גופא האָבן איר זייער אינטערעסירט. זי פלעגט אָפט קומען מיט פּאָליטישע פראַגן צו מיר און צו אַנדערע. אַליין האָט זי אָבער אַ סך געלייענט, באַזונדערס אַמעריקאַנער יידישע ביכער, סאָציאַליסטישע בראָשורן, ווינטשעווסקיס פּאָעזיע, מאָריס ראָזנפעלדס פּאָעמען א"א. זי האָט שטאַרק געהאַלטן פון פּרצעס „יום־טוב בלעטער", אַזעלכע ווי זיינע דערציילונגען „די שטריימל", זיין קריטיק פון דער „יידישער גאַס", און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, מענדעלעס און שלום־עליכמס שאַפונגען.

פּרץ, שלום־עליכם און אַנדערע פּראָגרעסיווע יידישע שריפטשטעלער פון יענער צייט האָבן נישט געוווּסט, אפשר אַפילו נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז זייערע איבערגעגעבנסטע לייענער און נאָכפאָלגער האָבן זיך געפונען צווישן די יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געוואָרן אַקטיוו אין דער באַוועגונג. עס איז אויסער יעדן צווייפל, אַז אונדזער באַוועגונג האָט צוגעגרייט דעם באָדן אויף וועלכן עס האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט די נייע יידישע ליטעראַטור, וואָס איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון דער וועלט־ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור פון יענער צייט איז געווען אין איינקלאַנג מיט יענעם פרייהייטס־קאַמף פון יידישע אַרבעטער, וואָס האָט אים פאַראייניקט מיט דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַזעלכע פערזענלעכקייטן ווי ליזע האָבן בחוש פאַרשטאַנען דעם ענגן צוזאַמענבונד צווישן דער באַוועגונג און דער יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס אין די ווערק פון י. ל. פּרץ אָדער שלום־עליכם. זייער פרייהייטס־גייסט, זייער ליידנשאַפטלעכער פּראָטעסט קעגן קולטורלאָזיקייט, קעגן דעם אַלטן סדר בכלל, קעגן דעם יידישן לעבן אין געטאָ, האָבן „אונדזערע" פאַרשטאַנען בעסער ווי סתם לייענער. אין די דערמאָנטע ווערק האָט ליזע אַרויסגעלייענט איר אייגענעם דראַנג צו אַ פריי לעבן, אַ דערמוטיקונג פאַר דעם קאַמף פון אַלע „אונדזערע" קעגן פּאָליטישער אונטערדריקונג און סאָציאַלער פאַרשקלאַפונג.

ליזע, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אַרבעטער־פּיאָנערן פון אונדזער באַוועגונג, איז דערצויגן געוואָרן אין די „קרייזלעך". די „קרוזשקאָווטשינע" האָט זיך אָבער נישט איינגעגעסן אין אירע ביינער. אָן גרויסע קווינקלענישן האָט זי אָנגענומען די „נייע טאַקטיק". ווי אַ פּראַקטישע טוערין האָט זי ריכטיק אָפּגעשאַצט די רעזולטאַטן פון אַ געלונגענער מאַסן־אַגיטאַציע. זי האָט אָבער געהאַלטן, אַז די „נייע טאַקטיק" טאָר זיך נישט באַגנוגענען נאָר מיטן עקאָנאָמישן קאַמף, אַז גלייכצייטיק דאַרפן פּראָקלאַמירט ווערן פּאָליטישע און אַנטי־רעגירונג לאָזונגען, אַז צווישן די אַרבעטער דאַרף געפירט ווערן אַן אַגיטאַציע פאַר אַ נייעם מאָראַלישן און עטישן לעבנס־שטייגער. ליזע, וועלכע האָט פאַרגעטערט די נעמען פון העסיע העלפמאַן און סאָפיע גינזבורג *), האָט אַנדערש גאָר נישט געקענט טראַכטן.

*) סאָפיאַ מיכיילאָוונאַ גינזבורג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1865 אין אַ פאַרמעגלעכער ווילנער יידישער משפחה. זי האָט זיך געלערנט אין גימנאַזיע און שפּעטער אַוועקגעפאָרן אין פּעטערבורג, וווּ זי איז אָנגעקומען אויף די קורסן פאַר אַקושערקעס. אין אָנהויב פון די 80קער יאָרן, דאָס הייסט ווען זי איז אַלט געווען 17—18 יאָר, איז זי געווען זייער אַקטיוו ביים אָרגאַניזירן מיליטערישע קרייזלעך פון נאַראָדאָוואָלצעס. איר פּערזענלעכער חן און איר פלאַמיקער גלויבן זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז טראָץ דעם, וואָס זי איז געווען זייער יונג, איז איר געלונגען צו איבערצייגן און אַריינציען אין דער באַוועגונג אייניקע אָנגעזעענע ליטעראַטן און געלערנטע. אונטער די אומשטענדן פון דער ווילדסטער רעאַקציע זענען זיי מסכים געווען צוזאַמענצושטעלן סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָגראַמען פאַר די דערמאָנטע מיליטערישע קרייזלעך און אַליין דאָרט האַלטן לעקציעס. אין דער זעלביקער צייט האָט סאָפיאַ גינזבורג נישט אויפגעהערט זיך אַליין ווייטער צו לערנען. אין די 80סטע יאָרן איז זי צוויי מאָל אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, וווּ זי האָט באַזוכט לעקציעס אין אוניווערסיטעטן. דאָרט האָט זי זיך דערנעענטערט צו דער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע פון שווייץ און פון פראַנקרייך. אַ באַזונדער גרויסע השפּעה האָט אויף איר געמאַכט פּ. ל. לאַוראָוו. זי האָט באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד און אָנהויבן צו אַרבעטן אומלעגאַל, אונטער אַן אַנדער נאָמען. זי האָט אָנגעהויבן צוריק אירע פריערדיקע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. אויף אַזאַ אופן איז זי געווען די לעצטע פון די אָנגעזעענע פרויען־געשטאַלטן פון די נאַראָדאָוואָלצעס. אין 1889 איז זי געוואָרן אַרעסטירט אין די דרום־געגנטן פון רוסלאַנד. צוזאַמען מיט אַלע אָנטיילנעמער פון איר קרייזל איז זי איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט. אַ ספּעציעלע סעסיע פון העכסטן סענאַט האָט אין נאָוועמבער 1890, איר פאַראורטיילט צום טויט. טויט־שטראָף איז איר פאַרביטן געוואָרן אויף אייביקער קאַטאָרגע. מען האָט איר אַריינגעזעצט אין שליסלבורגער פעסטונג, וווּ זי איז געזעסן אייבע אַליין, איזאָלירט פון אַלעמען און פון דער גאַנצער וועלט. אין 1891, ווען זי איז אַלט געווען סך־הכל 25 יאָר, איז זי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. מיט אַ שטיקל גלאָז, וואָס איר איז געלונגען צו געפינען אין דער שליסעלבורגער טורמע, האָט זי איבערגעשניטן איר בלוט־אַרטעריע. איר אָנדענק איז געווען הייליק צווישן די יידישע רעוואָלוציאָנערן אין דער צייט פון די ווילנער קרייזלעך. מען האָט איר געשטעלט אויף איין ברעט מיט סאָפיאַ פּעראָווסקאַ און העסע העלפמאַן. (רעדאַקציע).

זי איז געווען זיכער, אַז די אַרבעטער־מאַסן וועלן אויפנעמען אַזעלכע פּאָליטישע לאָזונגען מיט דער זעלביקער התלהבות, ווי זיי האָבן אויפגענומען די פאָדערונגען פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג, אָדער פאַר העכערע שכירות.

ליזע האָט געהאַלטן, אַז עס איז נישט גענוג צו זאָגן אַן אַרבעטער, אַז ער איז אַ שקלאַף. עס איז נייטיק אים אויפצוקלערן פאַרוואָס ער איז אַ שקלאַף און ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון שקלאַפעריי.

ווען אין די צייטונגען האָט זיך באַוויזן אַ דערקלערונג פון פינאַנץ־מיניסטער וויטע, אַז „גאָט צו דאַנקען", מיר האָבן נישט קיין אַרבעטער־פּראָבלעם אין רוס־לאַנד און איך האָב די נייס איבערגעלייענט פאַר ליזען, האָט זי תיכף באַשלאָסן, אַז:

— ס'איז אַן אויסגעצייכנטע געלעגנהייט צו רופן אַ פאַרזאַמלונג, כדי אויפ־צוקלערן די נייטיקייט און וויכטיקייט צו פירן אַ פּאָליטישן קאַמף קעגן דער רעגירונג. זי האָט אַ פרעג געטון: איר שטימט איך?

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען מסכים. אויפן אָרט האָבן מיר באַשלאָסן ווען און ווו צוזאַמענרופן עטלעכע צענדליק אַרבעטער, כדי באַהאַנדלען די פראַגע צי עס איז דאָ אַן אַרבעטער־פּראָבלעם אין רוסלאַנד, און פאַרוואָס די רעגירונג טענהט אַז ס'איז נישטאָ.

ליזע האָט שטאַרק געהאַלטן פון דעם כלל, אַז נישט דער מענטש איז געשאַפן געוואָרן פאַר דעם שבת, נאָר דער שבת פאַר דעם מענטש. שבת איז טאַקע געווען איר אָפּרו־טאָג. אַלע ענינים פון וואַרשטאַט זענען אָפּגעשלאָסן געוואָרן פרייטיק נאָך זון־אונטערגאַנג. די דירה האָט באַקומען אַ יום־טובדיקן אויסזען. אַ ריינער טישטעך האָט באַדעקט דעם טיש. אַן אויסגעוואַשענע און אין אירע שבתדיקע מלבושים האָט ליזע אויך אויסגעזען יום־טובדיק. ליזעס שבת איז אָבער געפייערט געוואָרן אָן רעליגיעזע צערעמאָניעס. לויט אַ פעסטגעשטעלטער טראַדיציע איז דער שבת באַנוצט געוואָרן פאַר קאָנספּיראַטיווע באַגעגענישן און פאַרזאַמלונגען, פאַר לייענען אומלעגאַלע ליטעראַטור און ביכער.

חוץ שניידעריי און געזעלשאַפטלעכע פליכטן, האָט ליזע נאָך געדאַרפט זאָרגן וועגן דער הויז, וועגן איר אייגענער באַלעבאַטישקייט. קיין דינסטמיידל האָט זי נישט געהאַט. מאָלצייטן האָט זי געגרייט נישט נאָר פאַר זיך און פאַר אַלטערן, נאָר זייער אָפט אויך פאַר אָנגעקומענע פון דער פרעמד בערשטער, פאַר חברים און פאַר אָנטיילנעמער פון קאָנספּיראַטיווע באַראַטונגען, כדי זיי זאָלן נישט גיין אין אַ רעסטאָראַן. זי האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין וועזן, וואָס צו עסן. ברויט מיט קעז אָדער מיט הערינג אינאָווענט, זופּ און פלייש בעת מיטיק,

איז געווען אַ מאַלצייט. עס איז געווען שווער צו פאַרשטיין ווי ליזע געפינט צייט און ווי אַזוי זי ספּראַוועט זיך מיט דאָס אַלץ. דער אמת איז, אַז נישט זעלטן האָט זי אַוועקגענומען צייט פון איר שלאָף.

אין אַלע אַרבעטן און באַראַטונגען האָט אַלטער אויך אָנטייל גענומען, אָבער ער האָט געשפּילט די צווייטע פידל. ער פלעגט זעלטן ריידן אויף די „סכאָדקעס״. עס האָבן אים געפעלט רעדנערישע פעיִקייטן. אָבער אין דער „אָנפירונג״, וואָס איז באַשטאַנען פון זעקס אָדער אַכט מענטשן, פלעגט אַלטער זיך באַטייליקן אין די דיסקוסיעס און אויסדריקן זיינע געדאַנקען קורץ און זאַכלעך. אַמאָל פלעגט ער נישט זיין מסכים מיט ליזען. ער האָט יעדן ענין גרינטלעך אַדורכגעטראַכט. מיר אַלע האָבן פאַר אים געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ. דאָך, נישט ווי פאַר ליזען...

ליזע האָט געוווּסט, אַז איך הייס לעאָן, לויט דעם ווילנער נוסח, „לעאָנטשיק״. לשם קאָנספּיראַציע האָט זי אָבער פאַרגעשלאָגן, אַז מיין נאָמען זאָל זיין „טאָדרעס״. אויף מיין פראַגע — פאַרוואָס טאָדרעס? האָט זי געענטפערט: וואָס איז דער אונ־טערשייד? בין איך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „טאָדרעס״ נישט נאָר פאַר די בערשטער נאָר אויך פאַר אַ סך קאָוונער אַרבעטער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין אונדזערע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, ווו איך פלעג אַרויסטרעטן. סוף־כל־סוף, כדי אויסצומיידן מיספאַרשטענדענישן, האָט ליזע אויך אָנגעהויבן מיך רופן „טאָדרעס״ אַפילו אין אונדזערע „ענגע״ קרייזן. איך אַליין האָב זיך נישט צוגעוווינט צום פסעוודאָנים. אָבער „טאָדרעס״ פון די אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, וואָס האָט גע־האַלטן און אָפּגעהיט די פאַרבינדונגען מיט די בערשטער, איז ליזען געוואָרן נענטער איידער דער ווילנער לעאָן.

***

אין שייכות מיט ליזען, דערמאָן איך זיך וועגן איינעם, וועמען עס איז געווען באַשערט באַרימט צו ווערן איבער דער גאָרער וועלט, וועמענס נאָמען האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף מיליאָנען מענטשן. איך האָב אין זינען פעליקס דזשערדזשינסקי, דעם פאָרזיצער פון יענער באָלשעוויסטישער איינריכטונג פאַר דער באַשיצונג פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם העסלעכן נאָמען „טשרעזוויטשייקאַ״.

אַ מעשה וועגן דזשערדזשינסקין אין שייכות מיט ליזען און אַלטערן קען אויסקוקן אויסטערליש. דער עולם ווייסט זיינע מעשים זינט דער קאָמוניסטישער

איבערקערעניש אין יאָר 1917. וואָס איך גיי דאָ דערציילן האָט אָבער צו דעם פּעריאָד נישט קיין שייכות.

פעליקס דזשערדזשינסקין האָב איך איינמאָל געבראַכט צו ליזען און אַלטערן. ער איז דאַן געווען 17 אָדער 18 יאָר אַלט. אויף זיינע באַקן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע האָר. ער איז געווען באַשיידן, שעמעוודיק. טראָץ זיין איבער־געטריבענער „קאָנספּיראַציע", פלעגט ער זיך וואַרפן אין די אויגן מיט זיין גראָבן שטעקן, הויכע שטיוול, מיט זיינע בלויע ברילן און בכלל מיט זיין גאַנצער געשטאַלט פון אַן אומדערפאַרענעם, נאַיִוון פאַרשווערער. קיינער פון אונדז האָט זיך נישט אַזוי געוואָרפן אין די אויגן ווי דער דעמאָלסטיקער פעליקס. ער האָט מיר געהאָלפן אויסצוקלייבן און קויפן אַ בעט, וואָס מיר ביידע האָבן געשלעפּט איבער דער גאַנצער שטאָט. אַגב, האָט ער איינגעטענהט מיט מיר, אַז מען קען און מען דאַרף שלאָפן אָן אַ שעניק. אָבער ווען ער האָט מיך שפּעטער באַגעגנט אין גאַס האָט ער מיך אויסגעמיטן, פּונקט ווי ער וואָלט מיך קיינמאָל נישט געקענט. פאַרענטפערט האָט ער זיך, אַז שפּיאָנען האָבן אים נאָכגעפאָלגט...

דזשערדזשינסקי, פּונקט ווי איך, איז געקומען פון ווילנע קיין קאָוונע מיט אינסטרוקציעס צו פירן די אַרבעט קודם־כל צווישן די פאַבריק־אַרבעטער, אָבער אויסשליסלעך צווישן קריסטלעכע, ד"ה, צווישן פּאָליאַקן און ליטווינער. ער איז געקומען קיין קאָוונע נאָך פאַר מיר. מיר האָבן זיך געטראָפן אַדאַנק אינסטרוקציעס פון ווילנע און מיר זענען געוואָרן פריינט. איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ ער האָט מיר געוויזן די ערשטע פּראָקלאַמאַציע געדרוקט אין ליטוויש, וואָס האָט פּאָפּולאַריזירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָגראַם. ער האָט געבעטן איך זאָל אים באַקענען מיט איניקע יידישע אַרבעטער, וואָס קענען גוט די הלכה פון קאָנספּיראַציע. ער האָט געוואָלט האָבן אין שטאָט אַ זיכערן קאָנטאַקט, מחוץ זיין קרייז פון פּאָליאַקן און ליטווינער. צוליב דער בקשה האָב איך אים געבראַכט צו ליזען.

ס'איז געווען אַ שבת. ליזעס וווינונג איז געווען צוגערעמט. זי מיט אַלטערן זענען געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, פריי פון אַרבעט און די טאָג־טעגלעכע דאגות. מייך גאַסט און די באַלעבאַטים האָבן געפירט אַ געמיטלעכן שמועס. ליזע האָט זיך באַמיט אויסצוגעפינען ביי דזשערדזשינסקין דעם צושטאַנד פון דער באַוועגונג צווישן די פּאָליאַקן און ליטווינער, הגם עס איז געווען קענטיק, אַז זי איז אַליין גוט אינפאָרמירט. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן פּאָליאַקן, וועלכע זי האָט געקענט אין קאָוונע פון נחס צייטן, טוער, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן,

אידער דזשערזשינסקי איז געקומען קיין קאָוונע. זי האָט אים געפרעגט צי די פּוילישע און די ליטווישע אַרבעטער זענען אינפאָרמירט וועגן דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. זי האָט געהאַלטן, אַז וויסן איינע פון די אַנדערע, איז אין די אינטערעסן פון דער באַוועגונג, אַז עס איז נוצלעך איינצושטעלן אַ פאַרבינדונג צווישן די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ליזע האָט גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס פאַר אַ גרויסע מניעה פאַר אַזאַ פאַרבינדונג עס איז די שפּראַך־פראַגע. בעת דעם געשפּרעך האָט דזשערדזשינסקי נאָכאַמאָל אַנטוויקלט זיינע געדאַנקען וועגן דער נייטיקייט צו „רעוואָלוציאָניזירן" די אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן פירן אַ דירעקטן קאַמף קעגן דער פּאָליציי־„אָכראַנע", אַז מיר דאַרפן שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד בעת אַן אַרעסט און פאַרזוכן אָפּצושלאָגן אַרעסטירטע. ער האָט פאָרגעשלאָגן צו באַשטראָפן שפּיאָנען און אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן פון טורמעס, ווי דאָס האָבן געטון די „נאַראָדאָוואָלצעס". ער האָט נערוועז שפּאַצירט איבערן צימער, זיינע ווערטער האָבן געקלונגען ערנסט, זיין פלאַמענדיקער טעמפּעראַמענט איז אונדז געווען סימפּאַטיש, בפרט אַז עס האָט זיך געפילט, אַז ער איז גרייט צו טון אַליין וואָס ער פּרעדיקט פאַר אַנדערע.

ליזע און אַלטער האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף דזשערדזשינסקין, אַדאַנק זייער ערנסטקייט און פעסטע איבערצייגונגען.

ווען מיר זענען שוין געווען אין דרויסן האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט נישט געקענט מיר אַריינפירן אַזוי ווי איך האָב דאָס געטון, צו איינעם פון די בעסטע און געטרייסטע קריסטלעכע אַרבעטער...

אויף מיין פראַגע — פאַרוואָס? האָט ער געענטפערט: ווייל דו ביסט אַ ייִד! אַפילו די בעסטע פון זיי האָבן נאָך נישט באַזיגט אין זיך דעם אַנטיסעמיטיזם.

איך האָב אים דאַן געפרעגט: — באַקעמפן נישט אייערע אַגיטאַטאָרן דעם אַנטיסעמיטיזם?

דזשערדזשינסקי האָט געענטפערט:

— געוויס, מיר קעמפן, עס איז אָבער אַ שווערע און ווייט נישט דאַנקבאַרע מלאכה. כדי צו זיין דערפאָלגרייך אין אונדזער מאַסן־אַגיטאַציע מוזן מיר אויסמיידן געוויסע פראַגן...

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל אים מיטנעמען צו אונדזער אַ מאַסן־„סכאָדקע", ווו ער וואָלט געקענט אַרויסטרעטן.

— וועלן זיי מיר פאַרשטיין? — האָט ער געפרעגט.

איך האָב געענטפערט: — פאַרשטיין וועט מען דיר; אייניקע מער, אַנדערע ווינציקער. קיינער אָבער וועט נישט האָבן קעגן דיין רעדן, נאָר דערפאַר ווייל דו ביסט נישט קיין ייִד. קיינער וועט זיך פון דיר נישט אָפּקערן, פאַרקערט, זיי וועלן אַרויסווייזן צו דיר אַ וואַרעמען געפיל, זיי וועלן באַטראַכטן דיין אָנוועזנהייט אַלס אַן אויסדרוק פון יענער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, וואָס מיר פּרעדיקן שטענדיק.

ער האָט מיט מיר איינגעשטימט, אַז אייגנטלעך האַנדלט זיך נישט אין דעם באַוווסטזיין. וויכטיק איז, וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט אָנגערייצט אונדזערע אַרבעטער קעגן פּאָליאַקן אָדער ליטווינער. וויכטיק איז וואָס די ייִדישע אַרבעטער האָבן אָנגענומען דעם סאָציאַליזם ווי אַ באַפרייאונג פון שקלאַפעריי, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַלער אָדער רעליגיעזער אָנגעהעריקייט. בעת אונדזערע ווייטערדיקע באַגעגענישן, באַזונדערס נאָך דעם ווי ער איז באַקאַנט געוואָרן מיט אייניקע פון „אונדזערע" אַרבעטער, פלעגט דזשערדזשינסקי זיך באַקלאָגן, אַז די גרעסטע שטערונג אין זיין פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט איז שיכרות און קולטורלאָזיקייט.

— בראָנפן איז דער גרעסטער שונא פון אונדזער באַוועגונג, אַ שונא פון אונדזער קאָנספּיראַציע, האָט ער זיך באַקלאָגט.

איין מאָל האָט דזשערדזשינסקי צו מיר אַ זאָג געטון:

— איך בין גאָרנישט זיכער, אַז איך וועל אַמאָל נישט טרעפן איינעם פון אונדזערע בעסטע און באַוווסטזיניקסטע אַרבעטער אַ שיכורן אין דער געזעלשאַפט פון אַ שיכורן זשאַנדאַר, וואָס האָט זיך אפשר פאַרשטעלט פאַר אַ שיכורן, כדי אַרויסצוקריגן אינפאָרמאַציעס פון דעם אַרבעטער...

דער יונגער דזשערדזשינסקי האָט מיט ווייטיק און צאָרן גערעדט וועגן דער אויסגעלאַסנקייט, די שיכרות, די געשלעגן און מערדערייען צווישן די אַרבע־טער. ער האָט מיר דערציילט ווי ברוטאַל זיי שלאָגן זייערע ווייבער, ווי שווער עס איז אויסצוואָרצלען די חיהשקייט אפילו ביי די שוין אַגיטירטע פּוילישע און ליטווישע אַרבעטער.

דזשערדזשינסקי האָט אַלע מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז ביי ייִדן באַגעגנט מען נישט אַזאַ פאַרדאָרבנקייט, אַז ביי אונדז, ייִדישע פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַגיטאַ־טאָרן, גייט אַלץ צו גרינגער, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ גינסטיקערן און פרוכטבאַרן באָדן...

איינמאָל, בעת דזשערדזשינסקי איז געקומען צו מיר, האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין באַליבטער טעמע וועגן „רעוואָלוציאָנערן ווידערשטאַנד". אַרויסצו־עדיק

פון קעשענע אַ רעוואָלווער, האָט ער אים געגלעט מיט דער האַנט און געזאָגט:

— פאַר אַ רעוואָלווער דאַרף מען נישט מורא האָבן. סאָציאַל־דעמאָקראַטן דאַרף אַלע זיין באַוואָפנט...

קיינער פון „אונדזערע״ האָט נישט געהאַט קיין רעוואָלווער.

ס׳קען זיין, אַז אין אַזאַ זשעסט איז שוין געווען אַן אָנזאָג, אַז דזשערדזשינסקי וועט ווערן דער פירער פון דער „טשרעזוויטשייקאַ״. דעמאָלסט אָבער איז פעליקס געווען אונדזער אַלעמענס ליבלינג.

***

איך בין געוואָרן אַרעסטירט. נאָך מיין באַפרייאונג בין איך געקומען צוריק קיין קאָוונע אונטער „פּאָליציי אויפזיכט״. עטלעכע חדשים נאָך מיין אַרעסט האָט מען אויך דזשערדזשינסקין אַרעסטירט. פאַר זיין אַרעסט האָט ער עטלעכע מאָל באַזוכט ליזען און אַלטערן און זיך געטראָפן ביי זיי מיט „אונדזערע״ אַרבעטער.

געטריי זיין פּראָגראַם, האָט פעליקס באַשלאָסן אַנטלויפן פון טורמע, וועגן וואָס ער האָט אונדז געלאָזט וויסן. די ידיעה האָב איך תיכף איבערגעגעבן ליזען און אַלטערן. עס איז נייטיק געווען איינצושטעלן אַ סיסטעמאַטישן און זיכערן קאָנטאַקט מיט דער טורמע. געהאָלפן האָט אונדז ליזעס אַ פריינדינע, אַ קליינע קרעמערקע, וועלכע האָט נישט גענומען קיין דירעקטן אָנטייל אין אונדזער באַוועגונג. אָבער מיט אירע געפילן און סענטימענטן איז זי געווען מיט אונדז. איר נאָמען, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז געווען אַלטע. איר שפּייז־קרעמל האָט זיך געפונען אין אַ ווייניק־באַוווינטער גאַס, און קונדן האָט זי אויך געהאַט נישט קיין סך. דאָרט האָב איך איינגעאָרדנט איינעם פון אונדזערע קאָנספּיראַטיווע פּונקטן.

אַ טורמע־אויפזעער (טורעמני־נאַדזיראַטעל) איז געווען אַלטעס אַ קונד. זי האָט אים אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן פּאָליטישע אַרעסטירטע. איר אויסרייד איז געווען, אַז אַ סימפּאַטישער יונגער פּאָליאַק, וואָס פלעגט ביי איר קויפן פּראָדוקטן, איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן. זי האָט זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אים אַרעסטירט. די יונגע און קלוגע אַלטע האָט פאַרשטאַנען ווי צו געווינען דעם צוטרוי פון טורמע־אויפזעער. זי האָט קודם־כל אים פאַרקויפט אַלצדינג שפּאָט־ביליק. הכלל — זי האָט אים דערנענטערט צו זיך און טאַקע געוווּנען זיין צוטרוי. זי האָט אים צוגעזאָגט גוט צו באַלוינען פאַר איבערגעבן פעליקסן אַ צעטעלע. דער אויפזעער איז מסכים געווען. אויף דעם וועג איז אונדז געלונגען איינצושטעלן

אַ רעגולערע קאָרעספּאָנדענץ מיט דזשערדזשינסקין, און צוגרייטן זיין אַנטלויפן. ליזע האָט אין דעם גאַנצן ענין גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. לײדער האָט זיך דער פּלאַן נישט איינגעגעבן. אין דעם טאָג ווען מיר האָבן פאַרענדיקט אַלע אונדזערע צוגרייטונגען, ווען אונדזערע פּאַטרולן האָבן פאַרנומען זייערע פּאָסטנס און ס'איז צוגעגרייט געוואָרן אַ באַהעלטעניש ווו צו ברענגען דעם אַנטלאָפענעם, איז פעליקסן נישט געלונגען, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, אַרויפצוקלעטערן אויף דער וואַנט פון טורמע. פאַר ליזען מיט אַלטערן איז דער דורכפאַל געווען די גרעסטע אַנטוישונג*).

***

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז די פאַרשפּרייטונג פון אומלעגאַלע ליטעראַטור צווישן די אַרבעטער איז געווען אונטער ליזעס אויפזיכט. דער סקלאַד מיט ליטעראַטור איז געווען אין מיין רשות. איך פלעג אים האַלטן אין עטלעכע פּלעצער: ביי אַלטע די קרעמערקע, ביי דער טאָכטער פון אַ רייכן קאָוונער פּריץ, און ביי אַ לערער פון דער קאָוונער פּרויען־גימנאַזיע. די בראָשורן, דער עיקר די יידישע, וועלכע ליזע האָט באַדאַרפט, האָט זי אַליין, מיט דער הילף פון איינעם פון „אונדזערע" אַרבעטער, באַהאַלטן אין אַ בית־המדרש, ווו קיינעם וואָלט נישט איינגעפאַלן זיי צו זוכן.

ליזע איז געווען זייער געאַכטעט צווישן דער אינטעליגענץ און צווישן די אַרבעטער. אין די אָנפירנדיקע קרייזן פון ווילנע, האָט מען איר גוט געקענט און געשעצט ווי אַ וויכטיקע טוערין אין דער באַוועגונג

בעת מיינע אָנדערטהאַלבן יאָר פון פּאָליציי־אויפזיכט אין קאָוונע זענען געקומען צו אַ סוף, האָב איך פאַרלאָזט די שטאָט. ליזען און אַלטערן האָב איך איבערגעגעבן מיינע פאַרבינדונגען און מיינע פונקציעס אין דער באַוועגונג. צוויי אָדער דריי יאָר פלעג איך נאָך באַקומען ידיעות וועגן זיי. על פּי נס איז זיי געלונגען זיך אויסצוהיטן פון די זשאַנדאַרמען און אומגעשטערט אָנפירן מיט אונדזער „אַרבעט".

צוליב דער באַוועגונג האָט ליזע אַ געוויסע צייט אויסגעמיטן צו האָבן קינדער. וועגן דעם צי רעוואָלוציאָנערן דאַרפן האָבן קינדער, האָט ליזע אָפט

*) עס איז נייטיק צו פאַרצייכענען, אַז קיין איין פּאָליאַק אָדער ליטווינער האָט נישט אָנטייל גענומען אין דעם נישט איינגעגעבענעם פּלאַן.

דיסקוטירט מיט מיר און מיט אַנדערע. שפּעטער אָבער איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ קינד, וואָס האָט זיי פאַרשאַפט אַ סך פרייד.

ליזע און אַלטער זענען געווען זייער מזלדיק, וואָס אָנבאַלאַנגט אַרעסטן. סוף־כל־סוף האָבן זיי אָבער אויך געטיילט דעם גורל פון אַלע אַנדערע פּיאָנערן פון אונדזער באַוועגונג. מען האָט זיי אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר.

בעת איך בין אַפּגעפאָרן פון קאָוונע האָבן זיי מיר געגעבן אַ בערשטל אַלס אַן אָנדענק. די מתנה האָב איך אָפּגעהיט ווי איינע פון מיינע טייערסטע זאַכן און אַ נאָמען געגעבן „ליזעס בערשטל“.

ליזעס און אַלטערס פאַמיליע־נאָמען האָב איך קיינמאָל נישט געוווּסט. אַלנפאַלס ווייס איך אים נישט. מעגלעך, אַז אין בונדישן אַרכיוו איז געבליבן אַן אָנדענק פון זיי און אפשר אויך ביאָגראַפישע ידיעות וועגן זיי. איך האָב בלויז געוואָלט איבערגעבן מיינע זכרונות וועגן צוויי זעלטענע געשטאַלטן, וועגן צוויי אַרבעטער־פּיאָנערן, כדי מיינע דערינערונגען וועגן זיי זאָלן נישט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט מיר.

אברהם דער בערשטער און דער „בערשטער־בונד“

צווישן די אַרבעטער־פּיאָנערן, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו זיין פאַרבונדן, מיט וועלכע איך בין געווען אינטים באַפריינדעט, האָט זיך אויסגעטיילט דער זייער באַגאַבטער אַברהם דער בערשטער. איך האָב זיך מיט אים באַקענט קורץ פאַר מיין אָפּפאָרן פון קאָוונע. פון אים האָב איך זיך דערוווסט אַלע איינצל־הייטן וועגן דער לאַגע פון די בערשטער און וועגן זייער באַוועגונג, וועלכע האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט. אַברהם האָט נאָך דעמאָלט געאַרבעט אין אַ וואַרשטאַט. אָבער די באַלעבאַטים, וואָס האָבן געגרינדעט אַ פאַרבאַנד נאָך אידער די בערשטער־אַרבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ פאַריין, האָבן באָיקאָטירט אַברהמען. זיי האָבן געטענהט, אַז ער אָרגאַניזירט בונטן און שטרייקן, אַז ער איז משפיע די בערשטער צו גרינדן אַ פאַריין.

מיר איז נישט באַקאַנט אַברהמס אָפּשטאַמונג. איך מיין אַז ער שטאַמט פון אַ זייער אָרעמער משפּחה. דער בערשטער־פאַך, קאָנצענטרירט אין קליינע שטעט־לעך ווי פּאָניעוועזש, ווילקאָווישקי, ווערזשבאָלאָוואָ און אַנדערע, פלעגט ווערבירן זיינע אַרבעטער פון די אָרעמסטע שיכטן. די מלאכה איז געווען אַ שווערע, דער לוין נידעריק, און די אַרבעטס־באַדינגונגען אויסערגעוויינלעך שלעכטע. אַברהם איז געווען אַ בקי אין תורה, האָט גוט געקענט עברי און האָט וואַרשיינלעך דורכגעמאַכט אַ גוטע שול. איך ווייס נישט ווען און ווי אַזוי. עס קען זיין אַז ער איז געווען אַ ישיבה־בחור און איז געזעסן טעג און נעכט אין בית־המדרש ביי דער גמרא. דער אָנגעזאַמלטער וויסן און זיין בילדונג האָבן אים פיל געהאָלפן צו באַהערשן יענע קעגנשטאַנדן, וואָס מיר פלעגן אַדורכגיין אין אונדזערע

„קרייזלעך". ער האָט געקענט לייענען רוסיש און זיך באַנוצן אָפּט מיט רוסישע ביכער. עס איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז ישיבה־בחורים און בכלל גמרא־לערנער, ווי נאָר זיי האָבן פאַרלאָזט דעם בית־המדרש און זענען געקומען אין באַרירונג מיט דער באַוועגונג, פלעגן זיך זייער שנעל אָריענטירן אין די וועלטלעכע קעגנשטאַנדן. דער מוח האָט ביי זיי גוט געאַרבעט און גיך באַנומען די וועלטלעכע לימודים. זייערע גייסטיקע פעיִקייטן האָבן געשטאַמט פון בית־המדרש־בענקל און פון די גמרא־בלעטער.

אַברהמס קאָפּ איז אויך געווען גוט „צוגעגרייט". ער איז געווען פון דער נאַטור אַ פעיִקער און אַן אינטעליגענטער, אָבער די באַוועגונג האָט אַלע זיינע אינטערעסן פאַרקערפּערט אין אַן אַנדער ריכטונג.

אַברהם האָט נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ בעל־מלאכה, וואָס פאַרנעמט זיך מיט שווערער, פיזישער אַרבעט. אַז ער האָט שוער געהאָרעוועט האָבן עדות געזאָגט בלויז זיינע אייזן־שטאַרקע, מיט דיקע אָדערן דורכגעוועבטע הענט. ער האָט פאַרמאָגט אַן איידעלן פּנים, כמעט בלוטלאָזע ליפּן און שיינענדיקע, פאַרטרוימטע אויגן, און וועלכע עס האָט זיך ווי אויסבאַהאַלטן אַ טיפער טרויער. עטוואָס העכער פון מיטעלן וווקס, איז ער געווען דאַר, אַביסל איינגעבויגן און זיך געהאַלטן זייער ציכטיק. מען האָט לייכט געקענט זען, אַז ער לייגט אַכט אויף דער ריינקייט פון זיינע בגדים, הגם זיי זענען שטאַרק פאַרעלטערט. גערעדט האָט ער שטיל, געלאַסן, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק פון זיינע מאַנירן. ער איז געווען פאַרזיכטיק מיט זשעסטיקולאַציעס אָדער אויסדרוקן. געלאַכט האָט ער זייער זעלטן. אַן אומצופרידענער, אָדער ווען עס האָט אים עפּעס פאַרדראָסן, פלעגט ער בלאָס ווערן. ווען עס האָט אים עפּעס הנאה געטון האָט ער ליבלעך געשמייכלט.

די באַלעבאַטים, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן אים באַיקאָטירט. אייגנטלעך איז זייער באַיקאָט געווען כמעט ווי נישט נייטיק. ער וואָלט סיי ווי נישט געהאַט קיין צייט צו אַרבעטן, ווייל ער איז כסדר אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט אין שליחות פון דער באַוועגונג. ער איז וואַרשיינלעך געווען אין רוסלאַנד דער ערשטער פּראָפעסיאָנאַל, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַשעפטיקט. דער בערשטער־בונד איז געווען דער ערשטער אמתער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין אין רוסלאַנד, וואָס האָט פאַראייניקט אַלע אַרבעטער פון דעם זעלביקן פאַך, צעשפּרייטע אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. דער הויפּט אָרגאַניזאַטאָר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין איז געווען אַברהם. עס פאַרשטייט זיך אַז עקזיסטירט

האָט דער פֿאַריין אומלעגאַל, אַז אָנגעהעריקייט צו אים איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער געפֿאַר צו ווערן פֿאַרפֿאָלגט, אַרעסטירט און פֿאַרשפּאַרט אין טורמע. פֿונדעסטוועגן האָט אַבֿרהמס טעטיקייט באַוויזן צוצוציִען צום פֿאַריין און אָרגאַניזירן די מערהייט בערשטער־אַרבעטער פֿון פּוילן און ליטע. די בערשטער האָבן אין יעדער שטאָט געהאַט אַן אייגענע אַחדות־קאַסע. אָבער אַ געוויסער פּראָצענט פֿון די אָפּצאָלונגען אין דער קאַסע איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין דער פֿאַראייניקטע אָדער צענטראַלער קאַסע פֿון אַלע בערשטער, כּדי צו דעקן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויסגאַבן, איינגעשלאָסן דעם געהאַלט פֿון אַבֿרהמען. נישט האָבנדיק קיין אַנדערע מיטלען צום לעבן, האָט אַבֿרהם נישט געקענט זיך אָפּזאָגן פֿון געהאַלט, אָבער ער האָט געשפּאָרט יעדן גראָשן. ער האָט באַשרענקט זיינע אויסגאָבן ביז צום מינימום. ער האָט זיך אַליין פֿאַרמשפּט אויף אַ הונגער־לעבן אין בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט, און אַבסאָלוט גאָרנישט פֿאַרמאָגט. אויב ער האָט דאָך שטענדיק אויסגעזען ריין איז דאָס געווען נאָר דערפֿאַר, וואָס צו אים פֿלעגט זיך נישט קלעפּן קיין שמוץ. ער האָט געזאָרגט פֿאַר זיין אויסערלעכן אויסזען, אַפֿילו ווען זיין אָנצוג איז געווען אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. אַבֿרהם איז בכּלל געווען אַ ריינער, אַ פּינקטלעכער, אַן אַרבעטסזאַמער.

***

אַבֿרהם האָט אַפֿילו נישט פֿאַרמאָגט אַן אייגענעם ווינקל. ער פֿלעגט שלאָפֿן אַ נאַכט דאָ, אַ נאַכט דאָרט, ביי בערשטער־אַרבעטער, אין אַן אַכסניא אָדער אין אַ ביליקן האָטעל. עס האָט זעלטן פּאַסירט, אַז ער זאָל צוויי נעכט נאָכאַנאַנד שלאָפֿן אין דער זעלבער בעט. בעת ער פֿלעגט קומען קיין קאָוונע פֿלעגט ליזע די שניידערקע באַזאָרגן אים אַן אָרט צו שלאָפֿן ביי זיך אָדער ביי „באַקאַנטע" אַרבעטער. „באַקאַנטע" האָט אין אונדזער לשון באַטייט, אַז דער באַטרעפֿנדיקער איז איינער פֿון „אונדזערע", אַז ער געהערט צו אַ „קרייזל" אָדער באַטייליקט זיך אין דער אָרגאַניזאַציע, אַז מען קען האָבן צוטרוי צו אים. ביסלעכווייז האָט דער וואָרט „באַקאַנטער" באַקומען די זעלביקע באַטייטונג ווי דער וואָרט „חבֿר", אָבער מען פֿלעגט זיך מיט אים באַנוצן אין די מער וואַכעדיקע, אַלטעגלעכע געלעגנהייטן.

עס איז זייער וואַרשיינלעך, אַז ליזע פֿלעגט אַפֿילו פֿאַרריכטן אַבֿרהמס וועש, אַוועקגעבן צו וואַשן אָדער אפֿשר גאָר אַליין אויסגעוואַשן זיינע העמדער.

ל. בערנשטיין

**
*

וועגן אַברהמען קען מען באמת זאָגן, אַז ער איז געווען אַ העלדנמוטיקע פיגור, פול מיט פשטות, אַ העלד אָן אַ פּגם. צו זיינע פונקציעס האָט געהערט אַריבערברענגען פון אויסלאַנד אומלעגאַלע ליטעראַטור און פאַנאַנדערפירן די ליטעראַטור אין פאַרשיידענע שטעט. די דאָזיקע אַרבעט האָט ער דערפילט איינפאַך, פּשוט און אָן פּרעטענזיעס, פונקט ווי די פונקציע וואָלט נישט געווען פאַרבונדן מיט דער קלענסטער געפאַר, פונקט ווי ער זאָל ברענגען פון אויסלאַנד פאַר זיך אומשולדיקע שטוב־זאַכן. די אויסגאַבן פון שמוגלען און טראַנספּאָרט האָט ער דערפירט צו אַ מינימום. דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. איך דערמאָן זיך אַזאַ פאַל: ער האָט געדאַרפט אָוועקפירן ליטעראַטור און טינט פאַר דער דרוקעריי אין אַ געוויסער שטאָט. ער האָט אויסגערעכנט ביז אַ גראָשן די רייזע־הוצאות און מיטגענומען מיט זיך דעם באַטרעף. צוליב קאָנספּיראַציע האָט ער געקויפט אַ באַן־בילעט נישט דירעקט צו דער שטאָט, נאָר ביז אַ פונקט, ווו מען דאַרף בייטן דעם צוג. אויף יענער סטאַנציע האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט אין חשבון, אַז אים פעלט פּופּציק קאָפּיקעס צום באַן־בילעט כדי פאַרענדיקן די רייזע. וואָס טוט מען? ער וואָלט גערן פאַרקויפט עפּעס פון זיינע אייגענע בגדים, אָבער די אומלעגאַלע ליטעראַטור איז נאָך געווען אַרומגעוויקלט אַרום זיין גוף. אַ זייגער אָדער אַנדערע ווערטפולע חפצים, וואָס לאָזן זיך פאַרקויפן, האָט ער נישט געהאַט. וואַרטן אויף דער סטאַנציע? אָבער — אויף וואָס, ווער וועט אים ברענגען די ישועה? חוץ דעם קען אַזאַ וואַרטן צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער סטאַנציע־זשאַנדאַרמעריע. נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט אַברהם באַשלאָסן צו בעטן נדבות. ער האָט טאַקע אויסגע־שטרעקט די האַנט און אויסגעבעטלט ביי פאַרבייגייענדיקע ייִדן צו קאָפּיקע אָדער צוויי קאָפּיקעס, דערציילט זיי, אַז מען האָט ביי אים אַרויסגעגנבעט דעם טייסטער. עס איז אים אויסגעקומען צו איבערחזרן אַ סך מאָל די זעלבע אויסגעטראַכטע מעשה ביז ער האָט צוזאַמענגעקליבן דעם האַלבן רובל.

בעת ער האָט מיר דערציילט וועגן דעם האָט ער באַמערקט, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען עמעצן אַזוי דאַנקבאַר ווי יענעם ייִדן, וואָס האָט אים דערלייגט די לעצטע צוויי קאָפּיקעס. „אָבער ערשט ווען דער צוג האָט מיך אָוועקגעפירט פון יענער פאַרשאָלטענער סטאַנציע מיט דעם בילעט אין מיין קעשענע, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט", האָט ער פאַרענדיקט.

זיין אָן געלט, ריכטיקער אָן אַ גראָשן, איז פאַר אים געווען נאָרמאַל. עס האָט אים אויסגעפעלט אויף דאָס נייטיקסטע, אַפילו אויף אַ פּעקל פּאַפּיראָסן — ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער רייכערער. האָט אַמאָל געטראָפן אַז ער איז געבליבן אין אַן אומבאַקאַנט שטעטל אָן אַ פּאַפּיראָס און אָן אַ גראָשן געלט. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און געטרוימט צו געפינען כאָטש פינף קאָפּי־קעס. פינף קאָפּיקעס, פינף קאָפּיקעס, האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, ווי ער וואָלט געגלייבט זיי אַרויסצוכישפן... געווען איז עס ווינטער צייט. מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער אַ לאַנגע צייט שפּאַצירט איינבייגנדיק זיך איבער אַ שטיקל גלאָז אָדער מעטאַל, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ מטבע. פינף קאָפּיקעס... פּלוצלינג האָט עפּעס אַ גלאַנץ געטון. ער האָט זיך איינגעבויגן, צוגעפאַלן צו דער ערד און אָנגעטאַפּט אַן אמתע זילבערנע מטבע, צען קאָפּיקעס. „נו, גיי גלייב נישט אין מזל”, האָט ער צו מיר געזאָגט, נאָכן דערציילן וועגן דעם גליקלעכן צופאַל, וואָס האָט אים דערמעגלעכט צו קויפן נישט נאָר אַ פּעקל פּאַפּיראָסן נאָר אויך אַ געשמאַקע בולקע.

**
*

איך האָב קיינמאָל נישט געהערט, אַז עמעצער זאָל האָבן אַ טענה צו אַברהמען, עמעצער זאָל זיך אויף אים באַקלאָגן אָדער זיין אומצופרידן מיט אים. ער האָט געקענט אויסקומען מיט מענטשן, געוווּסט ווי מיט זיי זיך צו באַגיין, קיינמאָל אַ מענטשן נישט באַליידיקט. ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז יענער איז גערעכט, האָט ער גלייך מיט אים איינגעשטימט און זיך אונטערגעגעבן. איז אָבער געווען פאַרקערט, פלעגט ער נישט אָפּטרעטן אויף אַ האָר פון זיין פּאָזיציע, אָבער אויסמיידן צו שאַפן אַן איינדרוק, אַז ער פילט זיך ווי אַ זיגער. איבערהויפּט האָט ער זיך אויסגעהיט פון מאַכן דעם צווייטן צו קליין־געלט. ער האָט אַלע מאָל פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אין אים רעספּעקטירן דעם מענטש, פּונקט ווי ער רעספּעקטירט דעם מענטש אין אַנדערע.

די באַוועגונג איז געווען ביי אברהמען אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין וועזן. אין קאַמף פאַר בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען פאַר די בערשטעטער האָט ער געפּועלט, אַז מאַטעריעלע און מאָראַלע פאָדערונגען זאָלן פאַרנעמען אַ גלייכן אָרט. מען דאַרף צווינגען די באַלעבאַטים צו באַהאַנדלען די אַרבעטער ווי מענטשן, האָט ער געטענהט. אַזאַ צוגאַנג האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די אַרבעטגעבער, וועלכע האָבן זיך געוווּרט קעגן אַן אָטענטאַט נישט נאָר אויף זייער קעשענע נאָר אויך

אויף זייער אויטאָריטעט. אַברהם האָט פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן רעספּעקטירן די מענטשנווירדע פון זייערע אַרבעטער. אונטער זיין ווירקונג האָבן די בערשטער געפאָדערט בעסערע סאַניטאַרע באַדינגונגען אין די ווערקשטאַטן, אויסנוצנדיק דערצו אַפילו די פאַבריק־אינספּעקטאָרן.

מיר שיינט, אַז אַברהם האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן היגיענע אין דער אומלעגאַלער צייטונג פון די בערשטער, „דער וועקער", וואָס איז פון אָנהייב ביזן סוף אויסגעפילט געוואָרן פון אים און מיר, ספּעציעל די ערשטע דריי נומערן. די אַלגעמיינע אַרטיקלען האָב איך געשריבן. אַברהם האָט געמאַכט דער עיקר די כראָניק פון דער באַוועגונג. פאַר איין נומער, וואָס האָט געזאָלט דער־שיינען ערב־פּסח, האָט ער אָנגעשריבן אַ געלונגענעם פעליעטאָן, ווו ער האָט שאַרפזיניק צוגעפּאַסט די הגדה צו דעם קאַמף פון די בערשטער.

איך פלעג מיינע אַרטיקלען שרייבן אין רוסיש און אַברהם פלעגט זיי איבער־זעצן אויף יידיש. שפּעטער פלעגן מיר לייענען די איבערזעצונגען, זיין כראָניק און די קאָרעספּאָנדענציעס פון די פאַרשיידענע שטעטלעך. מיר האָבן געהאַט מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אָבער קיינמאָל נישט קריגערייען, ווייל די אַרבעט איז אונדז ביידן געווען טייער און מיר האָבן געפילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדן וואָרט.

איך מוז זיך אָבער מודה זיין, אַז אברהם איז געווען פּינקטלעכער און מער אויסגערעכנט ווי איך.

עס פלעגט טרעפן אַז אין דעם אָפּגערעדטן טאָג צו דער באַשטימטער שעה פלעגט ער קומען צו מיר און פרעגן:

— איר'ט אָנגעשריבן?

— ניין, נאָך נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן.

— וואָס הייסט נישט פאַרענדיקט?

זוך איך אַ תירוץ: — מען האָט מיר געשטערט, כ'האָב געהאַט אַן אַנדער ענין צו דערליידיקן...

אַברהם בלייבט זיצן אַן אומצופרידענער און קוקט אויף מיר מיט פאַרדרוס.

— מיר דאַרפן דאָך אַוועקשיקן דעם מאַנוסקריפּט! דער אָפּהאַלט איז נאָר צוליב אייך! אין אַ פּאָר טעג דאַרף שוין זיין פאַרטיק דער גאַנצער מאַטעריאַל פאַר דעם נומער. וואָס טוט מען? אפשר וועט איר איצט שרייבן, איר טוט דאָך גאָרנישט...

—מיר דאַרפן דאָך באַטראַכטן...

— באַטראַכטן וועלן מיר אַן אַנדער מאָל. איך וועל זיך אַוועקזעצן און צוואַרטן.

אַברהם האָט אין ייִדיש איינגעטענהט מיט מיר אַזוי לאַנג ביז ער האָט סוף־כּל־סוף מיך געצווונגען צו נעמען זיך פאַר דער פען. וואַרטנדיק ביז איך וועל פאַרענדיקן דעם אַרטיקל האָט ער דערווייל געלייענט אַ בוך. ווען מיר פלעגט זיך דאָך נישט איינגעבן צו פאַרענדיקן צו דער צייט, ביי אונדז איז געווען אַ מנהג נישט צו פאַרבלייבן ביז שפּעט אינאָוונט איינער ביים צווייטן, איז ער אָן חשק אַוועקגעגאַנגען, אָבער מיט תנאי, אַז מאָרגן אינדערפרי וועט ער קומען... ער איז טאַקע געקומען! ער אַליין האָט קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט. עס האָט נישט געטראָפן אַ נומער זאָל פאַרשפּעטיקן צוליב אַברהמען. פּינקטלעך און צו דער צייט צוגרייטן דעם מאַטעריאַל איז געווען זייער וויכטיק, ווייל די ערשטע נומערן „וועקער" האָט מען געדרוקט אין אויסלאַנד, וווהין מען האָט געדאַרפט צושטעלן די מאַנוסקריפּטן דורך געהיימע וועגן *).

***

מיט פופציק יאָר שפּעטער, האָב איך נישט איינמאָל זיך פאַרטראַכט איבער אונדזער דעמאָלסטדיקער אַרבעט. אַברהם און איך האָבן געשריבן נישט סתם אין דער וועלט אַריין, נישט כּדי זיך אַליין צופרידן צו שטעלן, אָדער ווייל מיר האָבן געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ריזיקירן מיט אונדזער פרייהייט. מיר זענען געטריבן געוואָרן דורך אַ כּוח, וואָס איז געווען שטאַרקער פון אונדזער ווילן. טויזנטער אַרבעטער האָבן געלייענט אונדזערע אַרטיקלען אין „וועקער", געגלויבט אין אונדזער געשריבן וואָרט, האָבן זיך אויפגעפירט און געהאַנדלט אין הסכּם מיט די געלייענטע אָנווייזונגען, ריזיקירט דערביי מיט זייער אייגענער פרייהייט, מיט זייער פליכט לגבי טאַטע־מאַמע, פרוי און קינדער, וועלכע וואָלטן אין פאַל פון אַן אַרעסט אָדער פאַרשיקונג, געווען די ערשטע קרבנות. טויזנטער מענטשן זענען צוזאַמען מיט אונדז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזער אַרבעט. וואָס האָב איך און אַברהם דעמאָלסט געוווּסט? ווי ווייט האָט געגרייכט אונדזער וויסן, אויף וועלכן עס האָט זיך דאַן געשטיצט אונדזער פּראָפּאַגאַנדע, אונדזער געדרוקט וואָרט? האָבן מיר געקענט מענטשן, זייער לעבן? איך

*) דזשאָן מיל, וועלכער האָט דעמאָלסט געוווינט אין אויסלאַנד, האָט אונדז געהאָלפן איינצואָרדענען, אַז דער „וועקער" זאָל געדרוקט ווערן אין אויסלאַנד.

ל. בערנשטיין

אַליין בין נאָך געווען אַ מינדעריעריקער. מיר האָבן אַפּילו נישט געהאַט מיט וועמען זיך אַן עצה האַלטן, איינעם מיט מער דערפאַרונג וואָס זאָל קענען אונדז אויפקלערן אונדזערע פעלערן און טעותן. מיר זענען געווען די ריכטער איבער אונדזער אייגענער אַרבעט. מיר האָבן געהאַט אַ טיפן גלויבן, וואָס האָט אויסגע־פילט אונדזער גאַנצן לעבן. מיר האָבן נישט געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון אונדזערע דעמאָלסטדיקע האַנדלונגען. מיר האָבן זיך געפילט ווי אַ טייל פון אַ שטראָם, וואָס האָט אונדז אַלעמען געטראָגן און מיטגעריסן. מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז אונדזער מינדלעכע און שריפטלעכע פּראָפּאַגאַנדע איז ענג גע־בונדן מיט יענעם קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר מענטשלעכער ווירדע, וואָס דורות פאַר אונדז האָבן שוין געפירט, וואָס איז שוין פאַר זיי געווען אַ לייכטנדער שטערן.

הגם איך בין נאָך דעמאָלסט געווען אַ מינדעריעריקער האָב איך שוין געפּרוּווט צו שרייבן פאַר לעגאַלע צייטונגען. מיין טרוים איז געווען צו ווערן אַ זשורנאַליסט. מיינע פריינט האָבן מיר געזאָגט און איך האָב אַליין געגלויבט באמונה־שלימה, אַז איך באַזיץ זשורנאַליסטישע פעיִקייטן. גוט אָדער שלעכט, אָבער איך בין טאַקע געוואָרן און פאַרבליבן אַ זשורנאַליסט. עטלעכע יאָר שפּע־טער האָבן מיינע אַרטיקלען אָנגעהויבן דערשיינען אין בונדישן זשורנאַל „יִדישער אַרבעטער", אין רוסישן „ראַבאָטשע דעלאָ" און שפּעטער אויך אין די דיקע רוסישע זשורנאַלן *), וואָס זענען דערשינען אין די גרויסע שטעט. איך האָב מיין גאַנץ לעבן שטאָלצירט דערמיט, וואָס מיין זשורנאַליסטישע קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבן אין „וועקער" אָן קיינעמס הילף, פאַרבונדן מיט אַזוי פיל סכנות, געטון מיט אַזאַ ברען און חשק.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אַברהם האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אינטע־ליגענץ, מיט זיין שכל און קלאָרן פאַרשטאַנד. איך האָב אָבער נאָך נישט דערמאָנט, אַז ער איז געווען אַ גלענצנדער יִדיש־קענער.

צווישן אַברהמס פונקציעס איז אויך געווען אַריבערשמוגלען פון אויסלאַנד די געדרוקטע נומערן „וועקער" און זיי פאַרשפּרייטן צווישן די בערשטער אין די פאַרשיידענע שטעטלעך. אין דער געפערלעכער אַרבעט האָט אים אַ סך געהאָלפן זיין נאָענטסטער פריינט אורטשיק.

---

*) אין דער אומלעגאַלער פרעסע זענען דעמאָלסט מיינע אַרטיקלען געווען אונטער־געשריבן: ל—קאָ, בעת אין דער לעגאַלער פרעסע זענען זיי געגאַנגען אונטערן פּסעוודאָנים ל. באָריסאָוויטש.

ערשטע שפּראַצונגען

***

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, בעת איך האָב נאָך געשלאָפן, האָט זיך דערהערט אַ קלונג און עמעצער האָט פאַרזיכטיק אַנגעקלאַפּט אין טיר. דאָס איז געווען דער אָפּגערעדטער סימן, אַז עס איז געקומען איינער פון „אונדזערע". אָבער וואָס עפּעס אַזוי פרי? וואָס האָט פּאַסירט? דער גאַסט איז געווען אַברהם. אַריינקו־מענדיק האָט ער געהאַלטן אַ פּעקל אונטערן אָרעם.

— כ׳האָב מיטגעבראַכט אַ חיה! האָט ער געזאָגט מיט אַ שולדיקן פּנים באַלויכטן מיט אַ ליבלעכן שמייכל.

איך האָב געוווסט, אַז עס דאַרף אָנקומען דער ערשטער נומער „וועקער" און פאַרשטאַנען וואָס האָט אברהמען געבראַכט צו מיר אַזוי פרי.

— אַלץ געבראַכט צו איך. נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה. דאָס פּעקל וועט דאַרפן פאַרבלייבן ביי איך ביז אינאָוונט. עס איז נישט גוט, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט העלפן...

איך בין געווען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. ברענגען צו מיר דאָס פּעקל איז געווען קעגן אַלע כללים פון קאָנספּיראַציע. ער האָט זיך אָבער פאַרענטפערט, אַז ער האָט נישט געהאַט ווו צו באַהאַלטן דעם „וועקער". ארומטראָגן זיך מיט אים איבער דער שטאָט האָט נישט געטויגט. אינאָוונט וועט ער געפינען אַ פּלאַץ, ווו די אויסגאַבע צו באַהאַלטן.

„דער וועקער" איז דאָך געווען אונדזער שאַפונג אויף וועלכער מיר האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט. די פרייד האָט באַזייטיקט אַלע אַנדערע דאגות. מיט אַ ציטער האָבן מיר געעפנט דאָס פּעקל און אַרויסגענומען עטלעכע עקזעמפּלאַרן, מיר האָבן באַזונדער באַטראַכט אַלע פיר בלעטער, וואָס זענען געווען פון אַ געוויינלעכן ציימונגס־פאָרמאַט, געדרוקט מיט אַ געדיכטן אָבער דינעם שריפט.

— נישט דיר, נישט מיר, אַן אייגענע ציימונג, האָט אַברהם באַגייסטערט געזאָגט.

דער ציימונגס־פאָרמאַט פון אונדזער „וועקער" האָט אונדז ביידן שטאַרק הנאה געטון. נישט קיין בראָשור, נישט קיין בלעטל, נאָר אַן אמתע ציימונג האָט נאָך קיינמאָל פריִער נישט דערשינען אומלעגאַל. מיר האָבן געגלויבט, אַז טאַקע דערפאַר וואָס דער „וועקער" קוקט אויס ווי אַ ציימונג, וועט ער מאַכן אַ באַזונדער גוטן איינדרוק. מיר האָבן נישט געמאַכט קיין טעות.

נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָבן מיר באַקוקט די בלעטער פון „וועקער".

אַלע מאָל מיט אַלץ מער אויפמערקזאַמקייט. אַברהם האָט אויפן קול איבערגעלייענט די אויפשריפט „דער וועקער"... דער נאָך האָט ער פונקט אַזוי הילכיק איבערגעלייענט די נעמען פון אַלע אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענציעס. ער האָט גענומען לייענען די אַרטיקלען, וועלכע זענען געווען געדרוקט לויטן סדר וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט. די שריפט פאַר די קעפּלעך און פאַרן טעקסט זענען געווען גוט צוגעקליבן. „דער וועקער" האָט אונדז נישט נאָר צופרידנגעשטעלט. ער האָט אונדז פשוט אַריינגעבראַכט אין התלהבות. מיר זענען געזעסן אַ לאַנגע צייט, יעדערער מיט אַ „וועקער" אין האַנט, באַוווּנדערנדיק נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל די ריינע און שיין געדרוקטע בלעטער. מיר האָבן זיך געטיילט מיט אונדזערע איינדרוקן און געדאַנקען. מיר זענען געווען גליקלעך און שטאָלץ.

נאָכן אויסטרינקען אַ גלעזל טיי און צובייסן מיט אַ שטיקל ברויט, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אַברהם זאָל תיכף אַוועקטראָגן אַן עקזעמפּליאַר צו ליזען, כדי אויך זי צו דערפרייען.

די דערשיינונג פון „וועקער" איז געווען אַן ערשטראַנגיקע פּאַסירונג, כמעט אַ סענסאַציע. לייענענדיק די צייטונג וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר אים, ווו יעדער אַרטיקל איז געווען געווידמעט זיין אַרבעט און זיין קאַמף, האָט יעדער איינער פון „אונדזערע" בערשטער, זיך דערפילט שטאַרקער, מוטיקער, מענטשלעכער. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט די דערשיינונג פון „וועקער" געמאַכט אויף די באַלעבאַטים, פון וועלכע מיר האָבן פון דעם נישט געמאַכט קיין סוד. די באַלעבאַטים זענען געווען אַפילו מער דערשטוינט און איבערראַשט איידער די פּאָליציי אָדער די זשאַנדאַרמעריע, בפרט אַז דער „וועקער" האָט אָנגעהויבן דערשיינען גלייך נאָך זובאַטאָווס מאַסן־אַרעסטן, וואָס האָבן אַרויסגעריסן פון אונדזערע רייען די וויכטיקסטע פירער פון דער באַוועגונג, די פאַראַנטוואָרטלעכסטע טוער פון „בונד".

מיט פרייד האָט אַברהם מיר דערציילט זיינע איינדרוקן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשפּרייטונג פון „וועקער", וועמענס דערפאָלג עס האָט איבערגעשטיגן אַלע אונדזערע דערוואַרטונגען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט מיינע זכרונות וועגן אברהמען וויל איך אויך איבערגעבן פּרטים וועגן „בערשטער־בונד". איך האָב שוין דערמאָנט, אַז ער איז געווען דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין אין רוסלאַנד, געבויט לויט דעם מערב־אייראָפּעישן שטייגער. דער „בערשטער־בונד" האָט פאַראייניקט אַרבעטער פון דער זעלביקער פּראָפעסיע, וואָס זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרשיי־

דענע שטעט און שטעטלעך. פּאַקטיש האָט דער דאָזיקער פאַריין עקזיסטירט נאָך איידער ער איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן, איידער ער האָט געקראָגן אַ נאָמען און עס זענען באַשטימט געוואָרן זיינע סטאַטוטן. זיין פּאַקטישע עקזיסטענץ איז געוואָרן מעגלעך אַ דאַנק די ספּעציפישע באַדינגונגען פון בערשטער־פאַך. די פאַבריקאַנטן פלעגן דעם רויען חזיר־האָר קויפן אין די ווייטסטע געגנטן פון רוסלאַנד. נאָכן סאָרטירן, נאָכן רייניקן און באַאַרבעטן, פלעגט די סחורה פאַרקויפט ווערן הויפּטזעכלעך אין אויסלאַנד, אויפן לייפּציקער יאַריד. פאַרשטייט זיך, אַז די פאַבריקאַנטן זענען געווען פאַראינטערעסירט נישט צו קאָנקורירן צווישן זיך איבער דעם פּרייז פאַר רויע חזיר־האָר און פאַר באַאַרבעטן די האָר צום פאַר־קויף אין אויסלאַנד. איידער עס איז געקומען די צייט צו קויפן חזיר־האָר און פאַר דעם לייפּציקער יאַריד פלעגן די פאַבריקאַנטן זיך צוזאַמענפאָרן און זיך פאַרשטענדיקן וועגן די מקחים. ביי דער געלעגנהייט פלעגן זיי זיך אויך פאַר־שטענדיקן וועגן באַדינגונגען און פּרייזן פאַר די בערשטער־אַרבעטער. פאַר־שטענדלעך, אַז דער יד־אַחת פון די פאַבריקאַנטן האָט געשאַפן אַן אומגינסטיקע לאַגע פאַר די אַרבעטער. דער ענטפער איז געווען אַן אייגענער פאַריין.

אין די שטעטלעך ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס אויסאַרבעטונג פון חזיר־האָר זענען די בערשטער געווען דער איינציקער אַרבעטער־עלעמענט, וואָס האָט במילא געפירט צו אַ דערנענטערונג צווישן זיי. די טעריטאָריעלע נאָענטקייט פון אַ ריי שטעטלעך ווי אויגוסטאָוו, ווילקאָווישקי, קאַלוואַריאַ, א״אַ, האָט דער־מעגלעכט און לייכטער געמאַכט אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט צווישן די אַרבעטער. אַ פאַרבינדונג צווישן די בערשטער־אַרבעטער האָט שוין עקזיסטירט נאָך איידער צו זיי האָט זיך דערטראָגן דער רוף פון דער באַוועגונג אין די גרעסערע שטעט אָנצוהייבן אַ קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. די בערשטער האָבן אָנ־געהויבן צעמענטירן די אייניקייט און די אַלטע קאָנטאַקטן צווישן פאַרשיידענע פונקטן פון בערטער־ראַיאָן. אין ספּעציעלע פאַלן פלעגן זיי זיך צוזאַמענקומען און זיך פאַרשטענדיקן וועגן אַ געמיינזאַמער אַקציע, וואָס זאָל געפירט ווערן גלייכצייטיק אין פאַרשיידענע פונקטן. ווי פון זיך אַליין האָט זיך אָנגעהויבן צו פאָרמירן און זיין טעטיק אַ צווישן־שטאָטישער פאַריין פאַר קעגנזייטיקער הילף און קאַמף פון די צעזייטע און צעשפּרייטע אַרבעטער.

זומער, 1898, איז אין קאָוונע אָפּגעהאַלטן געוואָרן יענער צוזאַמענפאָר, ווו עס איז פאָרמעל און אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן דער „בערשטער־בונד“. לויט דער ריי איז ער געווען דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון די בערשטער. ער איז

ל. בערנשטיין

פאַרגעקומען אין דער קוואַרטיר פון אַ בערשטער־אַרבעטער. די דירה איז באַשטאַנען פון איין אַרעם מעבלירט צימער מיט בלויז צווי שטולן. די דעלעגאַטן זענען געזעסן אויפן בעט און אויף אַ ברעט, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף דער בעט און אויף אַ שטול. דעם צווייטן שטול האָט מען צוגעטיילט מיר אַלס דער פאַרזיצער פון צוזאַמענפאַר. פון די בערשטער איז געווען בלויז אַלטער. ליזעס מאַן, ווייל די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג פון די בערשטער, פאַרשטייט זיך, אַז אַברהם און זיין נאָענטסטער פריינט אורטשיק, זענען אויך אַנוועזנד געווען. אורטשיק, איינער פון די פּיאָנערן פון דער בערשטער־באַוועגונג, איז געווען אַ פיינער איבערגעגעבענער בחור, וועמען די באַלעבאַטים האָבן באַיקאָטירט פונקט ווי אברהמען. דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאַר זענען געקומען פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. איך געדענק נאָר איינעם פון זיי, אָבער ווי איך זאָל נישט נישטערן אין מיין זכרון, קען איך זיך נישט דערמאָנען זיין נאָמען. ער האָט אונדז אַלעמען באַצויבערט. ער איז געווען אַ הויכער און געבויט ווי אַן אַטלעט, אָבער מיט פיינע געזיכט־שטריכן און שוואַרצע אויגן און לאַנגע ברעמען. אַן ענלעכן טיפּ, אַן איטאַליענער, האָב איך שפּעטער באַגעגנט אין אויסלאַנד. עס איז פּשוט געווען נישט צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ בילד־שיינער מאַן איז אויסגעוואַקסן אין אַ ליטוויש שטעטל. ער איז געווען אַ פלאַם־פייערדיקע נאַטור מיט אַ גרענעצלאָזן גלויבן. סאָציאַליזם איז פאַר אים געווען אַ הייליקייט, וועגן פרייהייט האָט ער געטרוימט ווי וועגן אַ געליבטער.

דער באַריכט פון די דעלעגאַטן וועגן דער לאַגע אין די פאַרשיידענע שטעט האָט באַוויזן ווי נייטיק עס איז צו באַפעסטיקן דעם פאַריין, צו רעגולירן זיין טעטיקייט, געבן אים אַן אָפיציעלע סאַנקציע, מיט סטאַטוטן, מיט אַן אויסדער־ווילטן צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס זאָל האָבן באַשטימטע רעכטן און פליכטן. אַלע זענען געווען מסכים, אַז אַ בעסער־אָרגאַניזירטער פאַריין וועט צוגעבן כוח דער באַוועגונג, וועט אָנפילן מיט אַ טיפערן גלויבן די בערשטער, וועט אַנטוויקלען אין דעם בערשטער אַ געפיל פון סאָלידאַריטעט מיט זיינע חברים, וועט אים צוגרייטן צום קאַמף מיט די באַלעבאַטים און וועט העלפן פאַרשפּרייטן צווישן די אַרבעטער דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אידעאַל. דער צוזאַמענפאַר האָט אָנגענומען די נייטיקע באַשלוסן. אין צענטראַל־קאָמיטעט האָט מען אויסגעווילט מיר (איך האָב פיגורירט אונטערן נאָמען „טאַדרעס", ליזע האָט מיך אַזוי געקרויזט), אַברהמען און אורטשיקן. דער צוזאַמענפאַר האָט פעסטגעשטעלט די כללים פון

די קעגנזייטיקע באַציִונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט מיט די אָרטיקע קאָמיטעטן. איינשטימיק מיט גרויס צופרידנקייט האָבן מיר באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן, אַז דער בערשטער פאַריין שליסט זיך אָן אין „בונד". איך האָב באַלד אָנגעשריבן אַ באַגריסונג פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד".

אויפן צוזאַמענפאָר האָט געהערשט אַ יום־טובדיקע שטימונג. די דעלעגאַטן האָבן געפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך. זיי האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון צוזאַמענפאָר. זיי האָבן געוווסט, אַז די באַטייליקונג אין אים איז אַ היסטאָרישע פּאַסירונג אין זייער לעבן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַן אומלעגאַלן אָרגאַן פאַר דער שריפטלעכער אַגיטאַציע צווישן די בערשטער־אַרבעטער. די אָרטיקע קאָמיטעטן זאָלן שאַפן די מיטלען. אַ פאָרשלאַג אַ נאָמען צו געבן דעם אָרגאַן „דער בערשטער" איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. מען האָט געזוכט אַ קאַמף־נאָמען, וואָס זאָל אויסדריקן זיין אינהאַלט. מען האָט זיך געאייניקט, אַז דער נאָמען זאָל זיין „דער וועקער". אַ לעבעדיקע דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן וועגן דרוקן באַריכטן פון די ערטער. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אָנרופן אַ שטאָט מיטן ריכטיקן נאָמען, ספּעציעל קלענערע שטעטלעך, וועט צוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דער מאַכט און פירן צו פּאָליציייִשע רעפּרעסיעס, וואָס וועט נאָך שווערער מאַכן דעם אַזוי אויך ביטערן קאַמף. געזיגט האָט אָבער די מיינונג, אַז אויטענטישע נעמען פון די ערטער וועלן העלפן צו שטאַרקן די אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, וועלן זיין אַ הילף אין קאַמף.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויך באַהאַנדלט די קאַמפס־מעטאָדן. אַ טייל דעלעגאַטן האָבן געהאַלטן, אַז קעגן ברוטאַלע אונטערנעמער דאַרף מען אָנווענדן סאַבאָטאַזש. געזיגט האָט די מיינונג פון אַברהמען, אורטשיק און אַנדערע, וועלכע האָבן גע־טענהט, אַז אַזעלכע קאַמפס־מעטאָדן וועלן צעשטערן דעם עטישן כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, וועלן אַריינברענגען דעמאָראַליזאַציע צווישן די אַרבעטער, אַז אין דעם לעצטן סך־הכל וועלן אַזעלכע מעטאָדן נישט ברענגען נוצן דער באַוועגונג.

אין דעם זעלביקן גייסט זענען אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן וועגן לערן־יינגלעך. די באַלעבאַטים האָבן געשטרעבט צו באַשעפטיקן וואָס מער לערן־יינגלעך, ווען זיי האָבן גאָרנישט געצאָלט, אָדער געצאָלט אַ שיבוש. די אַרבעטער ווידער האָבן זיך בכלל אַנטזאָגט צו לערנען אָנפאַנגער. אַרויסגייענדיק דערפון, אַז דער פאַריין האָט פאַר זיך נישט בלויז פּראָפעסיאָנעלע נאָר אויך אַלגעמיינע אַרבעטער־צילן, איז דער פאָרשלאָג צו פירן אַ קאַמף קעגן לערן־יינגלעך אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

דער באַשלוס פון צוזאַמענפאָר איז געווען צו קעמפן מיט אַלע מיטלען קעגן דער געוויסנלאָזער עקספּלואַטאַציע פון לערן־ייִנגלעך, נישט דערלאָזן צו באַשעפטיקן קינדער, וועלכע האָבן נאָך נישט דערגרייכט דעם דערלויבטן, צו אַרבעטן, עלטער, וואָס איז באַשטימט דורך דעם געזעץ.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויך באַשלאָסן, אַז דער „בערשטער־בונד" דאַרף צו־זאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס קעמפן נישט נאָר פאַר די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַרבעטער נאָר אויך פאַר פּאָליטישע רעכט, פאַר פרייהייט פון דער פּרעסע, פרייהייט צו גרינדן אַרבעטער־פאַראיינען, פרייהייט צו שטרייקן און פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון ייִדן.

דער צוזאַמענפאָר איז באמת געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך. נאָך היינט, בעת איך דערמאָן זיך וועגן אים, באַוווּנדער איך דעם באַוווּסטזיין און דעם בירגערלעכן מוט פון די דעלעגאַטן, מיינסטנס קליינשטעטלדיקע אַרבעטער, וועגן וועלכע מען האָט געמיינט, אַז זיי זענען באַהערשט פון פאַרשיידענע פאַראורטיילן און זענען לאָיאַל צו דער רעגירונג און דעם רעזשים פון לאַנד.

אברהם, וועלכער איז אַליין געווען די פאַרקערפּערונג פון יענעם אידעאַל, וואָס האָט באַזעלט אַלע פּיאָנערן פון אונדזער באַוועגונג, האָט אַ סך מאָל פאַר דעם צוזאַמענפאָר, געטענהט, אַז די בערשטער זענען אַ „מערקווירדיק פאָלק", אַז זייטיקע האָבן נישט די קלענסטע פאַרשטעלונג, וועגן דער אויפלעבונג צווישן זיי, און וועגן דער אומגעהייער ווירקונג, וואָס די באַוועגונג האָט געמאַכט אויף זיי. ער איז געווען גערעכט.

***

עס איז כדאַי צו פאַרצייכענען, ווי אַזוי די בערשטער פלעגן אַליין צוציִען צו זיך אינטעליגענטן. צו זיי, אין די שטעטלעך, פלעגן אָפּט קומען זוכן פּרנסה אָרעמע בחורים, וואָס האָבן זיך אַליין געגרייט צו פאַרשיידענע עקזאַמענס, כדי צו פאַרדינען אויף לעבן דורך געבן פּריוואַטע לעקציעס פון רוסיש אָדער אַריט־מעטיק. פאַר ייִדישע קינדער אין אַזעלכע שטעטלעך זענען נישט געווען קיין שולן, און פּריוואַטע לערער האָבן אַלע מאָל געקראָגן גענוג קינדער צו לערנען. פלעגן זיך צוזאַמעננעמען עטלעכע בערשטער־אַרבעטער, וואָס האָבן געדורשט נאָך וויסן, צו דריי אָדער פיר אין אַ גרופּע, כדי דינגען אַזאַ לערער און באַצאָלן אים פאַר עטלעכע לעקציעס אַ וואָך. די נייע לופט פון די גרעסערע שטעט האָט די בערשטער

געהאָלפֿן צו משפּיע זיין פּאָליטיש זייערע לערער און געווינען צווישן זיי נוצלעכע מיטאַרבעטער פֿאַר דער באַוועגונג. לערנען האָט אויך אַזאַ אופֿן געפֿירט צו „קראַמאָלע".

דער צענטראַל־קאָמיטעט איז באַאויפֿטראָגט געוואָרן צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַן אָפֿיציעלע דערקלערונג וועגן דער גרינדונג פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין פֿון די בערשטער און זיינע צילן. אַזאַ דערקלערונג, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין רוסיש האָט אַבֿרהם איבערגעזעצט אויף ייִדיש. די דערקלערונג איז דערשינען אין אַ בראָשור, וואָס איז געווען געדרוקט אין אַן אומלעגאַלער בונדישער דרוקעריי*). דאָס איז געווען אַ באַשטעטיקונג, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד" האָט אַקצעפּטירט מיין ווערק. די בראָשור איז געווען מיין ערשטער צושטייער צו דער אומלעגאַלער ליטעראַטור! גרויס איז אָבער געווען מיין איבערראַשונג ווען עטלעכע חדשים שפּעטער איז דער פֿולער טעקסט פֿון דער בראָשור איבערגעדרוקט געוואָרן אין פּלעכאַנאָווס אויסגאַבע „ראַבאָטניק". עס האָט מיר שטאַרק ווויי געטון, וואָס אָנשטאָט דעם וואָרט „שטעטינשטיק" (בערשטער) האָט פּלעכאַנאָוו באַנוצט דעם וואָרט „שטעטאָטשניק", וואָס מיינט בערשטל־מאַכער, אַ פֿאַך, וואָס האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע אין דער באַוועגונג.

די בערשטער האָבן אויסגעפֿילט די בכבֿודיקע אויפֿגאַבע פֿון אַריינשמוגלען אין לאַנד די אומלעגאַלע ליטעראַטור, וואָס איז געווען געדרוקט אין אויסלאַנד. די אויפֿגאַבע איז זיי אָנפֿאַרטרויט געוואָרן צוליב זייער רעוואָלוציאָנערן מוט, אויף וועלכן מען האָט זיך געקענט פֿאַרלאָזן און מחמת דעם, וואָס זייערע שטעטלעך זענען געווען נאָענט צום גרענעץ. אַזאַ טראַנספּאָרט פֿון אומלעגאַלער ליטעראַטור האָבן זיי איינגעשטעלט נישט בלויז פֿאַר דעם „בונד", נאָר אויך פֿאַר דער גאַנצער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַ גרויסן טייל פֿון דער אַרבעט האָבן אויסגעפֿירט אַבֿרהם מיט אורטשיקן, זיין טרייער געהילף.

עס איז נישט קיין חידוש, וואָס צווישן די פּיאָנערן פֿון „בונד" איז געווען אַבֿרהם דער בערשטער. עס לייגט זיך מיר אויפֿן שכל, אַז קיינער פֿון זיינע חבֿרים בערשטער האָט זיך נישט פֿאַרגעשטעלט, אַז זייער אַבֿרהם איז געווען איינער פֿון די פּיאָנערן פֿון יענעם „בונד", פֿאַר וועלכן זיי האָבן געהאַט אַזאַ דרך־ארץ און

---

*) פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם פֿראַנץ קורסקי האָב איך אויסגעפֿונען, אַז אַפֿילו דער בונדישער אַרכיוו האָט נישט קיין איין עקזעמפּליאַר פֿון דער בראָשור.

סענטימענט, וועלכער איז אין זייערע אויגן געווען אַרומגערינגלט מיט דער גלאָריע פון אַן אויסגעטרוימטן סוד.

אַ לאַנגע צייט איז אַברהמען געלונגען אויסצוהיטן זיך פון שפּיאָנען. אָבער דער סוף איז געווען, אַז אויך ער איז אַרעסטירט געוואָרן. זיין אמתן פאַמיליע־נאָמען אַלעקסאַנדריסקי וואָלט האָט מען זיך דערוווּסט ערשט דאַן, ווען וועגן זיין אַרעסט איז געווען מיטגעטיילט אין דער „אַרבעטער שטימע".

דוד „טאַראַס" און דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון „בונד"

ס׳איז געקומען צופאָרן דוד (דאַוויד). אין דעם איז נישט געווען קיין שום אויסערגעוויינלעכעס. ער פלעגט אָפט קומען צו מיר און קיינמאָל וועגן זיין קומען נישט צווישן געבן פאָרויס. טיילמאָל פלעגט ער זיך בלויז „אַריינכאַפּן", פאַר־בלייבנדיק אין קאָוונע פון איין צוג ביזן אַנדערן. שוין עטלעכע חדשים ווי ער איז געווען דער „פאַרבינדלער", באַנוצנדיק זיך מיט דער מיליטערישער שפּראַך, ד״ה. דער פאַרבינדונגס־אַגענט צווישן צענטראַל־קאָמיטעט און די אָרטיקע אָרגאַניזאַ־ציעס פון „בונד". דורך אים פלעג איך, וואָס כ׳בין געשטאַנען בראש פון קאָוונער קאָמיטעט איבערגעגעבן אונדזערע באַריכטן און מעלדונגען פאַר דער „אַרבעטער־שטימע", סיי וועגן אונדזערע ענינים און סיי וועגן דער באַוועגונג פון די בערשטער. און ער האָט אונדז איבערגעגעבן אינסטרוקציעס פון צענטער און אויך די ידיעות וועגן גאַנג פון דער אַרבעט אין אַנדערע ראַיאָנען פון „בונד".

אָבער אויב עס איז נישט געווען וואָס צו וווּנדערן זיך מיט זיין קומען, האָב איך אָבער דאָס מאָל דערפילט אַ מאָדנע אומרויִקייט שוין אין די ערשטע מינוטן ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן ביי מיר אין צימער.

געוויינלעך אַ פריילעכער און ווי „ס׳האָט זיך געקענט דוכטן" אַ זאָרגלאָזער, פלעגט ער אומעטום אַריינטראָגן אַ געוויסע אויפלעבונג בעת ער פלעגט זיך באַוויזן. און צו זיין נערוועזיטעט בין איך שוין פון לאַנג געווען געוווינט. ער איז תמיד געווען באַוועגלעך, פונקט ווי זיין בלוט וואָלט פאַרמאָגט אַ צומיש פון קוועקזילבער. זיצן אָדער שטיין אויף אַן אָרט, אָן באַוועגונג, אַפילו אַ גאַנץ קורצע צייט, איז פאַר אים אוממעגלעך געווען. בעת ער האָט גערעדט, איבערהויבט אין דער אַנוועזנהייט

פון עטלעכע מענטשן, פלעגט ער זיך אָנשפּאַרן אָן װענטל פון שטול און אומבאַ־מערקט פאַר זיך אַליין, פלעגט ער אָנהייבן דרייען דעם שטול און דערנאָך אים אויך אונטערהייבן. עס פלעגט טרעפן, אַז איך פלעג אים אָפּשטעלן, דערמאָנענדיק אים די באַרימטע װערטער פון איינעם פון גאַגאָלס העלדן:

— אַלעקסאַנדער מאַקעדאָנסקי איז געװען אַ גרויסער העלד, אָבער צו װאָס דאַרף מען ברעכן שטולן?

דאָס מאָל האָב איך דערפילט ביי אים אַ צערודערונג, װאָס איז נישט געװען אין זיין נאַטור. און נישט דערפאַר, װאָס ער האָט זיך געזעצט, און תיכף צוריק־אויפגעשטאַנען און געשפּריזט איבערן צימער... נאָר װייל ער האָט געשװיגן, האָט אָפּט אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן קאָפּ, האָט צעשטרייט געקוקט אין אַלע זייטן, װי ער װאָלט אויסמיידן מיין בליק.

ענדלעך האָט ער זיך אָפּגערופן:

— ס'איז נישט גוט... נישט גוט...

— װאָס איז נישט גוט? װאָס איז? ביסט נישט געזונט?

— ניין! זייער שלעכטע נייס. װייסט גאָרנישט?

— קיין שום ספּעציעלעס נישט. נו, זאָג שוין, װאָס איז געשען?

ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז שוין עטלעכע שעה װי ער איז געקומען צופאָרן, אָבער ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט, זיך „געדרייט" איבער דער שטאָט, כדי צו פאַרזיכערן זיך, אַז מען גייט אים נישט נאָך און צי מען שפּיאָנירט אויך נישט נאָך מיין הויז.

װאָס אַן אמת האָט מען אונדז פון צענטער געװאָרנט, אַז אין בונדישן ראַיאָן האָבן זיך באַװיזן אַ סך געהיים־אַגענטן פון דער אָכראַנע און אַז אַלע דאַרפן זיין אויסערגעװיינלעך פאַרזיכטיק.

— עס קומען פאַר אַרעסטן, — האָט דוד געזאָגט.

— װער איז אַרעסטירט געװאָרן?

— אַלעקסאַנדער.

כ'האָב זיך דערפילט װי מען װאָלט מיר דערלאַנגט מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. דאָס הייסט, אַז דער „בונד" האָט פאַרלוירן זיין פירער. און דערצו נאָך האָב איך פון אַלע אונדזערע פירער, אַלעקסאַנדערן געקענט בעסער פון אַלעמען, בין צו אים אַממערסטן געװען צוגעבונדן און אים האָב איך עס געהאַט צו פאַר־דאַנקען, װאָס איך בין אַזוי פרי געװאָרן אין דער באַװעגונג איינער פון די „פאַראַנטװאָרטלעכע טוער". עס קען גרייכלעך זיין, אַז „אונדזערע" האָבן זיך באַצויגן

צו מיר מיט אַ ספּעציעלער ווייכקייט און אַפילו מיט אַ געוויסער צערטלעכקייט, ווייל איך בין געווען און בין פאַרבליבן דער יינגסטער צווישן זיי.

— וולאַדימיר איז אויך אַרעסטירט, — האָט דוד געמאָלדן, אָפּשטעלנדיק זיך אין מיטן צימער און קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן אַריין. און אָפּוואַרטנדיק נאָך עטלעכע מינוט, האָט ער אַרויסגעשאָסן:

— און אויך גליעב... ס'איז אַרעסטירט דער גאַנצער צענטראַל־קאָמיטעט... און אויך די דרוקעריי איז אַריינגעפאַלן... אַ פולשטענדיקער דורכפאַל! מיט דער דרוקעריי איז אַרעסטירט געוואָרן ישראל־מיכל און גרישע דער סטאָלער...

דוד האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול ווי אַ דערשלאָגענער, גלייך ווי ער וואָלט אַליין זיך ערשט איצט דערוווּסט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט. אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער שוין אַזוי ווי רויִקער געוואָרן און איז שוין מער נישט אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט. איצט האָב איך אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער, נישט זייענדיק בכוח זיך אַן עצה צו געבן מיט דער אויפרעגונג, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט. עס איז אַנטשטאַנען אַ לאַנגער און שווערער שווייגן. איך האָב געראויכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, נישט פרעגנדיק דערווייל קיין שום זאַך.

יעדערער פון אונדז האָט געקענט אַרעסטירט ווערן, יעדערער האָט געקענט זיין זיכער, אַז ער וועט דעם דאָזיקן גורל נישט אויסמיידן. עס זענען שוין נישט איין מאָל פאַרגעקומען, ווי מען פלעגט זיך דעמאָלט אויסדריקן, „גרויסע אַרעסטן“, ווען פאַר איין און דער זעלבער זאַך זענען אַרעסטירט געוואָרן צענדליקער מענטשן אין פאַרשידענע שטעט. איך אַליין בין שוין געווען צוגעצויגן צו אַזאַ מין ענין, אמת, אַן גענוגנדיקע באַווייזן און אפילו אָן קיין שום באַווייזן, און דערפאַר בין איך, פאַרהעלטעניסמעסיק, גיך באַפרייט געוואָרן, אין דער צייט ווען די מערהייט אַרעסטירטע וועגן דעם זעלבן ענין זענען פאַרבליבן אין טורמע. צווישן זיי זענען געווען: צילע קליס, אַמסטערדאַם, מיראָן פייקעס און אַנדערע. אָבער עס זאָל אויף אַמאָל, אין איין פּאַנג, צוגענומען ווערן דער צענטראַל־קאָמיטעט און די דרוקעריי, אַז עס זאָל אַזוי ווי מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן ווערן דער גאַנצער „אויבנאָן“ פון „בונד“, — דערויף האָט זיך קיין איינער פון אונדז נישט געריכט און דער צו זענען מיר נישט געווען צוגעגרייט... ס'איז געשען אַ גרויס אומגליק! דאָס וואָלט מסתמא פאַרשטאַנען יעדער איינער וואָס וואָלט אין דעם מאָמענט געזען דודן און מיך.

דוד האָט דערציילט אַלע פּרטים פון דורכפאַל. ער האָט אָנגערופן נאָך נישט ווייניק נעמען, די אַרעסטן זענען פאָרגעקומען גלייכצייטיק אין ווילנע, אין מינסק, אין ביאַליסטאָק, אין באָברויסק, אין וואַרשע און אין נאָך אַנדערע שטעט. זוכאַ־טאָווס שפּיאָנען האָבן, פאַרבייטנדיק אָפּט איינער דעם אַנדערן, זיך בוכשטעבלעך נאָכגעשלעפּט נאָך די טריט פון געוויסע טוער פון „בונד". זיי זענען מיט זיי אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, האָבן אויסשפּיאָנירט קאָנספּיראַטיווע דירות, אויסגעפונען דעם אָרט פון דער געהיימער דרוקעריי, וווּ ס'האָט זיך געדרוקט די „אַרבעטער־שטימע"... אַלעקסאַנדער (קרעמער), וולאַדימיר (קאָסאָווסקי) און די איבעריקע, האָבן זיכער באַמערקט אַז מען שפּיאָנירט זיי נאָך און זיי האָבן זיך אויך באַוויזן צו איבערצייגן, אַז דאָס שפּיאָנירן ווערט געפירט סיסטעמאַטיש, לויט אַ באַשטימטן פּלאַן. זיי האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן טרעוואָגע, פאַרווישן די שפּורן, האָבן געפאָדערט פון אַלעמען אַ פאַרשטאַרקטע קאָנספּיראַטיווקייט; ס'איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט... און אפשר האָט זובאַטאָוו, נאָך דעם ווי זיינע אַגענטן האָבן באַמערקט אַ ספּעציעלע פאָרזיכטיקייט ביי די אָנגעצייכנטע קרבנות, באַשלאָסן ווייטער נישט צו ציִען און אַרעסטירן אַלעמען אויף אַמאָל, אין איינער אָדער צוויי נעכט. אַלע אַרעסטירטע האָט מען אָוועקגעפירט קיין מאָסקווע. מען האָט זיי צעשיקט איבער די מאָסקווער טורמעס און מיט דער אויספאָרשונג האָט אָנגעפירט זובאַטאָוו אַליין. ער האָט זיך גערייבן די הענט פאַר שמחה, איז פון זיינע עלטסטע באַגריסט געוואָרן און איז געווען זיכער, אַז ער האָט מיט איין קלאַפּ דערהרגעט אויף טויט אונדזער באַוועגונג.

דוד איז געקומען צופאָרן צו מיר נאָך די אַרעסטן, וועגן וועלכע ער האָט זיך דערוווּסט זייענדיק אין וואַרשע. ווען ער איז געזעסן ביי מיר איז עס אפשר געווען דעמאָלט, ווען זובאַטאָוו, טריומפירנדיק און לחלוטין נישט באַהאַלטנדיק זיין טריומף, האָט געפירט איינעם פון זיינע ערשטע פאַרהערן. און עס קען אויך זיין, אַז ער האָט קיינעם נאָך נישט באַוויזן אויסצופרעגן, האָט נאָך אַפילו נישט באַוויזן זיך צו באַקענען מיט די פּראָטאָקאָלן פון די הויז־זוכונגען און אַרעסטן. דערוויַיל האָט דוד צו מיר גערעדט:

— נישט אַלץ איז פאַרלוירן! די באַוועגונג איז פאַרבליבן. מען דאַרף ווייטער אַרבעטן! מען דאַרף ענטפערן זובאַטאָוון! מען דאַרף נישט וואַרטן...

נישט ביי אים, נישט ביי מיר, זענען געווען וועגן דעם קיין שום ספיקות.

איך געדענק, דער טאָג — ס'איז געווען סוף יולי אָדער אָנהייב אויגוסט — איז געווען זייער אַ הייסער. דוד איז געווען אָפּגעגאָסן מיט שווייס. ער האָט בסדר

גערווישט דאָס פּנים. מיר האָבן פונדעסטוועגן מיט התמדה געטרונקען טיי, אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז, נישט דערפאַר ווייל מיר זענען געווען דורשטיק, נאָר צוליב אונדזער נערוועזער צערודערונג.

מיר האָבן פעסטגעשטעלט ווו ווער עס איז געבליבן, ווער עס האָט אויסגעמיטן דעם אַרעסט פון די, וואָס האָבן געפירט און געקענט פירן אַ מער אָדער ווייניקער זעלבסטשטענדיקע אַרבעט, ווער עס איז געבליבן גאַנץ פון די אָרטיקע קאָמיטעטן פון „בונד" און וואָלט געקענט נעמען אויף זיך מער פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן. אַזעלכע זענען, לײדער! געווען זייער ווייניק. פון די פירנדיקע אינטעליגענטן איז קײנער נישט געבליבן, נישט רעכענענדיק, פאַרשטייט זיך די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט קיין אויסלאַנד: דזשאָן מילל און טימאָפיי קאָפּעלזאָן. און וועגן אַרויסרופן זיי אין געגעבענעם מאָמענט, האָט נישט געקענט זיין קיין שום רייד. אונדז איז אַפילו נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן דעם. און אויב מיר האָבן גערעדט וועגן דזשאָנען, איז עס בלויז געווען ווייל מיר האָבן גערעכנט אויף אים, אויף זיין הילף, אויף זיינע פאַרבינדונגען, ווי אויף אַן אומבאַדינגטן אָנשפּאַר אין אויסלאַנד. ווער האָט געקענט זיין מיט אונדז? ווער האָט געקענט קומען אין באַטראַכט?

צו דער אינטעליגענץ האָבן מיר געקענט צורעכענען סערגיי זעלדאָוו*) אַ גלענצנדער ייִדיש־קענער — ער האָט שוין פאַרמאָגט אַ געוויסע געניטקייט פון איבערזעצן פון רוסיש אויף ייִדיש — און אויך זיין ווייב, די ליבע טייבעטשקע, וועלכע איז טעאָרעטיש געווען גאַנץ ווייניק צוגעגרייט. ביידע זענען זיי געווען אין ווילנע און האָבן דאָרט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער באַוועגונג. דוד האָט זיי שוין געזען און האָט זיי מודיע געווען, אַז ער פאָרט צו מיר...

דוד אַליין האָט געהאַט באַזוכט אַן אָנפאַנג־שול, ער האָט איר נישט געענדיקט. איך האָב יאָ געענדיקט די אָנפאַנג־שול און וואָס שייך סערגייען, איז ער דוכט זיך אין קיין שום שול קיינמאָל נישט געגאַנגען. אַלע זענען מיר מער פון אַלץ געווען אויטאָדידאַקטן. מיר האָבן זיך אַליין געלערנט, אַריבערשפּרינגענדיק פון אילאָוואיסקעס לערנביכל פון געשיכטע צו פּיסאַרעווס „רעאַליסטן", צו דער „געשיכטע פון ציוויליזאַציע" פון באַקל, צו דער „אַנטשטייאונג פון פאַמיליע און אייגנטום" פון ענגעלסן, צו דער „פילאָזאָפישער סיסטעם" פון העגעלן און צו דער

---

*) שפּעטער האָט ער געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים „ניעמאַנסקי". אויך באַקאַנט ווי אַלעקסאַנדער — סענדער זעלדאָוו.

„ווערט־טעאָריע" פון מאַרקסן. נישט ווילנדיק דערמאָן איך זיך דאָ ווי איך פלעג מיט עטלעכע יאָר פאַר דעם, גאַנצע טעג פאַרברענגען אין דער ווילנער עפנטלעכער ביבליאָטעק און ווי איך האָב דאָרט, ווישנדיק באַהאַלטענערהייט די טרערן, געוויינטביים לייענען דאָס בוך פון נ. זיבער „דאַוויד ריקאַרדאָ און קאַרל מאַרקס", כ'האָב געוויינט פון פאַרדרוס, ווייל ביי דער גאַנצער אָנשטרענגונג פון מיין פאַרשטאַנד, האָב איך פאָרט נישט אַלץ פאַרשטאַנען. צי האָט דער באַאַמטער, דער ביבליאָטעקאַר זיך צוגעקוקט צו די לייענער? מעגלעך. מיר האָט ער נישט איין מאָל געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז איך בעט צו „ערנסטע" ביכער, פאַר מיין עלטער, און עס האָט געטראָפן, אַז ער האָט זיך אָפגעזאָגט מיר זיי אַרויסצוגעבן.

דער חשק צום לערנען זיך, — איז ווי ביי זעלדאָוון, אַזוי אויך ביי מיר, געווען אַ גרויסער, מיר פלעגן „פאַרצוקן" ביכער. בעת איך בין אַוועקגעפאָרן פון ווילנע, האָט סערגיי איבערגענומען ביי מיר דאָס ביבליאָטעקל פון אונדזער קרייז, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט געהאַלטן ביי זיך און וועלכע איז באַשטאַנען הויפט־זעכלעך פון ביכער „אַרויסגענומענע פון געברויך". ער איז דערפון געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן, הגם אין פאַל פון אַ הויז־זוכונג איז דאָס ביבליאָטעקל געווען אַ זיכערער און אומבאַשטרייטבאַרער באַוויז פון רעוואָלוציאָנערער „קראַ־מאָלע". אָבער דערפאַר, וואָס פאַר אַ רייכע שפּיז זי האָט פאַרמאָגט, וואָס פאַר אַ מעגלעכקייט צו „שלינגען" ביכער, איבערהויפט אין די נעכט. אָבער נישט געקוקט אויף אונדזער גאַנצן חשק צו זעלבסטבילדונג, איז ביי אונדז פאַרן „לערנען" פאַר־בליבן וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער צייט. מען האָט געדאַרפט פאַרדינען אויפן לעבן און ווייטער זענען מיר געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג: פאַרזאַמלונגען, קרייזלעך, זיצונגען, באַגעגענישן... און אונדז, סערגייען, דודן און מיר איז עס פאַרגעשטאַנען צו פאַרנעמען דעם אָרט פון די „אינטעליגענטן, פירער" פון אונדזער באַוועגונג, פאַרבייטן אַלעק־סאַנדערן, וולאַדימירן, גלעבן און אַנדערע.

צי האָבן מיר געזאָלט צווייפלען אין אונדזערע קענטענישן און כוחות? צי האָבן מיר זיך פריִער געזאָלט אונטערוואָרפן עקזאַמענס וועגן טעאָריע און פּראַק־טיק? מיט זענען געווען איבערגעגעבן דער זאַך, האָבן געהערט צו איר פולשטענ־דיק; און אָפּוואַרפנדיק אַלע ספיקות, האָבן מיר זיך אַוועקגעשטעלט אויף די ליידיק־געוואָרענע וואַך־פּאָסטנס.

פון די אַרבעטער־טוער, פון יענע, וואָס זענען געווען פּיאָנערן פון דער באַוועגונג און זענען דערצויגן געוואָרן אין די ווילנער קרייזלעך זענען פאַרבליבן...

מיר האָבן מיט דודן זיי איבערגעציילט אויף די פינגער: מערע זשאַלודסקי — אַ שניידערין, צביה — אַ זעמשערקע, אונדזער קאָוונער ליזע און איר מאַן אַלטער, אַברהם דער בערשטער, זיין חבר אורטשיק, אויך אַ בערשטער און נאָך עטלעכע מענטשן. דוד האָט אָנגערופן נאָך אייניקע, וואָס האָבן געהערט, אַזוי צו זאָגן, צום צווייטן דור און האָבן זיך אַרויסגערוקט שוין אין פּראָצעס פון דער מאַסן־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק, אין וואַרשע, לאָדזש און פאַר וועלכע ער האָט גאַראַנטירט.

— הייסט עס, אַז קיין צוריקציִען זיך וועט נישט זיין! האָט דוד פאַרענדיקט אונדזער געשפּרעך, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. עס איז בלויז פאַרבליבן אויפצוקלערן אויף וויפל יעדערער פון אונדז האָט זיך געקענט האַלטן פאַר אַ „ריינעם", ד"ה, פאַר אַזאַ, וואָס איז נישט אַריינגעפאַלן אין דעם באַאָבאַכטונג־קרייז פון די מאָסקווער געהיים־אַגענטן. עס איז דאָך מעגלעך געווען זיך משער צו זיין, אַז מען האָט אונדז איבערגעלאָזט אויף דער פריי בלויז צוליב דעם, כדי צו האָבן נייע אויסגאַנגס־פּונקטן אויף צו שפּיאָנירן און צוצוגרייטן אַ נייעם דורכפאַל. דוד איז געווען זיכער, אַז נאָך אים האָט קיינער נישט נאָכגע־שפּיאָנירט. ער האָט אָבער אַלענפאַלס באַשלאָסן איבערצוגיין אויף אַן „אומלע־גאַלער לאַגע", ד"ה, לעבן אויף אַ פרעמדן פּאַס, נישט האָבן קיין שטענדיקע דירה, אַריבערפאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ פּאָר שטעט, ווי וויטעבסק, דווינסק, ווו ער האָט געהאַט פאַרבינדונגען און קאָנספּיראַ־טיווע דירות, זענען נאָך געווען פולשטענדיק זיכערע.

וואָס שייך מיר, איז הגם איך בין געווען אַ „פּאָדנאַדזאָרנער", ד"ה, איך בין געווען אַדמיניסטראַטיוו אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי און פון דער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג, כ'האָב זיך אַלע וואָך געדאַרפט מעלדן אין דער פּאָ־ליציי און אַן אַ דערלויבעניש פון דער זשאַנדאַרמעריע האָב איך אין ערגעץ נישט געטאָרט אַרויס פון קאָוונע, — בין איך אָבער זיכער געווען, אַז די „מאָס־קווער" שפּיאָנעס זענען נאָך מיר נישט נאָכגעגאַנגען. און וואָס שייך דער אָרטיקער זשאַנדאַרמעריע, האָט זי מיך געקענט, אָבער זי איז געווען פאַרנומען מיט זוכן „קאַרמאַלע" — פּאָליטישע „טרפות" צווישן ליטווישע נאַציאָנאַליסטן און נאָך אויך צווישן די קריסטלעכע פאַבריק־אַרבעטער. אָבער די ייִדישע באַוועגונג איז געווען קאָנצענטרירט אויסשליסלעך צווישן האַנטווערקער און אין דער אויסערלעכקייט האָט זי זיך נאָך ווייניק אָנגעזען. און וועגן דעם, אַז אין קאָוונע איז געווען קאָנ־צענטרירט די אָנפירונג פון דער בערשטער־באַוועגונג, האָט נישט די אָרטיקע

זשאַנדאַרמעריע, נישט די מאָסקווער אָכראַנקע נישט באַוויזן צו דערשמעקן. איך האָב דערפאַר אויך קאָונע געהאַלטן פאַר אַ פאַרהעלטנישמעסיק נישט געפערלע־כער שטאָט.

מיר האָבן זיך אָנגעמערקט אַ פּלאַן פון האַנדלונגען. קודם כל האָבן מיר געהאַלטן פאַר נייטיק צונויפצורופן אין דער נאָענטסטער צייט אַ צווייטן צוזאַמענ־פאָר פון „בונד“, כדי מיט אַ מאַקסימאַלן עפעקט צו קענען מעלדן, אַז דער „בונד“ איז נישט אונטערגעגאַנגען, נישט דערמאָרדעט געוואָרן, נאָר אַז ער לעבט און וועט לעבן. דעם צוזאַמענפאָר האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן אין קאָונע, ביי מיר.

די ידיעה וועגן דורכפאַל פון צענטראַל־קאָמיטעט און פון דער דרוקעריי איז נאַטירלעך געווען אַ דערשיטערנדיקע! אָבער אויף אונדז, יונגע, האָט זי נישט אָנגעוואָרפן קיין פחד. מיר האָבן זיך נישט פאַרלוירן, זענען אַפילו נישט געוואָרן נידערגעשלאָגן. מיר האָבן געוווּסט, אַז די באַוועגונג אַלס גאַנצע, ד״ה, די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און דער עיקר, דער גייסט פון „אונדזערע“ אַרבעטער, זייער פּראָ־טעסט־געפיל, זייער גלויבן אין דער באַפרייאונג, זענען פאַרבליבן, האָבן זיך איינגעהאַלטן אין דער פולער מאָס. מיר האָבן צוליב דעם נישט געקענט האָבן קיין שום ספיקות. זיכער האָבן מיר נישט געקענט מיינען ,אַז מיר וועלן זיין אויף דער „געהעריקער הויך“, אַז מיר וועלן ווערט זיין אונדזערע נעכטיקע פירער און לערער, וועלכע זובאַטאָוו האָט אַרעסטירט. ווער פון אונדז האָט געקענט פּרעטענדירן צו פאַרבייטן אַלעקסאַנדערן? אָבער, ווי מיר דוכט זיך, האָבן מיר זיך גאָר וועגן דעם נישט פאַרטראַכט. די לאַגע האָט געצוווּנגען. מען האָט געמוזט האַנדלען. פאַר געפילן פון פאַרלוירנקייט איז נישט געווען קיין צייט.

אָבער דאָך, וויפל מוט און דרייסטקייט איז עס דעמאָלסט געווען! וואָס פאַר אַ יוגנטלעכער דראַנג און יוגנטלעכער גלויבן!

דוד האָט צוליב אַ שטאַרקערער קאָנספּיראַציע זיך אויסגעקליבן דעם צונאָ־מען „טאַראַס“.

פון מיינע דער:נערונגען וועגן דודן, איז זיין קומען צופאָרן דעמאָלסט מיט דער ידיעה וועגן גרעסטן בונדישן דורכפאַל, געדענקט זיך מיר נאַטירלעך מער ווי אַלץ. מיר דעם דאָזיקן קומען זיינעם איז דאָך אויך פאַרבונדן דער העכסט־פאַראַנטוואָרטלעכער באַשלוס, וואָס מיר יונגע האָבן אָנגענומען! ער איז דאָך שיעור נישט געווען אַ ווענדפּונקט אין לעבן פון יעדן איינציקן פון אונדז. נייז, עס איז דערפאַר קיין שום חידוש נישט, וואָס דער דאָזיקער עפּיזאָד, אַזוי צו זאָגן, איז אַרויסגעשוווּמען דער ערשטער בעת איך האָב אָנגעהויבן שרייבן וועגן

דודן. אָבער איך וויל נאָך דערציילן וועגן אים אַליין, — די הויפּטזאַך וועגן אים, מער ווי וועמען עס איז אַן אַנדערן געהערט דער כבוד פון צוריקאויפשטעלן די אָנפירונג פון דער באַוועגונג, וואָס איז געקעפּט געוואָרן דורך זובאַטאָווס אַרעסטן.

דוד קאַץ איז געווען אַ פעלדשערס אַ זון. דער פאָטער האָט פאַר אים אויס־געקליבן די קאַריערע פון אַ מלוכה־לערער. איך מוז זאָגן, אַז אַ סך טאַטעס און מאַמעס אין ווילנע, האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם טרוים וועגן אַזאַ קאַריערע פאַר זייערע זין. דאָס האָט זיך נאַטירלעך דערקלערט מיט דער צוציִאונגס־קראַפט פון דעם ווילנער ייִדישן לערער־אינסטיטוט, — דעם איינציקן אין תחום און אַפילו אין גאַנצן גרויסן רוסלאַנד, ייִדישן לערן־אַנשטאַלט, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אי אַ מין מיטלשול און אי אַ הויכשול. דער דירעקטאָר און די לערער זענען געווען רוסישע — קריסטן. אַ ייִד איז געווען בלויז דער אינספּעקטאָר, דער באַרימטער „אוטשאָני יעוורייִ“ (געלערנטער ייִד) שטיינבערג. ער איז אויך געווען דער לערער פון העברעיִש און אויך דער געשעפטס־פירער. דער אינס־טיטוט איז געווען אַ שטרענג געשלאָסענער אַנשטאַלט, דאָס לערנען און די פולע אויסהאַלטונג, פון דעם עסן און ביכער, ביז אַ העמד און אַ באָד, — איז אַלץ געווען אויפן חשבון פון דער מלוכה און דאָס אַליין האָט שוין געקענט צוציִען צו זיך די בליקן און די טרוימען פון אַ סך עלטערן.

דער לערער־קורס איז געווען אַ פיר־יעריקער. אָבער עס איז דוכט זיך דערלויבט געווען אין צוויי קלאַסן צו בלייבן אויף נאָך אַ יאָר אין אַ קלאַס. אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַריינגעקראָגן אין אינסטיטוט, איז וויבאַלד אַזוי, פאַר־זאָרגט געווען, פולשטענדיק, אויף פיר יאָר מיט אַלעם נייטיקן, — און אַמאָל אפשר אויך אויף פינף, זעקס יאָר. נישט קיין קליינער געווינס ווי פאַר די דאָזיקע יונגעלייט, אַזוי אויך פאַר זייערע עלטערן. דערצו איז אויך די אוניפאָרם פון די שילער פון אינסטיטוט געווען, אויב נישט קיין זייער צוציִענדיקע, איז אָבער זייער אַן איינדרוקספולע. אָנהייבנדיק דערפון וואָס דאָס היטל איז געווען פון אָפיציעלן „קאָזיאָנעם“ טיפּ מיט סאַמעטענע קאַנטן, כמעט ווי ביי אַ „טשינאָווניק“, — און אָט דאָס־אַ אויף אַ קאָפּ פון אַ ייִדישן יונגגמאַן. ווייטער אין די יום־טובים, אַריינגערעכנט אויך שבת, האָבן די שילער געדאַרפט גיין אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן, אויפגעגנייטן אויף דער מאָס, שוואַרצן סורדווט, אַזאַ מין אַרט מונדיר, מיט אַ ווייסן שטייפן קאָלנער און אַ שוואַרצן קראַוואַט! דעם טאַטן, דער מאַמען, אַלע קרובים און באַקאַנטע איז געווען פון וואָס אָנצוקוועלן און מיט וואָס צו שטאָלצירן, קוקנדיק אויף אַזאַ מין יומטובדיק, און מיט אַזאַ חשיבות, געקליידטן יונגנמאַן.

און ער אַליין האָט אויך געקענט זיין צופרידן מיט זיך, ער האָט געקענט פילן, אַז ער איז עפּעס נישט אַבי ווער, אַז ער איז גאָר אַ מין אויסדערוויילטער, ווייל כדי אָנצוקומען אין אינסטיטוט האָט מען געדאַרפט אויסהאַלטן אַ קאָנקורס־עקזאַמען, צו וועלכן עס האָבן זיך געגרייט און זיך געשטעלט הונדערטער בחורים, צונויפגעפאָרענע פון אַלע שטעט און אַפילו שטעטלעך פון צפון־מערב־געגנט. און פרייע ערטער זענען געווען בלויז פון 20 ביז 30 אַ יאָר.

דער אינסטיטוט האָט געגרייט לערער פאַר יידישע אָנפאַנג־שולן און די לערער־שטעלע איז געווען פאַרזיכערט תיכּף נאָכן ענדיקן אים.

די שכירות איז געווען נישט קיין גרויסע, אָבער די פּאָזיציע פון אַ לערער, האָט געהערט צו דעם מין וואָס מען האָט געקענט מקנא זיין. ער איז געווען אַן „אָפיציעלער מענטש", כמעט אַ באַאַמטער און האָט אַפילו געהאַט רעכט אויף עפּעס אַ מין וויץ־מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ. אַלץ צוזאַמען — די אויסהאַלטונג אויפן חשבון פון דער מלוכה אין דער צייט פון לערנען זיך, די פאַרזיכערטע שטעלע און די פאַרהעלטניסמעסיק בכבודיקע לאַגע, מיט אַ מונדיר פון כמעט אַ „טשינאָווניק" — האָבן נישט געקענט נישט לאָקן צו זיך אַ סך עלטערן און יונגעלייט. אַוודאי, סוחרים, פאַבריקאַנטן, רייכע מענטשן, האָבן געפירט זייערע קינדער אויפן וועג פון אַן אוניווערזיטעט־קאַריערע. אָבער וואָס פאַר אַ גליק האָט עס געקענט זיין פאַר אַ קליינעם קרעמער, אַ בעל־מלאכה, אָדער גאָר אַ גאַסן־הענדלערין צו זען דעם זון אַ ריין געקלידעטן, אין אַ שוואַרצן סורדוט פון גוטן טוך, אין אַ היטל מיט סאַמעטענע קאַנטן, אין גוטע שיך און דערצו נאָך אַ פאַרזאָרגטן אויף זיין גאַנץ לעבן און נאָך מיט אַ פּענסיע אויף די עלטערע יאָרן! ממש אַ נחת!

אָט וועגן דעם גליק, וועגן דעם נחת, האָט אויך געטרוימט דודס פאָטער. זיין זונס פעיִקייטן האָבן אים פולשטענדיק געגעבן רעכט דערויף. אָבער דער זון האָט גאָרנישט געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן די באַגערן פון זיין פאָטער. דוד האָט זיך אַרויסגעדרייט פון לערנען, האָט אַרומגעשטיפּט, נישט געקענט אויסקומען מיט זיין פאָטער. ביז דער פאָטער האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ זיך געזעגנט מיט זיין האָפענונג און כמעט ווי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף זיין זון: קיין לייט, אַזוי צו זאָגן, וועט שוין פון אים נישט אַרויסקומען: „שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט!" האָט ער אים סוף־כל־סוף געזאָגט. דאָס יינגל האָט באמת פאַרלאָזט די אָנפאַנג־שול, איז אַ געוויסע צייט אַרומגעגאַנגען ליידיק, דערנאָך איז ער אָנגעקומען צו אַ הענטשקע־מאַכער, איז געוואָרן אַ בעל־מלאכה. אַ פאַרכאַפּטער פון

ערשטע שפּראָצונגען

דער באַוועגונג, בעת ער איז געווען אַ יאָר 18, איז ער אַריינגעפאַלן אין איינעם פון די קרייזלעך, ווו מען האָט געלערנט קולטור־געשיכטע פון פעלקער און פּאָליטישע עקאָנאָמיע. דאָ האָבן זיך גאָר גיך אַנטפּלעקט זיינע פעיִקייטן, וואָס זענען אים צונוץ געקומען סיי פאַר אים אַליין, כדי ער זאָל זיך קענען אויף גיך אַ סך אויסלערנען און סיי דערפאַר, אַז ער זאָל קענען באַמערקט ווערן דורך די אינטעליגענטן, די פירער פון קרייז און זיי זאָלן אים אָנהייבן „אַרויסרוקן". דוד האָט ליב באַקומען דאָס בוך, האָט אָנגעהויבן ערנסט צו אַרבעטן. פונדעסטוועגן האָט ער אַ סך זאַכן געכאַפּט, ווי מען זאָגט, מיטן קוק, אַ דאַנק זיין פלינקער אָריענטאַציע, און גייסטיקער אויפנאַם־פעיִקייט. צו דעם אַלעם האָט ער נאָך געהאַט אַ זעלטענעם זכרון.

אַ מענטש פון מיטעלן וווקס, מיט רעגלמעסיקע געזיכטס־שטריכן, מיט שוואַרצע, עטוואָס געקרויזטע, קורץ געשוירענע האָר, האָט זיך דוד אויסגעצייכנט, ווי כ'האָב שוין פריִער דערמאָנט, מיט אַ זעלטענער באַוועגלעכקייט. באַוועגלעך זענען געווען זיינע קלוגע שוואַרצע, מיט אַ פייערל, טיילמאָל שמייכלענדיקע אויגן; באַוועגלעך זענען געווען זיינע הענט, זיין קאָפּ, אַפילו זיינע אַקסלען. ער האָט נישט קיין סך זשעסטיקולירט, ער איז אָבער קיינמאָל נישט געווען רויִק. זיינע פלינקע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אויף קיין איין זאַך לאַנג נישט אָפּגעשטעלט, זיי האָבן אָבער אַזוי ווי אַלץ און אַלעמען געוואָלט זען אויף אַמאָל; די הענט האָבן נישט געוואָלט זיין אָן אַרבעט און האָבן שטענדיק עפּעס וואָס גערירט, געדרייט; אַפילו די פיס האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן קיין אומבאַוועגלעכקייט. ער האָט נישט געקענט רויִק זיצן און האָט זיך אַלע ווײַלע אַ וואָרף געטון מיטן שטול אויף הינטן און אים געדרייט אויף איין פיסל. געלאַכט האָט ער לייכט; ער האָט אין אַ סך זאַכן געפונען קאָמישע שטריכן און אַ געלעגנהייט זיך אויסצולאַכן. און דערציילנדיק עפּעס אַ קאָמישע זאַך, האָט ער אַליין מער פון אַלעמען הנאה געהאַט, האָט זיך געפּאַטשט מיט די הענט איבער די קני, זיך געדרייט, שיעור נישט געקייקלט זיך אויף דער ערד... ער האָט האָלט געהאַט צו כאַפּן אַלעמען ביים וואָרט, ספּעציעל, פאַרשטייט זיך, ווען מען האָט זיך אויסגעדריקט נישט אַזוי געלונגען. ער האָט דעמאָלסט געקענט מאַכן דערפון אינגאַנצן אומגעריכטע און טיילמאָל פולשטענדיק איבערגעטריבענע אויספירונגען. און דאָס אַלץ זייער ערנסט, אָבער נישט אויסהערנדיק דערביי צו שמייכלען מיט די אויגן.

דודן פלעגט פאַרשאַפן פאַרגעניגן צו רייצן זיך מיט אונדזער זלמנען דעם איינבינדער, אויך אַ פּיאָנער פון דער באַוועגונג. ער פלעגט אים טיילמאָל דער־

פירן ביז משוגעת, אויף אַזוי ווייט, אַז יענער פלעגט זיך וואַרפן אויף אים מיט די פויסטן. דוד פלעגט, פאַרשטייט זיך, באַווייזן זיך אַרויסצודרייען פון קלאַפּ און זיך צעלאַכט מיט אַזאַ געלעכטער, אַז סוף־כל־סוף פלעגט ער מיט אים אָנ־שטעקן אויך דעם גוטמוטיקן און נישט זייער קלוגן, אָבער גרענעצלאָז־איבערגע־געבענעם זלמנען.

— וואָס זאָל מען מיט אים טון? ער איז נישט קיין ערנסטער, פלעגט זלמן זאָגן, שוין נישט דראָענדיק מיט די פויסטן, נאָר טייטלענדיק מיט אַ פינגער אויף דודן, וואָס פלעגט אַליין, פון זיך זייט, שטופן זיין פינגער אין זלמנען אַריין, כדי ער זאָל נאָך מער לאַכן. געענדיקט האָט זיך געווײנלעך אַלץ מיט אַ פאַרשלאָג אויסצוטרינקען אַ „גלעזעלע וואַרעמס". דוד האָט איבערגעציילט די שטימען פאַר און קעגן און האָט פאַרגעלייגט צו ציִען קניפּלעך ווער עס זאָל גיין נאָך הייס וואַסער, דערביי האָט ער עפּעס אַזוי געקענט מאַנעווורירן, אַז דער קניפּל פלעגט־שוין אַריינפאַלן צו זלמנען. אויף דער גאַס פלעגט דוד שפּרייזן זייער האַסטיק, פאַרלויפנדיק קונציק דעם וועג אַנדערע דורכגייער און באַווייזנדיק דערביי תמיד צו וואַרפן אַ בליק אי אויפן דורכגייער, אי אויף אַ שיינער פרוי און אויך אויף אַ פענצטער פון אַ געשעפט. אַלץ וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן האָט ער אויסגעפירט פּינקטלעך און גוט. ער האָט באַוויזן אומעטום צו זיין, אַלץ צו וויסן און תמיד אַלץ צו געדענקען. פונקט אַזוי גערן האָט ער אויך תמיד געגעסן און געטרונקען, אויסצייכענענדיק זיך, ביי זיין נאַטירלעכן קערפּער־געבוי, מיט אַ גאָר איבערנאַטירלעכן אַפּעטיט.

מען האָט נישט געקענט צוטראַכטן קיין מער באַקוועמען מענטשן פאַר דער ראָל פון אַ פאַרבינדונגס־אַגענט, פאַר כסדרדיקן אַרומפאָרן און פאַר האָבן באַ־ציִונגען מיט אַ סך מענטשן. מעגלעך, אַז די דאָזיקע ראָל איז דודן נישט אַזוי איבערגעגעבן געוואָרן, ווי זי איז אַריינגעפאַלן צו אים פון זיך אַליין, אַזוי ווי זי וואָלט אים געקומען לויט זיין כאַראַקטער און זיינע פעיִקייטן. נאָך מער, אַז ער האָט פיזיש געקענט אַ סך פאַרטראָגן, איז געווען פלינק אויף צו געבן אַן ענטפער, אַן אַרגומענט און האָט זיך געקענט אַרויספּלאָנטערן פון אַן אומאָנגענעמער לאַגע. דער גוטער זכרון האָט אים געדינט, אַז ער זאָל נישט אַלץ דאַרפן פאַרשרייבן און אַנדערע זאַכן בכלל נישט פאַרשרייבן און דאָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסע באַקוועמלעכקייט אין די קאָנספּיראַטיווע באַציִונגען. וואָס אַן אמת, ער איז געווען איינער פון די דרייצן אָנטיילנעמער פון צוזאַמענפאָר, וואָס האָבן געגרינדעט דעם „בונד".

דוד האָט אַוועקגעוואָרפן זיין פּאַך און איז איבערגעגאַנגען אין דער לאַגע פון אַ רעוואָלוציאָנער־פּראָפעסיאָנאַל. בעת ער פלעגט קומען צופאָרן צו מיר פלעגט ער זיך אַרויפוואַרפן אויף די נייע ביכער פון די רוסישע „לינקע״ זשור־נאַלן. אָבער ער איז אַליין געווען גאַנץ גוט באַקאַנט מיט נייע ביכער, דער עיקר נאַטירלעך מיט אַזעלכע, וואָס האָבן אונדז געקענט אינטערעסירן מיט זייער געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט. ווו איז געווען זיין שטענדיקע דירה? ווו זענען געווען זיינע וועש, זיינע זאַכן, מלבושים? דאָס האָט ער נישט געוווּסט. אפשר האָט ער דאָס אַלץ גאָרנישט געהאַט. קומען פלעגט ער שטענדיק מיט ליידיקע הענט. אַן אַ וואַליזקע, אָן אַ פּעקל, אָבער ער האָט תמיד געדאַרפט עפּעס קויפן פון וועש־זאַכן: אַ קאָלנער, אַ העמד, אַ נאָזטיכל. ער איז געווען פּינקטלעך און ריין אָנגע־טאָן, מיט נאָך אַ גרעסערער זאָרגזאַמקייט אין דעם זין, ווי אַ סך פון „אונדזערע״ און ער האָט אויך זייער ליב געהאַט זיך צו פאָרען אין באָד.

ס׳האָט געטראָפן, אַז בעת ער פלעגט קומען צופאָרן, זאָל ער שוין נאָך די ערשטע געשעפטלעכע שמועסן, אַ זאָג טאָן: קום אין באָד!

זיין געפערלעכער אַפּעטיט האָט אָפט אַרויסגערוקט, — שוין צו אָפט, — די פראַגע וועגן עסן. געוויינלעך האָבן מיר זיך דערנערט זייער באַשיידן, זיך באַגרענעצט אין די אָוונטן, למשל, מיט ברויט מיט פּוטער. דוד פלעגט פאָרשלאָגן מען זאָל נאָך צוגעבן דערצו אַ הערינג, אָדער גאָר דעם גרעסטן לוקסוס — טיי־ווורשט. איינמאָל בעת ער איז געקומען צופאָרן האָט ער פאָרגעשלאָגן צו פייערן עפּעס אַ געשעעניש און גיין אין אַ רעסטאָראַן. איך האָב די קאָוונער רעסטאָראַנען נישט געקענט. זענען מיר אַוועק זוכן און האָבן לאַנג אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן. נישט דערפאַר, ווייל מיר האָבן נישט געפונען, נאָר ווייל מיר פלעגן זיך אָפּשטעלן ביי יעדער רעסטאָראַן און נישט געוווּסט וואָס צו טון: איינער האָט אונדז אויסגעזען ווי אַ צו טייערער, אַן אַנדערער ווי נישט קיין גוטער. אַריינגעפאַלן זענען מיר סוף־כל־סוף אין זייער אַ פּאַסקודנעם רעסטאָראַן, ווו מיר האָבן כמעט מורא געהאַט צו עסן וואָס מען האָט אונדז דערלאַנגט און באַצאָלן איז פונדעסטוועגן אויסגעקומען טייערער ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט. בעת מיר זענען אַרויס פון רעסטאָראַן האָט זיך דוד הילכיק צעלאַכט און זיך תיכף געלאָזט גיין צו דער טערקישער בעקעריי, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון רעסטאָראַן. די בעקעריי האָט טאַקע געהערט צו אמתע טערקן, עס האָבן דאָרט פאַרקויפט טערקן אין רויטע פעסקעס און פאַר איין קאָפּיקע האָט מען דאָרט געקענט אויפן אָרט אויפעסן אַ געשמאַקן בייגל, אָדער אַ זיס־זויער ברייט־

טעלע מיט ראָזשינקעס. דוד האָט אַריינגעשלונגען איינעם נאָכן אַנדערן עטלעכע בייגל און האָט זיך באַרויִקט.

ער איז יעדעס מאָל געקומען צופאָרן, ווי עס איז שוין דערמאָנט געווען, אומגעריכט, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך געטיילט מיט מיר מיט די נייסן, האָט זיך פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן די קאָוונער עניינים און אויך וועגן דער לאַגע ביי די בערשטער, האָט געגעבן עצות און אַליין, פון זיין זייט, זיך אַן עצה געהאַלטן וועגן זאַכן, וואָס איז פאָרגעשטאַנען צו טון. און דאָס אַלץ זייער גיך, געשעפטלעך, נישט פאַרלירנדיק קיין איבעריקע ווערטער, — און אַזוי ווי איילנדיק זיך איבערצוגיין צו וויניקער וועזנטלעכע טעמעס, ווי למשל, צו מעשיות וועגן געמיינזאַמע באַקאַנטע, צו זאַכן, וואָס ער האָט צופעליק געזען אָדער געהערט וועגן זיי, צו פאַרשיידענע טאָג־געשעענישן. ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, האָט ער געקענט מאַכן אַן איינדרוק פון אַ זאָרגלאָזן מענטשן, צוליב דעם, ווייל אים האָבן טיילמאָל אינטערעסירט פולשטענדיק זייטיקע קלייניקייטן און ווייל ער איז געווען אַזוי דערפינדעריש אויף וויצן און געלעכטער. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן קיין שום זאַך, וואָס איז געווען וויכטיק, האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג אַ זאַך וואָס האָט אַ שייכות צו דער באַוועגונג, — האָט מער ווי אַלץ טאַקע געטראַכט נאָר וועגן איר, איז ביז די טיפענישן פון זיין נשמה געווען באַזאָרגט בלויז מיט איר, מיט אירע נויטן און דערפאָלגן. ער איז געווען אַ טיכטיקער מענטש אין פולסטן זין פון וואָרט, אַ „טוער", אָבער אָן שום געמאַכטער וויכטיקייט, נישט אַרומגעוויקלט זיך מיט קיין וואָלקן פון קאָנספּיראַציע און האָט פשוט געקענט שוויגן וועגן דעם וואָס מען האָט נישט געדאַרפט ריידן.

ער איז קיינמאָל נישט פאַרבליבן ביי מיר לאַנג, — אַ טאָג־צוויי, נישט מער, — אָפטמאָל אַפילו בלויז עטלעכע שעה, אָבער מיר האָבן פונדעסטוועגן אָפּגעגעבן נישט וויניק צייט פאַר טעאָרעטישע פראַגן און דיסקוסיעס. דוד האָט פאַרטיידיקט און איז באַשטאַנען אויף דער ריינקייט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פרינציפּן און אויף אונדזער נייער אַגיטאַציע־טאַקטיק. ער האָט גוט תופס געווען אַזעלכע ווערק פון פלעכאַנאָוון ווי „סאָציאַליזם און פּאָליטישער קאַמף", האָט זיך אויך אַן עצה געגעבן מיט זיין בוך, וואָס איז אַרויס אונטערן פסעוודאָנים בעלטאָוו: „צו דער פראַגע פון מאָניסטישן באַנעם פון דער געשיכטע!" האָט זייער גוט פאָרגעדענקט „אַרבעטס־לוין און קאַפּיטאַל" פון מאַרקסן; איז געווען באַגייסטערט פאַר לאַסאַלס רעדעס, האָט געקענט שיעור נישט אויף אויסנווייניק די גרונט־

געדאַנקען פון „ערפורטער פּראָגראַם“; ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָט מיט אינ־טערעס נאָכגעפאָלגט דעם דיספּוט צווישן די נאַראָדניקעס און מאַרקסיסטן, אין אַלץ, פאַרשטייט זיך, זייענדיק מסכים מיט די לעצטע און אויפנעמענדיק מיט פאַרגעניגן די „קלעפּ“, וועלכע זיי האָבן, לויט זיין מיינונג, דערלאַנגט די ערשטע.

נאָך יענעם קומען זיינעם, וועגן וועלכן איך האָב פריִער דערציילט, ד״ה, נאָך זובאַטאָווס באַרימטע אַרעסטן, וואָס די צאַרישע רעגירונג איז געווען זיכער, אַז זיי האָבן דערשטיקט דעם „בונד“, האָט דוד קאַץ — „טאַראַס“ (אָבער נישט בולבאַ, ווי ער פלעגט זיך אַליין וויצלען), זיך פולשטענדיק אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, צוריק איינגעשטעלט די איבערגעריסענע פאַרבינדונגען מיט די באַזונ־דערע קאָמיטעטן און מיט פערזאָנען, האָט איינגעטיילט די פליכטן, באַקומען ערגעץ געלט, האָט אַפילו באַוויזן עפּעס אין געהיים אָפּצודרוקן און זיך צו פאַרבינדן מיט אויסלאַנד. און דורכגעפירט האָט ער עס אַלץ לייכט, גובר זייענדיק אַלע שוועריקייטן און נישט באַקלאָגנדיק זיך.

אָט אַזוי, מערסטנטייל לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו, אָבער זעענדיק זיך אָפּט מיט סערגיי זעלדאָוו, מיט מיר, מיט אונדזער ליזען, מיט נאָך אַנדערע, — און מיט אונדזער אַלעמענס פולסטן הסכם, האָט ער דערפירט די זאַך ביזן צווייטן צוזאַמענפאָר פון „בונד“. דער צוזאַמענפאָר איז צושטאַנד געקומען סוכות אין 1898 אין קאָוונע, ביי מיר אויף דער דירה, ריכטיקער, אין מיין צימער, וואָס איך האָב פאַרנומען אין אַ דירה פון אַן אַלטער פוילישער פרוי.

דער צוזאַמענפאָר איז אומבאַדינגט נייטיק געווען שוין צוליב דעם אַליין כדי אויסצוויילן אַ נייעם צענטראַל־קאָמיטעט. דעם באַשלוס צונויפצורופן אים האָבן מיר אָנגענומען אומגעפער מיט אַ חודש פריִער ווי ער איז פאָרגעקומען. מען האָט געמוזט וואַרטן אויף די „גרויסע“ ייִדישע יום־טובים, כדי צו האָבן אין אונדזער רשות אַ צוויי־דריי פרייע טעג, אַז די אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס זענען אָנגעמערקט געוואָרן זיך צו באַטייליקן אין אים, זאָלן קענען קומען נישט אַרויסרופנדיק דערמיט קיין שום ספּעציעלן חשד. דער צוזאַמענפאָר איז טאַקע פאָרגעקומען אין די טעג פון סוכות.

ביז איצט קען איך נישט פאַרשטייך, ווי אַזוי האָבן מיר, טאַראַס און איך, בעת מען האָט נאָך די אַרעסטן געדאַרפט אָפּהיטן די שטרענגסטע קאָנספּיראַציע,

איבערהויפּט פאַר אַזאַ זאַך ווי אַ צוזאַמענפאָר, געקענט באַשליסן איינצוואָרדענען אים ביי מיר, ביי אַזאַ איינעם, וואָס איז געווען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט און איז פּערזענלעך געווען באַקאַנט סיי דער פּאָליציי און סיי דער זשאַנדאַרמעריע און וואָס האָט נאָך צו דעם אַלעמען געהאַט אַ קליין צימערל, וואָס אַ דריטל פון אים איז געווען פאַרנומען מיט אַ בעט... אמת, מיין באַלעבאָסטע, די אַלטיטשקע, איז געווען אַ זיכערע „אויסבאַהאַלטערין", זי האָט געוווּסט, וואָס דאָס איז „פּאָליטיקע", האָט געהאַט אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָט פון גאַנצן האַרצן געהאַסט די זשאַנדאַרן, שוין דערפאַר אַליין, וואָס זיי האָבן ביי איר צוגענומען אַ זון, אַ סטודענט און ער איז געווען ערגעץ פאַרשיקט. אויסער דעם בין איך נאָך געווען באַפריינדעט מיט איר טאָכטער, וואָס האָט שטודירט אין פעטערבורג, אַ קורסיסטין פון די „לינקע". אָבער דאָס אַלץ איז נאָך פונדעסטוועגן געווען נישט גענוג, כדי צו באַטראַכטן מיין צימער ווי דעם זיכערסטן אָרט. צי דען איז טאַקע אין די אַלע שטעט פון אונדזער באַוועגונג, ווו מיר האָבן געהאַט פאַרבינדונגען, אין זין פון קאָנספּיראַציע, נישט געווען קיין מער פאַסיקערער אָרט!? מעגלעך, אַז צוזאַמען מיט דעם פולסטן צוטרוי וואָס מיר האָבן געהאַט צו מיין אַלטיטשקער, האָט אין אונדזער באַשלוס, נאָך אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָל די וויכטיקע סיבה, וואָס זובאַטאָווס אַרעסטן האָבן פולשטענדיק אויסגעמיטן קאָוונע. דאָס האָט אונדז געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך פאָרצושטעלן, אַז אין שטאָט איז נישט געווען קיין שום „נעסט" פון זובאַטאָווס געהיים־אַגענטן. מען האָט זיך שוין אויך גערעכנט דערמיט, וואָס איך, זייענדיק אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, וואָלט נישט געקענט פאָרן אויב דער צוזאַמענפאָר וואָלט געווען אין אַן אַנדער שטאָט. אַפנים, אַז האַנדלען בעסער, מער פאָרזיכטיק האָט מען נישט געקענט. און דאָס באַווייזט אויך אין וואָס פאַר אַ געדריקטער לאַגע מיר האָבן זיך געפונען נאָך די אַרעסטן, וועלכע זובאַטאָוו האָט באַטראַכט ווי די „ליקווידאַציע" פון „בונד".

אין צוזאַמענפאָר האָבן אויסער סערגיי זעלדאָוון, דוד (טאַראַס) און מיר זיך נאָך באַטייליקט: טייבעטשקע (סערגייס ווייב), די שניידערין מערע זשאלודסקי, ווי אַ דעלעגאַט פון וואַרשע, צביה די העניטשקע־מאַכערין, די קאָוונער ליזע און איר מאַן אַלטער, אַברהם דער בערשער און נאָך אייניקע דעלעגאַטן פון ביאַליסטאָק, פון לאָדזש, פון דווינסק. צווישן די געקומענע איז געווען מיכאַלעוויטש, וועלכן איך האָב ביזן צוזאַמענפאָר נישט געקענט. ער האָט זיך באַטייליקט אונטער עפּעס אַ נאָמען, נאָר צווישן זיך האָבן מיר אים געגעבן אַ צונאָמען „פּליינקע",

צוליב זיין עטוואָס אויסגעבייגענער פּלייצע. פון די אָנטיילנעמער פון ערשטן צוזאַמענפאָר זענען אָנוועזנד געווען: דוד און מערע זשאַלודסקי *).

מען האָט גערעדט יידיש. מיר האָבן נישט באַטראַכט נישט קיין טעאָרעטישע און נישט קיין טאַקטישע פראַגן. צו טעאָריעס האָבן מיר דעמאָלסט קיין קאָפּ נישט געהאַט און וואָס שייך דער טאַקטיק, האָט זיך די נייע, דאָס הייסט, די אַגיטאַציע־טאַקטיק אויף אַזוי ווייט באַרעכטיקט, האָט געגעבן אַזעלכע גלענצנ־דיקע רעזולטאַטן, אַז פּאַרלויפיק האָט זי נישט געפאָדערט קיין שום אויסבעסע־רונגען. עס זענען געווען באַריכטן פון די ערטער, וואָס האָבן קלאָר עדות געזאָגט וועגן דעם, אַז די באַוועגונג וואַקסט אין דער ברייט און אין דער טיף, און אַז די קאַמפּס־לאָזונגען, וואָס דער „בונד“ האָט אַרויסגעלאָזט זענען גוט אויפגענומען געוואָרן פון דער מאַסע.

מיר האָבן זיך געטיילט מיט די איינדרוקן וועגן דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך די אַרעסטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן לחלוטין נישט אָפּגעשוואַכט די פעסטקייט פון די אָרגאַניזאַציעס. דאָס האָט זיך דערקלערט דערמיט, וואָס די אַרעסטירטע חברים, אין זייער ווייט גרעסטער מערהייט, זענען שוין מער נישט געווען אין קיין דירעקטע באַציִונגען מיט די דאָזיקע אָרגאַניזאַ־ציעס. נישט די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, נישט די צוגענומענע אַר־בעטער פון דער בונדישער דרוקעריי זענען שוין פּערזענלעך נישט געווען פאַר־בונדן מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע האָבן, נישט געקוקט אויף דעם גוואַלדיקן דורכפאַל, ווייטער געפירט זייער אַקטיוון לעבן, מיט די געהיימע „סכאָדקעס“; מיט וואַלן; מיט צוגרייטונגען צו שטרייקן; מיט געלט־זאַמלונגען; מיט דער אַגיטאַציע פאַר באַשטימטע לאָזונגען; מיט דעם אויסשמידן געפילן פון סאָלידאַריטעט און גלייכצייטיק מיטן גייסט פון קאַמף. עס זענען אויך פאַרבליבן כמעט אומבאַרירט די סקלאַדן פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, אונדזערע אַרבעטער־ביבליאָטעקלעך און כמעט אומעטום האָבן ווייטער פונקציאָנירט די אויפקלערונג־קרייזן, וואָס זענען נאָך געווען אין אַ גאַנץ גרויסער צאָל. אַנדערש

---

*) אין דאָזיקן, צווייטן, צוזאַמענפאָר פון „בונד“ האָבן זיך באַטייליקט די ווייטערדיקע דעלעגאַטן:

דוד קאַץ „טאַראַס“; צביה הורוויטש (וואַרשע); שיינע־רייזל סעגאַל (לאָדזש); אַלטער דער בערשטער; ל. בערנשטיין (ביידע פון קאָוונע); סערגיי ניעמאַנסקי „זעלדאָוו“; ביינוש מיכאַלעוויטש; יחיאל פּעדער (די לעצטע דריי פון ביאַליסטאָק); לעאָן גאָלדמאַן און פּאַטי קרעמער. פון דער אומלעגאַלער דרוקעריי פון „בונד“ — שמואל דער שוואַרצער.

(רעדאַקציע).

גערעדט, דאָס אַלץ, וואָס איז געווען דער פונדאַמענט פון אונדזער באַוועגונג, איז פולשטענדיק איינגעהאַלטן געוואָרן און איז פאַרבליבן פעסט. מען האָט, הייסט עס, געקענט ווייטער בויען, — אין דעם זענען מיר געווען איבערצייגט און מער ווי דאָס האָבן מיר נישט געוואָלט.

פון אַלע ערטער האָט מען זיך באַקלאָגט אויפן מאַנגל פון אַגיטאַטאָרן און אויך אויפן מאַנגל פון דער נייער ליטעראַטור, וואָס פאַרעטפערט טאָג־פראַגן, דער עיקר בראָשורן אויף יידיש. די דעלעגאַטן האָבן אויך אָנגעוויזן אויף דעם מאַנגל אין אָנפירערשאַפט מיט דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן פילן צוליבן פעלן פון צענטראַל־קאָמיטעט. די וואַלן פון אַ צענטראַל־קאָמיטעט זענען זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען איינער פון די וויכטיקסטע פונקטן אויף דער טאָג־אָרדענונג. קיין אַנדערע מענטשן, אויסער די, וואָס זענען אָנוועזנד געווען אויפן צוזאַמענפאָר זענען נישט געווען און עס איז אויסגעקומען, וויבאַלד אַזוי, אויסצוויילן פון זיי. צי זענען מיר געווען גענוג צוגעגרייט, גענוג אויטאָריטעט פאַר אַזאַ ראָל? יעדערער האָט די דאָזיקע פראַגע געדאַרפט לייזן פאַר זיך אַליין... ביי דער געשאַפענער לאַגע איז גענוג געווען שוין דאָס אַליין, וואָס אָן שום שרעק, אָן שום פאַרלעגנהייט, זענען מיר פאַרבליבן אויפן אָרט, נישט אָפּגעטראָטן פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער אויפגאַבע, וואָס האָט זיך אַזוי פּלוצלינג אַוועקגעשטעלט פאַר אונדז און האָבן דרייסט גענומען אויף זיך די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

מען איז געזעסן ביי מיר אין צימער. עס האָבן אויסגעפעלט שטולן און עטלעכע זענען געזעסן אויפן בעט, פון וועלכן עס איז אַגב אויסגעקומען אַראָפּ־צונעמען די קאָלדרע. עס גייט אין דעם, וואָס די באַלעבאָסטע האָט געהאַט פאַרדונגען נאָך אַ צימער צוויי גימנאַזיסטקעס און אונדזערע צימערן זענען געווען אָפּגעטיילט צווישן זיך מיט אַ טיר. די טיר איז פאַרשטייט זיך געווען פאַרשלאָסן. אָבער מיר האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף די טיר פאַרהענגען און אויף דעם האָבן מיר פאַרניצט די קאָלדרע. אין אָוונט האָבן מיר פאַרהאָנגען דעם פענצטער און דערויף זענען אַוועק די לייַלעכער און דער מאַנטל... אין צימער איז געווען געדיכט אָנגערויכערט, און כדי אים אויסצולופטערן איז אויסגעקומען צו עפענען פון צייט צו צייט דעם פענצטער. דעמאָלט האָבן די דעבאַטן אויפגעהערט און אַלע זענען געזעסן שטיל. מיטיק עסן זענען מיר נישט געגאַנגען, כדי נישט צו ציִען אַן איבעריקן מאָל די אויפמערקזאַמקייט מיטן גיין און קומען פון די דעלעגאַטן. אַלע האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט ברויט מיט הערינג, מיט קעז און

מיט ווורשט, דאָס אַלץ האָבן מיר שויןביידע, טאַראַס און איך, געהאַט צוגעגרייט פון פריער. אַנדערע אָבער האָבן באַדויערט, וואָס ס'איז נישט געווען קיין טיי.

— אַט, ווען ס'איז דאָ אַ גלעזל טיי, — האָט אַן אומעטיקער געזאָגט „פליצקע״, דאָס הייסט, מיכאַלעוויטש.

דער ערשטער טאָג איז אַריבער בשלום. טאַראַס איז געבליבן נעכטיקן ביי מיר און די איבעריקע האָט ליזע איינגעאָרדנט ביי באַקאַנטע, אָבער קיין איינער איז, נאַטירלעך, נישט געגאַנגען אין קיין האָטעל. אויף מאָרגן איז שוין נישט געווען אַזוי רויק. מען האָט באַמערקט, אַז מען שפּיאָנירט און אפשר האָט זיך עס בלויז אויסגעדוכט. אין אָוונט האָט מען באַשלאָסן נישט צו ריזיקירן, איבער־צורייסן די זיצונג, פאַנאַדערצוגיין זיך איינציקווייז. ווי אַן אָרט פון אַ באַגעגעניש האָט מען באַשטימט דעם ברעג פון ניעמאַן, וווהין אַלע האָבן געדאַרפט קומען זיך דערווייסן, ווו און ווען מיר וועלן זיך ווידער פאַרזאַמלען. ליזע און אַלטער האָבן פאַרגעלייגט זייער דירה, אָבער דאָס האָבן מיר געהאַלטן פאַר נישט באַקוועם. איך בין אַוועק זוכן אַ לאָקאַל. ס'איז אגב נישט אויסגעקומען לאַנג צו זוכן. איך בין אַוועק צו דער לערערין אַננע סעמיאַנאָוונע רובינשטיין (דערנאָך האָט זי, לויט איר מאַן, זיך גערופן מאַטיס). זי האָט געהערט צו דער ראַדיקאַ־לער אינטעליגענץ. קיין אוממיטלבאַרן אָנטייל אין אונדזער באַוועגונג האָט זי נישט גענומען, אָבער צו איר האָט מען זיך תמיד געקענט ווענדן נאָך אַ טובה און זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט מיט קיין אָפּזאָג. שפּעטער האָט זי אין קאָוונע געשפּילט אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע ראָלע. זי איז געווען איינע פון די צענטראַלע פערזענלעכקייטן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין דער ליטע; און דאָס האָט פולשטענדיק אַנטשפּראָכן איר ווייט נישט דורכשניטלעכן שכל און איר זעלטענע געפילפולקייט. זי איז געווען אַ פאַרוואַלטערין פון אַ פריי־וואָטער פרויען־שול און אַליין געהאַט דאָרט איר דירה. די שול איז צוליב די יידישע יום־טובים געווען פאַרמאַכט. האָב איך געבעטן אַננע סעמיאַנאָוונען אַז זי זאָל אונדז אָפּגעבן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַ צענדליק מענטשן, אויף עטלעכע שעה איינעם פון די קלאַס־צימערן. איך האָב צוגעגעבן, אַז עס וועלן קומען פול־שטענדיק זיכערע מענטשן, צווישן זיי אויך ליזע, וועלכע זי האָט געקענט. איך האָב איר אָבער נישט געזאָגט אַז עס קומט פאַר אַ צוזאַמענפאָר. דאָס וואָלט געווען נישט קאָנספּיראַטיוו. כ'האָב איר אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז אַ פאַרזאַמלונג, וואָס האָט אַ וויכטיקע באַדייטונג. איך צווייפל, צי איך האָב זיך דעמאָלט אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון אויף וואָס פאַר אַ געפאַר איך שטעל אויס

אַנגע סעמיאַנאָוונע און אַפּילו איך שול. אָבער ס'איז מעגלעך, אַז אויך זי האָט וועגן דעם נישט געטראַכט. „איך געטרוי אייך", האָט זי געזאָגט, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען געגוג, כדי צו באַזייטיקן סיי די ספיקות און סיי די געפאַר, און זי האָט אָנגעוויזן אין וועלכן פון די קלאַס-צימערן מען זאָל זיך פאַרזאַמלען.

אָננעמענדיק אַלע פאַרזיכטיקייטס-מיטלען האָבן מיר, ליזע און איך, גע־בראַכט צופירן אַלע דעלעגאַטן אין שול, ווו מיר האָבן אויך פאַרענדיקט אונדזער צוזאַמענפאַר. מיר זענען שוין געזעסן עטלעכע שעה, פאַרשטייט זיך, אָן שום טומל, באַמיִענדיק זיך צו רעדן ווי ווייט מעגלעך שטיל, ווען ס'האָט זיך דער־הערט אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, זיך אָנגע־שפּיצט. איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָב זי עטוואָס געעפנט. הינטער איר איז געשטאַנען אַנגע סעמיאַנאָוונע מיט אַ גרויסן טאַץ זעמל און אַנדערע געבעקסן און ביי דער טיר, אויפן דיל, איז געשטאַנען אַ קאָכיקער סאַמאָוואַר, וועלכן איך האָב פּייערלעך אַריינגעטראָגן אין קלאַס. עס האָבן זיך באַוויזן גלעזער, צוקער. דער דאָזיקער פולשטענדיק-אומגעריכטער צווישנשפּיל איז געווען אַן אַנגענע־מער סורפּריז, — מיר האָבן מיט פאַרגעניגן צוגעביסן, זיך אונטערגעלענט. די טיי האָט אַנגענעם אָפּגעפרישט די פאַרטריקנטע העלדזער. בעת די זיצונג האָט זיך געענדיקט, בין איך פּייערלעך באַפולמעכטיקט געוואָרן אויסצודריקן אין אַלעמענס נאָמען אונדזער דאַנק דער זעלטן־גאַסטפריינדלעכער ווירטין.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז דאָס וויכטיקסטע פון צוזאַמענפאַר געווען דאָס אויסוויילן דעם נייעם צענטראַל-קאָמיטעט. מען האָט באַשלאָסן, אַז ער זאָל באַשטיין פון דריי מענטשן, אַזוי ווי דער פריִערדיקער, אין וועלכן עס זענען אַריין אַלעקסאַנדער קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און גליעב מוטניקאָוויטש. אָבער ווי אַזוי אויסוויילן? אוודאי, דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג. אָבער ווען עס איז פון אונדז דאַרף מען דאָך אָנטרויען דעם סוד גופא, דאָס הייסט, אונ־דזערע געהיים־אָפּגעגעבענע צעטלען מיט די נעמען. ס'איז געווען זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַז דעם וועמען מיר וועלן אָנטרויען, דאַרף שוין זיין אַ זיכערער מיט־גליד פון צוקונפטיקן צ"ק. איינשטימיק, האָבן מיר אָן קיין שום רייבונגען, אויסגעקליבן דוד טאַראַסן, אַרויסוויזנדיק אים דערמיט אונדזער אָנערקענונג, וואָס איז אים געקומען פאַר דער איניציאַטיוו און ענערגיע, וואָס ער האָט אַרויס־געוויזן אין אַזאַ קריטישן מאָמענט אין דער געשיכטע פון „בונד".

דוד האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט. ער איז געווען אַביסל פאַרשעמט; ריכטיקער, אויפגערודערט. איידער מיר זענען צוגעטראָטן צו די וואַלן פון די עטלעכע מיט־

גלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, האָבן עטלעכע פון אונדז, צווישן זיי אויך איך, אַראָפּגענומען זייערע קאַנדידאַטורן, דערקלערנדיק, נאָטירלעך, צוליב וועלכע מאָטיוון זיי טוען דאָס. איך האָב אָנגעוויזן דערויף, אַז איך בין דער יינגסטער פון אַלעמען, געפינן זיך נאָך אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, אַז איבערגיין אויף אַן אומלעגאַלער לאַגע זעט מיר איצט אויס נישט אָננעמבאַר; דערצו שטייט מיר נאָך פאַר צו גיין דינען און אַז חוץ אַלץ האָט בכלל קיין זין נישט איבערצורייסן מיין אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט אין קאָוונע, ווי די אַרטיקע אַזוי אויך אין דער באַוועגונג פון די בערשטער.

מיט יעדערן וואָס האָט אַראָפּגענומען זיין קאַנדידאַטור האָט מען זיך שטאַרק געאַמפּערט. טאַראַס האָט נאָך אויך אָנגעוויזן דערויף, אַז דאָס דאַזיקן אָפּזאָגן זיך האָט ביז גאָר באַשווערט דעם אויסוואַל. מען האָט צוליב דעם באַשלאָסן צו געבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט דאָס רעכט פון קאָאָפּטאַציע, דאָס הייסט, דאָס רעכט צוצוציִען ווען ער וועט געפינען פאַר נויטיק, סיי אויף צו באַשליסן געוויסן פראַגן און סיי אים בכלל צו פאַרגרעסערן, אויב מען וועט דאַרפן.

***

די ידיעה וועגן צוויטן צוזאַמענפאָר האָט ביי אַ סך אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַרוואונדערונג. בעת דוד איז אין עטלעכע וואָכן אַרום ווידער געקומען אין קאָוונע, האָט ער נישט אַן שטאָלץ און אויך נישט אָן געלעכטער, מיר דערציילט, אַז אין אויסלאַנד האָבן דזשאָן, טימאָפּיי און אַנדערע בונדיסטן, זיך כמעט אָפּגעזאָגט צו גלויבן אין דעם, אַז ס'איז פאַרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר, אַז ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן און עס עקזיסטירט אַ נייער צענטראַל־קאָמיטעט און אַז די אַרבעט גייט ווידער מיטן פולן גאַנג.

אָבער אויב די „יונגע" האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַזוי אויף דער הויך, אויב דער שרעקלעכער דורכפאַל פון צענטראַל־קאָמיטעט, פון דער דרוקעריי אא"וו, האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט ווי קיין דורכבריס וואָס לאָזט זיך נישט פאַרריכטן, האָט מען עס מער ווי אַלץ און אַלעמען, געהאָט צו פאַרדאַנקען דער אַנטשלאָסנקייט, דער איבערגעגעבנקייט און איניציאַטיוו פון דעם כלומרשט זאָרגלאָזן, ווי ס'האָט זיך אַמאָל געקענט דוכטן, לייכטזיניקן — דוד קאַץ, וואָס איז געוואָרן אונדזער „טאַראַס", דער פונקט אַזאַ טיכטיקער ווי טעטיקער, דער פונקט אַזאַ קלוגער ווי שאַרפזיניקער.

ל. בערנשטיין

איך וועל דאָ אויך דערמאָנען, אַז אין וואַרשע, אין דווינסק, אין לאָדזש און אין אַנדערע שטעט, וואָס זענען פאַרהעלטניסמעסיק נישט לאַנג אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג, האָט דער נייער צענטראַל־קאָמיטעט געפונען נישט ווייניק, אַרויסגערוקטע דורך דער באַוועגונג אַליין, נייע מענטשן, וואָס האָבן נישט געהערט צו די ווילנער.

מאָיסיי דער איינבינדער און זלמן דער קעסטל־מאַכער

גערופֿן האָבן מיר אים מאָיסיי, צוגעבנדיק צייטנווײַז „איינבינדער" (פּערע־פּליאַטשיק), לויט זײַן פֿאַך. אָבער אַז זײַן פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען דושקאַן האָב איך זיך דערוווסט ערשט דאַן ווען איך האָב געלייענט וועגן זײַן אַרעסט.

מאָיסיי איז ביי מיר געווען אַן אָפּטער באַזוכער. ער פֿלעגט ברענגען איינגעבונדענע ביכער און צוריקנעמען אַנדערע איינצובינדן.

איך האָב דעמאָלט פֿאַרוואַלטעט מיט דער האַלב־לעגאַלער ביבליאָטעק פֿון אונדזער ווילנער קרייז „יוגנט". צו דעם קרייז האָבן געהערט גימנאַזיסטן, וואָס האָבן שוין געהאַלטן ביי פֿאַרענדיקן גימנאַזיע, און קריגן זייער „אַטעסטאַט זרעלאָסטי" (רייפֿקייט־צייגעניש), סטודענטן פֿון ייִדישן לערער־אינסטיטוט און די פֿאַרשיידענע האַלבע און גאַנצע אינטעליגענטן, וואָס קיינער ווייסט נישט ווען און ווי אַזוי זיי האָבן זיך איינגעזאַפּט זייער בילדונג און וויסן. צו דער לעצטער קאַטעגאָריע פֿון מענטשן, וואָס האָבן אַליין געקנעלט און זיך געלערנט, האָט אויך געהערט חיים־יאַנקל העלפֿאַנד, וואָס איז ווי אַן ערשט־ראַנגיקער שריפֿטשטעלער שפּעטער באַקענט געוואָרן אונטער דעם פּסעוודאָנים „א. ליטוואַק".

די ביבליאָטעק איז געווען צוזאַמענגעשטעלט דער עיקר פֿון לעגאַלע ביכער, וועלכע זענען, לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון דער רעגירונג, צוריקגעצויגן געוואָרן פֿון צירקולאַציע און מ'האָט זיי נישט געקענט באַקומען אין עפֿנטלעכע ביבליאָטעקן. צווישן אַזעלכע פֿאַרווערטע ביכער האָבן זיך געפֿונען די שריפֿטן פֿון הערצען, פֿון טשערנישעווסקי און דאָבראָליובאָוו, פֿון פּיסאַרעוו, לאַווראָוו, טשעלגונאָוו און רעשאָטניקאָוו, אָמוליעווסקיס ראָמאַן „שאַג זאַ שאַגאָם" (טריט

נאָך טריט), פאַרשידענע ווערק פון אַנדערע רוסישע שרייבער, וואָס איך געדענק שוין איצט נישט זייערע נעמען, לאַסאַלס רעדעס, מאַרקסעס „קאַפּיטאַל", ביכער וועגן דער געשיכטע פון געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, פון סאָציאַלע וויסנ־שאַפטן, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ווי אויך וועגן דער לאַגע פון אַרבעטער אין רוס־לאַנד און אַנדערע לענדער. די מאַכט האָט אויך פאַרבאָטן אייניקע רוסישע און איבערגעזעצטע ראָמאַנען, ווי אויך פּראָגרעסיווע זשורנאַלן ווי „אָטעטשעסט־וועננײַאַ זאַפּיסקי" פון די 70ער און 80ער יאָרן, אַלע יאָרגענג פון „דעלאָ" און „סאָוורעמיעניק", פון „רוסקאַיאַ מיסל" און אַנדערע. די אַלע אויסגערעכנטע זשורנאַלן האָט די צענזור יאָרן נאָכאַנאַנד דערלויבט צו דערשיינען. אומדער־וואַרטעט אָבער האָט מען זיי דערקלערט פאַר שעדלעכע. ווען עס האָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעגנהייט, פלעגן מיר איינקויפן איינצלנע נומערן פון אַזעלכע זשורנאַלן. אַרטיקלען וואָס האָבן געהאַט אַ גרעסערן ווערט פאַר אונדזער סאָציאַ־ליסטישער אויפקלערונגס־אַרבעט פלעגן מיר אויסשניידן, צוזאַמענשטעלן פון זיי העפטן איבער פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגיע, וועגן געשיכטע, אַרבעטער־ און אַגראַר־פראַגן, וועגן דער פרויען־פראַגע, געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען און דאָס גלייכן. מיר האָבן געוווסט אין וועלכע זשורנאַלן פלעכאַנאָוו און לאַוראָוו שרייבן אונטער פסעוודאָנימען. ווען מיר פלעגן געפינען זייערע אַרטיקלען האָט דאָס אונדז פאַרשאַפט אַ סך פרייד. מיר האָבן אַבאָנירט אַזעלכע ראַדיקאַלע זשורנאַלן ווי „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ", „מיר באָזשי", „נאַוטשנאָיע אָבאָזרעניע" און אַנדערע. מיר פלעגן קויפן נייע ביכער, — דער עיקר אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער פּאָלעמיק פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" מיט די „מאַרק־סיסטן".

געלט צו פירן די ביבליאָטעק האָבן מיר געקראָגן פון מיטגליד־אָפּצאָל און פון די פּראָפיטן, וואָס מיר פלעגן מאַכן פון בעלער און „וועטשערינקעס" לטובת פאַרשידענע אינסטיטוציעס און געלעגנהייטן. די צייט האָט געפאָדערט, אַז מיר זאָלן קויפן וואָס מער ביכער, כדי נאָכצוקומען דעם שנעלן וווקס און רייף ווערן פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען, וואָס אַפילו די פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער רעגירונג זענען נישט געווען אימשטאַנד אָפּצושטעלן. די מאַכט איז געצווונגען געווען צו טאָלערירן דעם פּרווו פון דער לעגאַלער פּרעסע אָפּצו־שפּיגלען דעם געזעלשאַפטלעכן דערוואַכונג־פּראָצעס. דער מאַרקסיזם, וואָס האָט זיך שוין געהאַט שטאַרק פאַרשפּרייט, האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אויף דער אויבערפלאַך. אייניקע פון פלעכאַנאָווס ביכער זענען דערשינען לעגאַל, אונטער

פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען. לעגאַל זענען אויך דערשינען איניקע פון לענינס אַרבעטן, ווי למשל „די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד", פון פּיאָטר סטרוווע, פון בערדאַיעוו און טוגאַן־באַראַנאָווסקי. עס איז דערלויבט געוואָרן אַרויסצוגעבן מאַרקסעס „קאַפּיטאַל", פרידריך ענגעלסעס „געשיכטע פון דער משפּחה" און געוויסע אַנדערע מאַרקסיסטישע ווערק. איניקע לאַוראָווס ביכער זענען אויך אַדורך בשלום די צענזור. עס זענען דערשינען נייע אויפלאַגעס פון פּיסאַראָווס ווערק, פון מיכאַילאָווסקיס, טשעלגונאָווס און רעשעטניקאָווס שריפטן. פון אַ ריי אַנדערע ביכער איז אַרונטערגענומען געוואָרן דער פאַרבאָט און מען האָט זיי געקענט פאַרקויפן און קויפן. אָבער ביבליאָטעקן איז נאָך אַלץ נישט געווען דערלויבט צו האָבן ביי זיך אַזעלכע ביכער, אַפילו ווען זיי זענען שוין דערשינען לעגאַל. מיר האָבן זיי אָבער אַלע איינגעשאַפט פאַר אונדזער אומלעגאַלער ביבליאָטעק.

מאָיסיי דעם איינבינדער האָט אַלזאָ קיינמאָל נישט אויסגעפעלט קיין אַרבעט. אָפט זענען אונדזערע ביכער געווען די איינציקע אַרבעט, וואָס ער האָט געהאַט, מיט דעם צוגאָב פון אַרבעט, וואָס איך פלעג פאַר אים קריגן ביי מיינע באַקאַנטע. לײדער האָט אַלץ צוזאַמען געקלעקט נאָר אויף אַ הונגער־עקזיסטענץ.

טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַ גלענצנדער בעל־מלאכה האָט מאָיסיי נישט געקענט קריגן באַשעפטיקונג ביי באַלעבאַטים. אין זייערע אויגן איז ער געווען אַ „בונטאָווששיק" און אַ „פילאָזאָף". ווען ער איז געקומען אין אַ וואַרשטאַט זוכן אַרבעט פלעגן די באַלעבאַטים אים ווייזן די טיר און זאָגן: „פאַר אַזעלכע ווי דו איז נישטאָ קיין אַרבעט". ווען דער דוחק אין אַרבעטער איז אָבער געווען גאָר גרויס פלעגט מען אים לאָזן אַרבעטן, אָבער די באַלעבאַטים פלעגן אונטער פאַרשיידענע תירוצים זיך באַמיִען וואָס שנעלער פּטור צו ווערן פון אים.

זיין לאַגע האָט מאָיסיי אויפגענומען „פילאָזאָפיש". אָבער ער האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר זיין אויסערלעכן אויסזען. ער האָט געהאַלטן פון כלל, אַז „מען נעמט דיך אויף לויט דיין קליידונג". ער פלעגט אַרויסזאָגן דעם כלל מיט סאַרקאַזם, מיט אַ שמייכל, וואָס האָט געקענט באַטייטן גלייכגילטיקייט און אַפילו פאַראַכטונג. ער פלעגט אָבער שטענדיק זאָרגפעליק ריניקן און פּוצן זיינע ביליקע בגדים.

מאָיסייס מוטער האָט געהאַנדלט מיט יאַגדעס, גרינס, פּרוכט, אַפּהענגיק פון סעזאָן. מיט אירע צוויי קאָשיקעס פלעגט זי זיך אַוועקשטעלן אין גאַס, אָדער אין

אַ טויער פון אַ געבײַדע, ביז די „דוואָרניקעס״ (סטרוזשעס) אָדער די אַנדערע שיצער פון רו־און־אָרדענונג פלעגן איר נישט אַוועקטרייבן. אין אַזאַ פאַל פלעגט זי פשוט וואַנדערן איבער די גאַסן, שלעפנדיק אויף די הענט די צוויי שווערע קאָשיקעס, און אויסרופן: „יידן, יידענעס, קויפט פלוימען, זעלטענע פלוימען, זיסע ווי צוקער״. די מאַמע איז געווען אַן אַלמנה און מאַיסיי איז געווען ביי איר דער איינציקער זון. זיי האָבן געוווינט צוזאַמען אין אַ קליין, אָרעם צימערל. דירה־געלט האָט געצאָלט מאַיסיי. קומענדיק אַהיים שפּעט ביינאַכט, פלעגט די מאַמע אַרויסנעמען פון אירע קאָשיקעס די איבערגעבליבענע „סחורה״ — צעקוועטשטע יאַגדעס אָדער עטלעכע באַרנעס... פאַר זיך און פאַר איר זון! זי האָט נישט געוווּסט, אַז מאַיסיי איז כמעט שטענדיק אַרבעטסלאָז. כדי איר נישט צו פאַרשאַפן עגמת־נפש, פלעגט ער יעדן פרימאָרגן פאַרלאָזן אין איילעניש די שטוב און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער האָט מורא פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט. אין דער אמתן פלעגט ער אַ גאַנצן טאָג זיין ביי אַ חבר, ווו ער פלעגט איינבינדן דאָס ביסל ביכער, וואָס באַקאַנטע פלעגן אים געבן און דער עיקר זיך פאַרנעמען מיט לייענען.

מאַיסייס אמתע ליידנשאַפט איז געווען לערנען און לייענען. ער פלעגט זיך ווייצלען, אַז דער מזל האָט אים צוגעשפּילט, ווייל אַן איינבינדער איז כסדר „אין דער געזעלשאַפט פון ביכער״. געלייענט האָט ער אַלץ וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט. אָבער מיט דער צייט האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ חוש פאַר גוטע ביכער. צווישן די ביכער צום איינבינדן פלעגט ער אויסקלייבן צו לייענען נאָר יענע, וואָס האָבן געקענט אים גייסטיק באַרייכערן, באַפרידיקן זיין דראַנג צו לערנען. ער האָט ליב געהאַט שיינע ליטעראַטור און די קלאַסיקער האָבן אים ספּעציעל אינטערעסירט. די ווערק פון גרויסן סאַטיריקער סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, פון טורגעניעוו און טאָלסטאָי, פון זאָלאַ און דיקענס, זענען געווען זיינע ליבלינגס. צוגלייך מיט אַנדערע מיטגלידער פון אונדזער קרייז פלעגט אויך ער זיך באַנוצן מיט די ביכער פון אונדזער ביבליאָטעק.

עס פלעגט טרעפן, אַז ברענגענדיק מיר אַ פּעקל פריש איינגעבינדענע ביכער, פון וועלכע עס האָט זיך נאָך געטראָגן דער ריח פון קליי, האָט ער קודם־כל געבעטן אַ פּאַפּיראָס, פאַרייכערט מיט קענטיקער צופרידנקייט און שוויגן ביז איך פלעג איבערציילן די ביכער. אויף מיין פראַגע ווו זענען די איבעריקע, איז זיין ענטפער געווען:

— נאָך נישט איבערגעלייענט.

— מען פאַרלאַנגט דאָך זיי פון מיר...

— נישקאָשע, זיי וועלן צוואַרטן.

— איך האָב דאָך אייך געבעטן זיי ברענגען באַצייטנס, און איר, מאַיסיי, האָט דאָך צוגעזאָגט.

— אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך זיי ברענגען. האָט איר זיי געלייענט?...

איידער איך האָב באַוויזן צו ענטפערן האָט ער זיך שוין פאַנאַנדערגערעדט וועגן די בייע ביכער, וואָס ער האָט געלייענט. שטיל, געלאַסן, האָט ער פאָרמולירט זיינע געדאַנקען און גוט דורכגעטראַכטע אָפּשאַצונגען. דער אָביעקטיווער אָדער סוביעקטיווער צוגאַנג פון מחבר האָבן אים שטאַרק אינטערעסירט. ער איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך אַן אָנהענגער פון דעם אָביעקטיוון מעטאָד. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַן אויסגעהאַלטענעם, באַוווסטזיניקן סאָציאַל־דעמאָקראַט־מאַרקסיסט. ער האָט שטודירט „אַרבעט־לוין און קאַפּיטאַל", „דער בירגערקריג אין פראַנקרייך", די באַרימטע הקדמה צו מאַרקס „קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע" האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק. ער האָט אייזן־פעסט געהאַלטן פון דער באַקאַנטער פאָרמולע, אַז „דער זיין באַשטימט דעם באַוווסטזיין". דעם כלל האָט ער באַטראַכט פאַר דעם פונדאַמענט פון אָביעקטיוון דענקען.

מאַיסיי האָט געלייענט סיסטעמאַטיש און ערנסט. זיינע געבוירענע פעיִקייטן האָבן אים אין דעם פּרט אַ סך געהאָלפן. ווען ער האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אומפאַרשטענדלעכע ערטער, האָט ער זיך געווענדט צו אונדזערע אינטעליגענטן נאָך אויפקלערונגען.

ער האָט געהערט צום „סאַמע העכסטן" קרייז, ווו מען האָט געלערנט קאַרל מאַרקס פּאָליטישע עקאָנאָמיע אונטער דער לייטונג פון אַזעלכע אינטעליגענטן ווי מאַרטאָוו־צעדערבוים, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין ווילנע, אַלעקסאַנדער קרעמער א"אַ. מאַיסיי האָט באַלאַנגט צו יענער גרופּע אַרבעטער, וואָס פלעגן שוין אַליין אָנפירן מיט קרייזלעך פון אַרבעטער, וואָס האָבן געהערט צו פאַרשיידענע פאַכן און נאַרוואָס אַריין אין דער באַוועגונג.

מאַיסיי האָט נישט נאָר שטיל גערעדט, ווי איך האָב שוין באַמערקט, ער איז בכלל געווען אַ שטילער מענטש. די שטילקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים און האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע פאַרטרוימטע אויגן. אַפילו זיין גאַנג האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער באַוועגט זיך אין אַ שטילן חלום. ער האָט זיך נישט געטומלט, זיך נישט אויפגערעגט, נישט באַנוצט שאַרפע אויסדרוקן. זיינע

מיינונגען פלעגט ער אַרויסזאָגן איינפאַך און קלאָר. צו זיינס אַ וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט און אים רעספעקטירט.

אויסערלעך האָט זיך מאַיסיי מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. וואָרשיינלעך האָט ער גאָרנישט געוואָלט זיך אויסטיילן פון אַנדערע, מחמת צוליב קאָנספּיראַציע און אַנדערע טעמים איז דאָס נישט געווען גענוונטשן. צווישן „אונדזערע", סיי אַרבעטער און סיי אינטעליגענטן, זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן ליב געהאַט צו טראָגן אַ גראָבן שטעקן, אָדער לאַנגע האָר, אָדער זיך ווייזן מיט אַ בוך אונטער דער פּאַכװ. אַנדערע ווידער האָבן בכלל זיך געהאַלטן מעשה פילאָזאָף. מאַיסיי דער איינבינדער איז געווען פריי פון אַזעלכע איינריידענישן. ער האָט זיך אויפגעפירט איינפאַך, רויק און צוריקגעצויגן. ער איז געווען אַ מיטלוווקסיקער, מיט אַ בלייכן, כמעט בלוטלאָזן פּנים, מיט שיינע געזיכט־שטריכן און אַ גרויסן שטערן, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געלערנטן. אַ בלאָנדער, אַ געגאָלטער מיט דינינקע ווענצעלעך און דינע ליפן, האָט ער געהאַט אַ פּאָר ברוינע אויגן, וואָס האָבן אָפט איראָניש געפינקלט.

מאַיסיי איז געווען איינער פון אונדזערע באַגאַבטסטע אַרבעטער. אַ באַלעזענער מיט אַ קלאָרן שכל איז ער אָבער געווען דער באַשיידנסטער פון אַלע. וועגן אים וואָלט געפּאַסט צו זאָגן, אַז ער האָט איינגעזאַפּט אַ גאַנצן קוואַל מיט וויסן אָבער געבליבן אויסערלעך נישט געענדערט. ער האָט זיך אָבער אויסגעטיילט פון זיין אַרום מיט זיין אַנטשלאָסנקייט און פעסטן כאַראַקטער.

די אינטעליגענטן וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אויפקלערן די אַרבעטער, פלעגן זיך קאָנצענטרירן הויפּטזעכלעך אויף סאָציאַלע פּראָבלעמען, אויף דער געשיכטע פון געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניסן און ענלעכע קעגנשטאַנדן. מאַיסיי, צוזאַמען מיט אייניקע אַנדערע אַרבעטער, האָבן זיך אָבער שטאַרק אינטערעסירט אויך מיט עטישע פּראָבלעמען. ער האָט נאַטירלעך אַקצעפּטירט די גאַנגבאַרע פאָרמולע אַז „דאָס זיין באַשטימט דעם באַוווסטזיין". ער האָט אָבער געזוכט פאַר זיך אַליין אַן ענטפער אויף דער פראַגע ווי זאָל ער, אַלס אַרבעטער און סאָציאַליסט, איינאָרדענען זיין אייגן לעבן. דער ענין האָט געעגבערט זיין מוח, באַזונדערס די פראַגע וועגן ליבע, משפּחה, באַציִונגען צווישן מענער און פרויען און אַנדערע אַזעלכע פּראָבלעמען. וועגן זיי איז ער אַלע מאָל גרייט געווען צו שמועסן. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון טשערנישעווסקיס ראָמאַן „וואָס טוט מען", ווייל דער מחבר האָט אַוועקגעגעבן אַ סך פּלאַץ און אויפמערקזאַמקייט די דערמאָנטע פּראָבלעמען.

מאַיסיי האָט געפירט אַ לעבן פון אַן אַסקעט. ער האָט זייער הויך געשעצט ריינקייט. אין זיין אַרבעט איז ער געווען אויסערגעוויינלעך געוויסנהאַפט. צו „אונדזערע" אַרבעטאָרינס, האָט ער זיך באַציגן ריטערלעך. זידל־ווערטער אָדער וווּלגאַרע אַנעקדאָטן זענען ביי אים געווען טריף ווי חזיר. ער איז געווען איינער פון יענע ייִדישע טרוימער וואָס זענען געווען פעיִק צו פאַרגעסן די וואָכעדיקע דאגות. מיט אַ געטלעכער רויִקייט פלעגן זיי פאַרלאָזן זייער אַרבעט, אַוועקגיין אין בית־המדרש לערנען תורה און חכמה פון די נביאים, כדי צו זיין מיט זיך מיט דער תורה, ביז זיי פלעגן דערפילן, אַז עס רוט אויף זיי די שכינה... אין מאַיסייען איז דער אַלטער ייִדישער טרוימער געוואָרן פאַראייניקט מיט דעם מאָדערנעם רעוואָלוציאָנער, וואָס איז געווען באַאיינפלוסט פון אַזעלכע העלדישע געשטאַלטן ווי זשעליאַבאָוו, מיכאַילאָוו, סאָפיע פעראָווסקאַיאַ, וועגן וועלכע ער האָט געלייענט אין סטעפּניאַק קראַווטשינסקיס „אונטערערדישע רוסלאַנד" און אין באַרימטן „קאַלענדאַר פון נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

איך ווייס נישט גענוי, וואָס האָט דערנענטערט מאַיסייען מיט אַ צווייטן פון „אונדזערע" אַרבעטער, זלמן דער קעסטלמאַכער (קאַראָבאָטשניק). טראָץ זייערע קעגנזעצלעכע נאַטורן האָט זיך צעבליט צווישן זיי אַ פריינטשאַפט. זלמן איז געווען אַן אומגעדולדיקער, אַן אויפגערעגטער און אַ טומלער. בעת ער האָט גערעדט פלעגט רינען שפּייעכץ פון זיין מויל. ער האָט גערעדט אַ סך, מיט גאווה אָבער אָן טאַלק. שטענדיק אין איילעניש, תמיד פאַרנומען, האָט ער אַלע מאָל געמאַכט דעם איינדרוק ווי עמעצער וואָלט אָפּגעוואַרט אויף אים, כדי צו דערליידיקן וויכטיקע ענינים. זיין אויסזען האָט נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק. אַ הויכער, מיט אומנאַטירלעך־לאַנגע פיס, מיט אַ לאַנגן פּנים פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע נאָז, האָט זלמן פאַרמאָגט אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי נאַזוו אָדער גאָר נאַריש, באַזונדערס ווען די שפּאַקולן פלעגן זיך אים אַראָפּגליטשן אויפן שפּיץ נאָז, אָדער ער פלעגט זיי אַראָפּנעמען. ער פלעגט ווערן באַגייסטערט פון יעדער קלייניקייט. דערביי פלעגט ער זשעסטיקולירן מיט די הענט און באַוועגן מיט די פיס. פּלוצלינג, אָן שום גרונט, פלעגט ער ווערן אויפגערעגט, זיך באַליידיקן און זיך וואַרפן שלאָגן. אין אונדזערע אויגן איז ער אָפט געווען פּשוט לעכערלעך. פונקט ווי מאַיסיי איז געווען געלאַסן און געדולדיק איז זלמן געווען נערוועז און אומרויִק.

זלמן האָט זיך באַציגן צו מאַיסייען מיט גרויס דרך־ארץ, אָבער גלייכצייטיק ווי ער וואָלט געווען אַ בטלן אויף וועלכן ער אַליין דאַרף כסדר אַכטונג געבן.

וועגן מאַיסייען פלעגט ער זאָגן, אַז חוץ זיינע ביכער, פאַרשטייט ער גאָרנישט. ער פלעגט כסדר געבן מאַיסייען אינסטרוקציעס.

מען דאַרף דאָך לעבן. וואָס מיינסטו, אַן אַנדערער וועט דען פאַר דיר לעבן?...
אַז מען איז אַ סאָציאַליסט דאַרף מען אויפהערן עסן? יאָ, מיין טייערער, אַן פלודערן קען מען אַפילו אין הייף נישט אַרויסגיין...

בשעת ער איז געווען אַן אַרבעט, פלעגט מאַיסיי אָפּט זיין ביי זלמנען, וואָס האָט געוווינט אין איין צימער אָבער מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג. קומענדיק פון דער אַרבעט פלעגט זלמן מיטברענגען שפּייז, ברויט און הערינג, זעלטן ווען אויך קאָלבאַסע, אָבער שטענדיק גענוג עס זאָל קלעקן פאַר צוויי. נאָך טיי האָט מען געדאַרפט ברענגען פון אַ דרויסנדיקער טיי־הויז („טשיינע") און די דאָזיקע שליחות פלעגט געוויינטלעך טון זלמן.

ביי זיך אין דערהיים האָט מאַיסיי שטענדיק געהאַט טאַבאַק מיט גילזן און אין ווינטער האָלץ צו הייצן דעם אויוון. צוזאַמען מיט זלמנס שפּייז און זלמנס זאָרגן וועגן אים — האָט מאַיסיי אַדורכגעשטופּט דעם טאָג. איך מוז זאָגן, אַז זלמנס זאָרג וועגן אים איז געווען אַן אויפריכטיקע, אַ ברידערלעכע. מאַיסיי איז געווען דאַנקבאַר זלמנען און אים אַרויסגעהאָלפן אין אַלע טעאָרעטישע אָנגעלעגנהייטן. ער האָט אים אויפגעקלערט די טעותן, וואָס עס האָבן באַגאַנגען די נאַראָדאָוואָלצעס און וועגן דעם סוביעקטיוון מעטאָד פון אויפפאַסן די געשיכטע. זיין פריינטשאַפט צו זלמנען איז געווען אַן אויפריכטיקע און עכטע.

עטישע פראַגן האָבן אויך זלמנען שטאַרק אינטערעסירט. זינט ער איז געוואָרן אַ באַוווּסטזיניקער מענטש, האָט ער געזוכט דעם ענטפער ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף לעבן און זיך אויפפירן. אַזעלכע פראַגן ווי „דער קריטיש־דענקנדיקער מענטש" אָדער „די ראָל פון מענטש אין דער געשיכטע" האָט זייביידן שטאַרק אינטערעסירט. זלמנען האָט מער פון אַלץ אינטערעסירט דער „עטישער מענטש". ער האָט געהאַלטן, אַז פונקט ווי אַן פלודערן קען מען נישט אַרומגיין, אַזוי וועט אונדזער „זאַך" נישט זיגן אָן עטישע מענטשן.

ער פלעגט צושטיין צו מאַיסייען מיט דער פראַגע: — מעג אַן אַרבעטער גנבענען? מעג איך אָפּנאַרן אָדער זאָגן ליגן?

מאַיסיי פלעגט אַ קוק טון אויף זיין פריינט אַביסל איראָניש און ענטפערן:
— אַמאָל מעג מען און אַן אַנדערשמאָל טאָר מען נישט!

אַן אויפגערעגטער פלעגט זלמן אויסרופן: — קיינמאָל טאָר מען נישט!
— ווען זשאַנדערמען וועלן דיר אויספאָרשן וועסטו זיי דערציילן דעם אמת,

אָנרופן די נעמען פון די חברים וואָס דו קענסט, וואָס יעדערער פון אונדז טוט, אַלעמען און אַלץ אַרויסגעבן?

זלמן איז געוואָרן אין כעס און געענטפערט:

— דו בינסט אַ טשודאַק! נישט וועגן זשאַנדאַרמען האַנדלט זיך. קיין אַנדער משל ווי אַ פאַרהער פון דער פּאָליציי האָסט דו נישט געקענט צוטראַכטן? דו האַלסט מיך פאַר אַזאַ שוטה? דו מיינסט אַז איך קען אַרויסגעבן מיינע אייגענע?

דאָס אַליין, וואָס ביי מאַיסייען האָט זיך געקענט דערוועקן אַ חשד — אַז ער איז אַ שוואַכלינג, האָט זלמנען שטאַרק אויפגערעגט.

— מיר וועלן נאָך זען ווער פון אונדז ביידן וועט זיך בעסער האַלטן בעת אַ פאַרהער.

אָן אויפגערעקטער האָט זלמן מאַרשירט איבערן צימער, אַראָפּגענומען פון נאָז די ברילן און זיי פאַרזיכטיק געריייניקט.

— מיר וועלן נאָך זען!

— פלוידער נישט, — האָט אים מאַיסיי פּרובירט צו באַרויִקן. — דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז מען טאָר קיינמאָל נישט זאָגן אַ ליגן, האָב איך דיר גע־וואָלט באַווייזן...

— „מיר וועלן נאָך זען", האָט אים זלמן איבערגעריסן. אָבער מאַיסיי האָט אַלע מאָל באַוויזן צו דערפירן די קריגעריי צו אַ פריידלעכן סוף. זלמן האָט טריומפירט בעת מאַיסיי איז מסכים געווען מיט זיין אויסטייטשונג, אַז מען טאָר טאַקע נישט קיין מאָל אָפּנאַרן חברים, אַז בעת איינער אַרבעט אַ פּאָר אַ באַלעבאָס דאַרף ער אויך טון די אַרבעט געוויסנהאַפט.

פון נאַטור אַן ערלעכער, האָט זלמן געהאַלטן אַז „אונדזערע" אַרבעטער דאַרפן זיך באַמיִען צו זיין די בעסט־קוואַליפיצירטע אין זייער פאַך, כדי די באַלע־באַטים זאָלן זיך נייטיקן אין זיי. כדי זיי זאָל אָנקומען שווער צו פאַרבייטן „אונדזערע" אויף אַנדערע. אַ סך פון „אונדזערע" אַרבעטער האָבן טאַקע געהאַלטן פון דעם כלל און אים דורכגעפירט אין לעבן. זיי זענען געווען די בעסטע און פּעיִקסטע אין זייערע פאַכן און פאַרנומען דאָרט דעם אויבנאָן.

זלמן איז אויך געווען אַן אויסגעצייכנטער אַרבעטער, הגם אים האָט געפעלט אַ פינגער אויף איין האַנט. די באַלעבאַטים האָבן געוווּסט, אַז ער געהערט צו די „פילאָזאָפן", אָבער ער איז זעלטן געווען אַרבעטסלאָז. אויך אין דעם פּרט איז ער געווען דער היפוך פון מאַיסייען.

ל. בערנשטיין

***

זלמנס וויכטיקסטע אייגנשאַפט איז געווען, וואָס ער האָט מיט טיפן גלויבן און ביישפּיללאָזער טרייהייט געדינט אונדזער „זאַך". ער איז שטענדיק געווען גרייט צו העלפן יעדן איינעם. טאָמער איז אַ חבר קראַנק געוואָרן, איז זלמן געווען ביי זיין בעט, געזאָרגט וועגן אים און געשאַפן פון באַקאַנטע אין אַפּטייקן די פאַרשריבענע פאַר אים רעצעפּטן.

„אונדזערע" אַרבעטער האָבן געהאַט אַן אייגענע קראַנקן-קאַסע. אמת, זייער אַן אָרעמע, מחמת דער אָפּצאָל אין דער קאַסע איז געווען זייער קליין, וואָלט זי נישט געקענט עקזיסטירן אָן דער איבערגעגעבנקייט פון אַזעלכע מיטגלידער ווי זלמן. כדי אויפצוהאַלטן די קראַנקן-קאַסע האָט מען איינגעאָרדנט „וועטשע-רינקעס", לאָטערייען און אַנדערע אונטערנעמונגען, מער ווי אַנדערע האָט גע-זאָרגט פאַר אַזעלכע אונטערנעמונגען אונדזער זלמן.

זלמן איז געווען אַ שטענדיקער מיטגליד פון קאָמיטעט, וואָס האָט פאַר-וואַלטעט מיט דער ביבליאָטעק. די גאַנצע ביבליאָטעק האָט געקענט אַריין אין איין קליינעם אַלמער אין זלמנס דירה. אונדזערע אַרבעטער האָבן געוואָלט אַליין, אָן די אינטעליגענטן, פאַרוואַלטן מיט דער ביבליאָטעק. אָבער מיך האָבן זיי צוגעצויגן צום קאָמיטעט פון דער ביבליאָטעק, ווייל איך בין געווען זייער באַ-פריינדעט מיט אַ סך אַרבעטער. די צווייטע סיבה איז געווען, וואָס דער קאָמיטעט האָט געוואָלט, אַז די ביבליאָטעק זאָל פאַרמאָגן רוסישע ביכער. מאַיסיי, זלמן און אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז רוסישע ביכער זענען נייטיק פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון די אַרבעטער.

היות איך פלעג ליב האָבן זיך גריבלען אין ביכער-געשעפטן, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו קריגן רוסישע ביכער. דערצו נאָך האָב איך אויך געשאַפן געלט זיי צו קויפן. אָבער דער עיקר האָט מען זיך גענייטיקט אין יידישע ביכער, אין אַזעלכע, וואָס מען האָט ווייניק געדרוקט אין רוסלאַנד. עס זענען דעמאָלט געווען אין פאַרקויף בלויז ראָמאַנען און דערציילונגען פון ספּעקטאָר, שלום-עליכם, מענדעלע מוכר-ספרים, פּרצעס יידישע ביבליאָטעק און יום-טוב-בלעטער און שלום-עליכמס יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק. אין אַמעריקע האָט מען שוין אַרויסגעגעבן פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע ביכער, איבערזעצונגען פון ענגלי-שע און פראַנצויזישע פּראָפעסאָרן. אָבער אַפילו מיט די אַמעריקאַנער ביכער איז אונדזער ביבליאָטעק נאָך אַלץ געווען אָרעם.

די גרויסע נאָכפראַגע פון אונדזערע אַרבעטער נאָך ייִדישע ביכער האָט געשטויסן דעם ווילנער אינטעליגענטן־קרייז אַרויסצוגעבן ייִדישע ביכער, דער עיקר פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע ווערק. ציליע קליס, שפּעטער געוואָרן דעם לערער גאָזשאַנסקיס („לנר") פרוי, האָט באַזונדערס אַ סך אויפגעטון אויף דעם געביט.

זלמן האָט זיך זייער געערגערט מחמת דער עולם פלעגט נישט גענוג אָפּהיטן די ביכער. ער פלעגט ווערן שטאַרק אויפגערעגט ווען אַ בוך פלעגט פאַרפאַלן גיין. אָפּט פלעגט ער באַטראַכטן אַ צעריסענעם אָדער פאַרפּאַטשקעטן בוך און זידלען די שולדיקע מיט די ערגסטע ווערטער.

מאַיסיי פלעגט אים דאַן אַ פרעג טון: — וואָלסט זיי אַריינגעזעצט אין טורמע?

אַ ברוגזער פלעגט זלמן אויסרופן: — דו ביסט נישט בעסער פון זיי. ער פלעגט דערלאַנגען מאָיסייען דעם צעשעדיקטן בוך און פרעגן צי ס'איז מעגלעך אים פאַרריכטן דורך אַ נייעם איינבונד.

וועגן זלמנען האָט מען דערציילט פאַרשיידענע אַנעקדאָטן. דער עולם האָט זיך בכלל געוויצלט אויף זיין חשבון. גאַנץ אָפּט פלעגט מען אים דערציילן אויסגעטראַכטע מעשהס וועגן חברים. ער פלעגט זיי אָבער נעמען פאַר גוט־געלט און גלייך רעאַגירן מיט אַ גוטמוטיקער באַמערקונג ווען די מעשה איז אים געפעלן געוואָרן, אָדער מיט כעס ווען די דערציילונג האָט אים געערגערט. ווי אַ גוטער חבר איז ער באַלד געלאָפן מיט דער „בשׂורה" צו אַנדערע, וואָס האָט אים אָפּט לעכערלעך געמאַכט און סוף־כל־סוף אַריינגעבראַכט אין כעס. נישט זעלטן פלעגן מיר באַהאַלטן אַ בוך, וואָס ער האָט נאָרוואָס געהאַלטן אין זיין האַנט, כדי מיט פאַרגעניגן צו זען ווי ער דרייט זיך דעם קאָפּ זוכנדיק דעם בוך, ווי ער זידלט זיך אַליין און פילט אָן דעם צימער מיט אַ הו־האַ. פּלוצלינג פלעגט ער דערזען דעם בוך אויפן זעלבן אָרט, ווו ער האָט אים אַליין אַוועקגעלייגט.

— ווי אַזוי האָב איך פאַרקוקט? בין איך פון זינען אַראָפּ? — פלעגט ער נאַיִוו אַ פרעג טון גראַד יענעם, וואָס האָט דעם שפּאַס געמאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז ער פלעגט ווערן זייער אויפגערעגט בעת ער פלעגט זיך דערוויסן, אַז מען האָט פון אים אַ ביסל חוזק געמאַכט. לאַנג איז ער אָבער נישט געווען אין כעס אויף קיינעם. אין גרונט איז ער געווען פול מיט גוטסקייט און חברישע געפילן. ער האָט געלעבט מיטן קאָלעקטיוו צו וועלכן ער האָט געהערט, מיטן פאַריין צו וועלכן ער איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב־און־לעבן, וועלכן ער האָט געדינט

און אָפּגעהיט זיינע אינטערעסן און זיין כבוד. אַ דורכפאַל פון אונדזערס אַן אונ־טערנעמונג, האָט זלמנען געערגערט מער ווי אַן אַנדערן. קיינער האָט נישט געזאָרגט אַזוי געטריי וועגן אַ חבר אין נויט, וועגן אונדזערן אַ קראַנקן אָדער אַן אַרבעטסלאָזן, ווי דאָס האָט געטון זלמן.

פאַר זלמנען איז סאָציאַליזם געווען מער ווי אַ חלום וועגן אַ צוקונפטיקער אָרדענונג. סאָציאַליזם איז געווען איינגעבאַקן אין זיין נשמה, אין זיין גאַנצן וועזן, אין זיין לעבנס־באַגריף, אין זיין שטרעבן צו גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

טראָץ דעם באַגרענעצטן וויסן און נישט געקוקט אויף זיין אומרויִקער און טומלדיקער נאַטור, האָט זלמן געהערט צום קרייז, וואָס האָט פאַרנומען ביי אונדז דעם „אויבנאָן". עס איז געווען שווער צו באַגיין זיך אָן אים, קיינער האָט אים נישט געקענט פאַרבייטן. אין דער באַוועגונג האָט ער געגאָסן פון אַ גרענעצ־לאָזן צוטרוי. מיר האָבן אים זייער געשעצט פאַר זיין איבערגעגעבנקייט צו דער „זאַך", זיין חברישן און ברידערלעכן גייסט. אַדאַנק דעם גייסט האָט ער זיך דערנענטערט צום קלוגן און אויסערגעוויינלעך־באַגאַבטן מאַיסיי.

ס'קען זיין, אַז מאַיסייען איז נימאס געוואָרן די כסדרדיקע אַרבעטסלאָזיקייט. עס לייגט זיך אָבער אויפן שכל, אַז אים האָט פשוט שטאַרק געצויגן ערגעץ ווו אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, אין צפון אָדער דרום, ווו די באַוועגונג האָט זיך מער ווי אין ווילנע געניייטיקט אין אַרבעטער־אַגיטאַטאָרן. ער האָט באַשלאָסן אָוועקצופאָרן אין אַן אינדוסטריעלן צענטער מיט אַ סך פאַבריקן און זאַוואָדן. די פראַגע איז געווען צי ער זאָל פאָרן קיין ביאַליסטאָק, ווו עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צווישן ייִדישע וועבער, אָדער קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, ווו עס זענען שוין אויך פאַרלייגט געוואָרן ייִדישע גרופּעס.

עס איז געווען די צייט ווען אונדזערע אַרבעטער און די אינטעליגענטן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די ווילנער „קרייזלעך", האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אין פאַרשיי־דענע טיילן פון לאַנד. עס האָט פאַרשאַפט פרייד און נחת די פירער פון דער באַוועגונג, וואָס די, וועמען זיי האָבן דערצויגן, לאָזן זיך אין וועג אַריין, כדי אין אַנדערע ערטער צו וועקן די אַרבעטער צום קאַמף פאַר זייער מענטשלעכער רעכט, פאַר דער באַפרייאונג פון דער אַרבעט און פון דער מענטשהייט בכלל.

ביי אונדז האָט זיך דעמאָלט געפירט אַ דיסקוסיע וווהין צו פאָרן. די חלוקי־דעות זענען געווען פאַרבונדן מיט דער ברייטערער פראַגע: וואָס צו טון? אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף פאָרן אין די אינדוסטריעל מער אַנטוויקלטע ערטער פון „טשערטאַ אָסעדלאָסטי" (תחום המושב), כדי זיין ווייטער טעטיק צווישן די

יִדישע אַרבעטער. זיי האָבן אַרגומענטירט, אַז דער דערפֿאָלג פֿון דער „זאַך“ פֿאָדערט, אַז די אַגיטאַציע צווישן יִדן זאָל געפֿירט ווערן פֿון יִדן אין דער שפּראַך פֿון די מאַסן. נאָך אַן אַרגומענט איז געווען, אַז נאָר יִדן קענען פֿאַרשטיין די נויטן פֿון די יִדישע מאַסן, זייערע פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפֿטן, די ספּעציפֿישע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען פֿון זייער לעבן. די וואָס האָבן פֿאַרטראָטן אַזאַ שטאַנדפּונקט זענען בלי־ספק געווען די שפּעטערדיקע טרעגער פֿון דעם אויטאָנאָמיע־געדאַנק, פֿון דער נאַציאָנאַלער אָבער נישט נאַציאָנאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, פֿון דער טעאָריע און פּראַקטיק פֿון „בונד“. עס זענען געווען אָבער אויך אַזעלכע, וועמען עס האָט געצויגן איבער די גרענעצן פֿון תחום־המושב, צו די גרויסע רוסישע פֿאַבריק־צענטערס, קיין פּעטערבורג... זיי האָבן געטענהט, אַז די יִדישע אַגיטאַטאָרן, וואָס ריידן גוט רוסיש, דאַרפֿן אַרבעטן צווישן רוסישע אַרבעטער, כּדי זיי דערנענטערן צו זיך, כּדי צו געווינען זייער פֿריינטשאַפֿט און זיין דער רינג, וואָס זאָל צוזאַמענבינדן די יִדישע און רוסישע אַרבעטנדיקע מאַסן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַרבעטער אַחדות, סאָלידאַרישקייט און ברידערלעכקייט פֿאַרלאַנגען פֿון די יִדישע אַגיטאַטאָרן אַזאַ האַנדלונג *).

אויך זלמן דער קעסטלמאַכער האָט פֿאַרלאָזט ווילנע. איך ווייס נישט ווּהין ער איז געפֿאָרן און וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. אַפֿילו זיין פֿאַמיליע־נאָמען קען איך זיך מער נישט דערמאָנען. אָבער ער שטייט פֿאַר מיינע אויגן ווי אַ לעבעדיקער, פּונקט ווי איך וואָלט זיך צעשייט מיט אים ערשט נעכטן. איך זע ווי ער שפּאַצירט מיט שנעלע טריט, אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן צו דער ערד קאָפּ, ווי ער וואָלט געמאָסטן זיינע טריט, אַלע מאָל אין איילעניש, אַלע מאָל פֿאַרטיפֿט אין זיין אייגן וועלט. ביי מיר איז נישטאָ קיין צווייפֿל, אַז אויך ער האָט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון די צאַרישע טורמעס.

*) מאַיסיי דער איינבינדער איז צוויי מאָל צוגעקאָאָפּטירט געוואָרן צום צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד“ — איין מאָל אין יאָר 1901 און דעם צווייטן מאָל אין יאָר 1905. (רעדאַקציע).

מערע זשאַלודסקי און צביה
די הענטשקע־מאַכערין

פרויען האָבן געשפּילט אַן אויסערגעוויינלעכע ראָל אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. צווישן זיי האָבן זיך אויסגעטיילט מערע זשאַלודסקי און צביה הורוויץ, אַ הענטשקע־מאַכערין.

געמאָסטן מיט די באַגריפן פון דער סביבה אין וועלכער זי האָט זיך אויפגעהאָדעוועט איז מערע געווען אַ טיפּישע „באַלעבאַטישע טאָכטער" פון פאַרמעגלעכע עלטערן. די מאַמע האָט שטאָלצירט מיט איר טאָכטער און געהאָפט, אַז זי וועט מאַכן אַ גוטן שידוך. מערע איז געווען קלוג, געראָטן, פול מיט לעבן. גאָר קיין מיאוסע און אַ זייער פעיִקע, האָט זי זיך גוט געלערנט און זיך געגרייט צום אַרויסלאָז־עקזאַמען פון דער פרויען־גימנאַזיע. די מאַמע האָט ענדלעך צוגעשטימט אָפּצולייגן די חתונה פון איר טאָכטער, ביז זי וועט ענדיקן די גימנאַזיע און באַקומען אַ דיפּלאָם. אָבער די טאָכטער האָט זיך אָנגעהויבן בונטעווען, אַרויסזאָגן אַפּיקורסישע געדאַנקען, געוואַגט צו האָבן אייגענע מיינונגען וועגן גוט און שלעכט, וועגן מנהגים, וועגן פרויען און אַפילו וועגן שידוכים. נאָך ערגער איז געווען, וואָס זי האָט זיך טאַקע גענומען צו פאַרווירקלעכן אירע געדאַנקען. זי האָט נישט געוואָלט הערן פון שדכנים, אויסגעלאַכט די חתנים וועגן וועלכע די מאַמע האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן. זי האָט זיך אַרומגערינגלט מיט פאַרדעכטיקע באַקאַנטע וועגן וועלכע קיינער האָט נישט געוווּסט ווען און פון וואַנען זיי קומען, אָדער מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך. בכלל איז מערע אַרויס פון שפּאַן. זי איז נישט געווען אין שטוב בעת די מאַמע פלעגט

בענטשן ליכט פרייטיק־צו־נאַכט. זי איז געגאַנגען ווען און וווּהין זי האָט אַליין געוואָלט, אָנגעהויבן זיך קליידן באַשיידן און בכלל אויסגעלאָכט זיך פון די רייד וועגן דעם ווי אַ „באַלעבאַטישע טאָכטער" דאַרף זיך פירן, וואָס עס פּאַסט און וואָס עס פּאַסט נישט...

דער חשק צו לערנען איז ביי מערע זשאַלודסקי כסדר געוואַקסן אונטער דעם איינפלוס פון די נייע ווינטן, וואָס האָבן צעשטערט די טרוימען פון אַ סך טראַדיציאָנעלע יידישע טאַטע־מאַמע. מערע איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַטמאָספערע פון אונדזערע ווילנער קרייזלעך. גרייטנדיק זיך צום עקזאַמען, האָט זי גלייכצייטיק אַ סך געלייענט, ד"ה, זיך זעלבסט „אַנטוויקלט", לויט דער טער־מינאָלאָגיע פון יענער צייט. איר פאַרשריט אויף דעם געביט האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי די אינטעליגענטן־פירער. מערע האָט אָבער פאַרמאָגט אייגנ־אַרטיקע כאַראַקטער־שטריכן. זי איז בכלל געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן. זי האָט זיך נישט געלאָזט באַאיינפלוסן פון אַנדערע און איז נישט אָוועק מיטן אויסגעטראָטענעם וועג פון די קרייזלעך. זי האָט זיך דערווייטערט פון איר משפחה אָבער נישט געקומען נענטער צו אונדזער באַוועגונג. מען האָט געזען באַשיימפערלעך אַז זי גייט מיט איר אייגענעם וועג, אין אַנקלאַנג מיט אירע אידעאַלן פון אַ לעבן, וואָס זאָל האַרמאָניזירן מיט איר נישט־בויגזאַמען און שטאָלצן כאַראַקטער. דאָרט ווו אַנדערע פלעגן נישט פרעגן קיין שאלות און פאָלגן אינסטרוקציעס און אָנווייזונגען, האָט מערע צו ערשט גוט זיך אַריינגע־טראַכט, כדי צו פאַרמירן איר אייגענע מיינונג. עס איז נישט געווען אין איר נאַטור פאָלגן אָנווייזונגען פון אַנדערע. זי איז שטענדיק געווען גרייט אָנצונעמען אַ זעלבסטשטענדיקע שטעלונג און האַנדלען ווי איר אייגענער שכל האָט איר דיקטירט. אַפילו אַן אייגענער קאַפּריז איז פאַר איר געווען אַן ענין. אונטער דער ווירקונג פון די געלייענטע ביכער האָט זי אָנגעהויבן צו בענקען נאָך העראָישע, גרויסע טאַטן. אונדזער „אַרבעטער־קאַסע", אונדזערע שטרייקן, אונדזערע קרייז־לעך, האָבן אויסגעזען קליין אין אירע אויגן. וואָס מער זי האָט געלייענט וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פאַרשיידענע לענדער און ביי פאַרשיידענע פעלקער, אַלץ מער האָט מערע זיך באַצויגן מיט סקעפּטיציזם צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, צו דער אַגיטאַציע צווישן יידישע אַרבעטער. אונדזער באַ־וועגונג האָט דאָך נישט געהאַט קיין היסטאָרישע טראַדיציעס. מיר האָבן דאָך נישט פאַרמאָגט קיין מענטשן מיט באַרימטע נעמען, אָדער אַ רעקאָרד פון גרויסע נצחונות און העראָישע טאַטן. געוויס איז שוין דעמאָלט געווען אַ רעוואָלוציאָנער־

געשטימטע יידישע אינטעליגענץ. זי איז אָבער געשטאַנען אָן אַ זייט פון אונדזער באַוועגונג. אַ סך פון זיי זענען געווען טעטיק אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. מערע האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם וואָס זי האָט גוט גערעדט פּויליש. זי האָט גענומען שטודירן די פּוילישע שפּראַך, באַקענען זיך מיט פּוילישע קלאַסיקער, לייענען די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. עס קען זיין, אַז איר האָט געצויגן צו דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט געירשנט די העל־דישע טראַדיציעס פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אפשר האָט זי געהאַלטן פאַר וויכטיק צו פאַרבינדן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג מיט דער פּוילישער. אין אַזאַ פאַל האָט זי אַליין זיך גענומען צו דערפילן די אויפגאַבע...

מיר איז עד־היום נישט קלאָר, וואָס האָט מערען דערנענטערט צו אונדז. אַלנפאַלס האָט זי דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג, ווו עס האָבן נישט געפעלט קיין פּיינלעכע אַנטוישונגען. דער פאַקט איז, אַז סוף־כל־סוף איז זי צוגעשטאַנען צו „אונדזער" באַוועגונג. די נייע דעציזיע האָט זי אַדורכגעפירט גרינטלעך, מיט אַנטשלאָסנקייט, מיט דעם גאַנצן ווילן פון איר אויסערגעוויינלעכער פּערזענלעכ־קייט. זי האָט אויפגעגעבן דעם עקזאַמען, אויפגעהערט צו שטודירן, האָט זיך גענומען לערנען פאַר אַ שניידערקע און איז אַריין אַרבעטן אין אַ וואַרשטאַט. זי האָט געוואָלט קומען אין באַענטן קאָנטאַקט מיט אַרבעטער, פאַרזוכן דעם טעם פון זייער האָרעפּאַשנעם לעבן, דער עיקר — לעבן צווישן אַרבעטער און געווינען זייער צוטרוי.

נישט קיין שיינע, מיט זומערשפּרינגלעך אויפן פּנים, איז מערע אָבער געווען אַ חנוודיקע. אַדאַנק אירע סימפּאַטישע און אָנגענעמע געזיכט־שטריכן האָט זי געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט. עס האָט איר קיין מאָל נישט אויסגעפעלט קיין ווערטער און זי איז קיינעם נישט געבליבן שולדיק אָן ענטפער, אַפילו נישט אַלעקסאַנדערן (קרעמער). אויף אַ בייזער באַמערקונג האָט זי געענטפערט מיט נאָך אַ בייזערע. זי איז גרייט געווען אַפילו זיך צו שלאָגן, אָבער זיך נישט אונטערצוגעבן. זי איז געווען אַ כעסניצע, אָבער אָן כעס אין איר נשמה. בכלל איז זי געווען אַ פריילעכע, אַ לעבעדיקע, אַ לאַכנדיקע און פול מיט צויבער.

טראָץ דעם וואָס זי האָט זיך גוט אויסגעלערנט די מלאכה און זיך ערנסט באַצויגן צו איר שניידעריי, האָבן די באַלעבאַטים איר נישט ליב געהאַט צוליב איר ווידערשפּעניקייט, מוטיקער אויפפירונג, און איר שעדלעכן איינפלוס אויף אַנדערע. מערען פלעגט מען טאַקע אָפט אַנטזאָגן פון דער אַרבעט. דערפאַר אָבער האָט זי געוווּנען אַ גרויסן איינפלוס אויף די אַרבעטער.

שניידעריי איז געווען איינע פון די שווערסטע מלאכות. באַלעבאַטישע טעכ־טער פלעגן אָבער אויסקלייבן דעם פאַך, ווייל ער איז באַטראַכט געוואָרן פאַר מער בכבודיק איידער זאָקנמאַכעריי אָדער פּאַפּיראָסנמאַכעריי. מיידלעך פון פאַר־אָרעמטע באַלעבאַטישע משפּחות, וואָס זענען געוואָרן שניידערקעס, האָבן נאָך נישט אינגאַנצן פאַרלוירן זייער יחוס, און זיך נישט אידענטיפיצירט מיט סתם „פּראָלעטאַריער". פון אַלע פּראָפעסיעס איז דער שניידער־פאַך געווען אַמנאָענטסטן צו דער יידישער באַלעבאַטישער פּסיכאָלאָגיע. אַ מיידל און אַ פרוי האָט דאָך סיי־ווי־סיי געדאַרפט קענען צושניידן און נייען פאַר זיך און פאַר דער משפּחה. עס איז אַפילו געווען אַ סגולה צו אַ שידוך... דערצו נאָך זענען די שניידער־וואַרשטאַטן געווען קליין, און די באַלעבאַטים האָבן אַליין אויך געאַרבעט. צווישן זיי און זייערע עטלעכע אַרבעטאָרינס זענען געווען נישט קיין שלעכטע, אָפט אַפילו גוטע באַציִונגען.

אין די דאָזיקע שניידער־וואַרשטאַטן האָט בכלל געהערט אַ פּאַטריאַרכאַלע אַטמאָספערע, — אין אַ געוויסער מאָס — אַ המשך פון דער משפּחה. אונדזער פּראָפּאַגאַנדע האָט צוליב דעם טאַקע ביי זיי נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג, הגם די פּאַטריאַרכאַלע פאַרהעלטענישן זענען באַנוצט געוואָרן דורך די באַלעבאַטים פאַר דער שענדלעכסטער עקספּלואַטאַציע. אויסלערנען זיך די מלאכה האָט גענו־מען יאָרן. במשך דער לאַנגער צייט האָבן די לערן־מיידלעך געאַרבעט במעט אומזיסט. אין סעזאָן פלעגט מען אַרבעטן ביז 16 שעה אַ טאָג און די אַרבעטער האָבן פאַרדינט, ווי מען פלעגט זאָגן, „וואַסער אויף קאַשע".

מערען האָט געקאָסט אָן אַ שיעור כוחות און צייט ביז איר איז געלונגען אויפצוּוועקן די שניידער פון לעטאַרגישן שלאָף און זיי באַוועגן אָנצוהייבן אַ קאַמף קעגן שקלאַפעריי. די ערשטע האָבן די שניידערקעס אין עטלעכע וואַר־שטאַטן פאַרלאַנגט אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג. נאָכהער האָבן די שניידער בכלל אָנגעהויבן זיך בונטעווען. ענדלעך איז אויסגעבראָכן אָן אַלגעמיינער שטרייק פון אַלע שניידער. די שטאָט איז געגאַנגען אויף רעדלעך. אומעטום האָבן אַלע גערעדט וועגן דעם אַלגעמיינעם שטרייק. פּונקט ווי דער עצם פונדאַמענט פון לעבן האָט זיך אַ טרייסל געטון. אַ קלייניקייט? אַפילו די שניידערקעס, די טעכטער פון באַלעבאַטישע משפּחות, האָבן זיך צעבונטעוועט, און מען קען נישט אויספאַרטיקן די קליידער פאַר די עלעגאַנטע דאַמען. אין די משפּחות, וועמענס טעכטער האָבן געשטרייקט, האָט מען טעג און נעכט היציק דעבאַטירט און זיך געקריגט.

אויף אייניקע פאַרזאַמלונגען פון שטרייקערס האָט מערע באַוויזן, אַז זי

פאַרמאָגט אַן אמתן כוח־הדיבור, אַ טאַלאַנט פון אַ געבאָרענעם רעדנער. זי איז געוואָרן איינע פון די גלענצנדסטע אַגיטאַטאָרקעס. זי האָט געוווּסט ווי אָנצינדן אַנדערע מיט דעם פייער וואָס האָט געברענט אין איר אייגן האַרץ. די שטאָט האָט געקלונגען מיט איר. אָבער דער שם האָט פאַרשלאָסן פאַר מערן די טירן פון אַלע שניידער־וואַרשטאַטן. זי וואָלט וואַרשיינלעך געקענט בלייבן און גרינדן אַ שניידער־קאָאָפּעראַטיוו, אַזעלכע האָבן שוין דעמאָלט עקזיסטירט אין ווילנע. זי האָט געקענט זיך אויסלערנען אַן אַנדער מלאכה. זי האָט אָבער שוין נישט געקענט איינזיצן אין ווילנע. איר האָט געצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט אין גרעסערע שטעט. זי איז טאַקע באַלד אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. אַדאַנק די פּוילישע שפּראַך, וואָס זי האָט געקענט, האָט זי דאָרט שנעל פאַרנומען אַן אָרט אין דער באַוועגונג. דוד (טאַראַס) האָט מיר דערציילט, אַז אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט האָבן זיך נאָך מער פאַנאַנדערגעבליט אירע אַגיטאַטאָרישע פעיִקייטן. זי פלעגט אין וואַרשע אויפטרעטן אויף ריזיקע פאַבריק־פאַרזאַמלונגען. זי האָט אימפּאָנירט די אַרבעטער מיט איר רעוואָלוציאָנערן ברען. איר דינאַמישע נאַטור האָט אַלעמען מיטגעריסן.

ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס מערע זשאַלודסקי איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס אַ דעלעגאַט צום גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד".

צום לעצטן מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט איר אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען אין קאָוונע, ביי מיר אין וווינונג.

אויפן זעלביקן צוזאַמענפאָר האָב איך געטראָפן אַ צווייטע מערקווירדיקע אַרבעטער־מיידל, אויך איינע פון די פּיאָנערן — צביה די הענטקע־מאַכערין. זי איז אויך געווען אַ גלענצנדיקע ריידנערין. דערצו נאָך איז זי געווען וווּנדער־שיין, וואָס האָט מסתם מיטגעהאָלפן צו איר דערפאָלג. מיר דאַכט, אַז לכתחילה איז זי געווען אַן אָנגעשטעלטע אין אַ געשעפט און געוואָרן אַ הענטשקע־מאַכערין, כדי אין די אינטערעסן פון דער באַוועגונג צו זיין אַן אמתע אַרבעטאָרין.

מיט איר ליבן שמייכל, וואָס האָט שטענדיק באַלויכטן איר פּנים, מיט איר פריינטשאַפט און איינפאַכקייט איז זי געווען פול מיט חן. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, איר גאַנצע געשטאַלט האָט אונדז אַלעמען באַצויבערט. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון איינער, וואָס קומט פון גאָר אַן אַנדער וועלט, וווּ אַלץ איז זויבער, ליכטיק און שפּילעוודיק...

אין קעגנטייל צו מערעס שטורמישע נאַטור, איז צביה געווען, אַדער זיך געהאַלטן, רויִק און באַלאַנסירט. קיין שאַרפן זשעסט, קיין בייז וואָרט האָט מען

פון איר נישט געהערט, ווי זי וואָלט קיינמאָל נישט זיין אויפגערעגט. זי איז בלי־ספק געווען אַ פּערזענלעכקייט. אין מאָמענטן ווען זי איז געווען פאַרחלומט, האָבן אירע אויגן אויסגעזען טיף ווי אַ תהום. וואָס פאַר אַ סוד האָט זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן? קודם־כל — אומבאַגרענעצטער גלויבן. זי האָט געגלויבט אין אַ נס, וואָס וועט פאַרווירקלעכן אירע חלומות.

צביה האָט אַדורכגעמאַכט די שול פון די „קרייזלעך", ווו זי האָט געקראָגן אַ סך וויסן. דערצו האָט זי אויך אַ סך געלייענט. זי האָט פאַרמאָגט אַ נאַטירלעכע אינטעליגענץ, וואָס האָט איר דערמעגלעכט צו פילן זיך היימיש אין דער געזעל־שאַפט פון אינטעליגענטן. גלייכצייטיק איז זי אויך געווען אַן „אייגענע" צווישן די אַרבעטאָרינס. ס׳קען זיין, אַז אין טעאָרעטישע ענינים איז זי געווען הינטער־שטעליק לגבי מערען. אָבער זי האָט פולקאָם באַהערשט יענעם מאַטעריאַל, וואָס איז געווען נייטיק פאַר דערפאָלגרייכע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. זי האָט גערעדט רויק, איינפאַך און איבערצייגנדיק. זי האָט נישט באַנוצט סתם שיינע פראַזן און אויסגעמיטן „טיפּזיניקע" ווערטער. זי האָט זיך באַמיט צו ווירקן דורך קלאָרקייט פון די געדאַנקען. פונדעסטוועגן פלעגן אירע ווערטער טיף אַריינ־דרינגען אין האַרצן און עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו הערן איר רעדן, און צו קוקן אויף איר פּנים, וואָס האָט געוועקט צוטרוי. עס איז גאָרנישט קיין וווּנדער, וואָס זי האָט אויסגעאַיבט אַ גרויסן איינפלוס אויף די אַרבעטער. צביה פלעגט זיך אָבער באַלײדיקן צוליב דעם קלענסטן רמז אויף אינטימערע געפילן, וואָס חברים־מענער פלעגן אַרויסווייזן צו איר.

צביה פלעגט זיך פילן שלעכט און ווערן שטאַרק אין כעס אַפילו צוליב אַן אומשולדיקער באַמערקונג וועגן איר שיינקייט. זי האָט געהאַלטן, אַז די אַטמאָספערע פון דער באַוועגונג דאַרף זיין ריין פון אַזעלכע זייטיקע געפילן...

עס איז אומבאַשטרייטבאַר, אַז צביה די הענטשקע־מאַכערין האָט באַשיינט אונדזערע ווילנער „קרייזלעך".

פונקט ווי מערע האָט אויך צביה פאַרלאָזט דעם „ווילנער נעסט". זי איז אויך אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. איר האָט געצויגן צו די פאַבריקן און גרויסע וואַרשטאַטן, ד"ה, צו מעגלעכקייטן פון אַגיטאַציע צווישן טויזנטער און צענדליק־טויזנטער פאַבריק־אַרבעטער.

זי איז אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע. איך וויים נישט צוליב וואָס, אָבער איר האָט מען אַריינגעזעצט נישט אין דער וואַרשעווער ציטאַדעל נאָר אין דער ביאַליסטאָקער טורמע. מעגלעך, אַז זי איז אַרעסטירט געוואָרן אין שייכות מיט

דעם „דורכפאַל" אין ביאַליסטאָק. די אויספאָרשונג האָט מסתּם פעסטגעשטעלט, אַז זי איז געווען פאַרבונדן מיט דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג פון ביאַליס־טאָק. כּמעט אַ יאָר איז זי אָפּגעזעסן אין טורמע און איז באַפרייט געוואָרן קורץ פאַר דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון „בונד". אַלע צוגרייטונגען צום גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד" זענען שוין געווען פאַרענדיקט. דאָס איז וואַרשיינלעך געווען די סיבה, וואָס זי איז נישט געווען אויף דעם צוזאַמענפאָר *). מסתּם האָט מען אויך מורא געהאַט, אַז צביה ווערט נאָכגעשפּיאָנירט, כּדי אויסצוגעפינען מיט וועמען זי שטייט אין פאַרבינדונג. זי האָט נישט געטאָרט זיך ווייזן אין איר געבורט־שטאָט, ווילנע, ווו דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען.

אויף אונדזער צווייטן צוזאַמענפאָר אין קאָוונע, האָט צביה אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן אונדזער באַוועגונג, וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלע אָנטיילנעמער. אַלע האָבן געהאַלטן, אַז זי דאַרף פאַרנעמען אַן אָרט אין צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכן מיר האָבן דעמאָלט אויסגעקליבן. די וואַלן זענען געווען געהיימע און מען האָט זיך נישט צוזאַמענגערעדט אין פאָרויס וועגן קאַנדי־דאַטן. איך געדענק אָבער, אַז מען האָט זיך שטאַרק געשלאָגן מיט דער דעה אויסוויילן מערען אָדער צביהן. דער אויסוואַל איז געווען — צביה, אָבער מען האָט געגעבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פולמאַכט צו קאָאָפּטירן אַנדערע, וואָס זענען נייטיק צו דער אַרבעט. אַלע האָבן געהאַט אין זינען קודם־כּל מערע זשאַלודסקי. זי איז טאַקע גיך געוואָרן איינע פון די צענטראַלע פרויען־פיגורן אין „בונד".

---

*) וועגן דער סיבה פאַרוואָס צביה האָט זיך נישט באַטייליקט אין דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד" איז נייטיק צו ברענגען וואָס עס שרייבט וועגן דעם דזשאָן מילל אין זיינע זכרונות.

אין באַנד 1 פון זיינע „פּיאָנערן און בויער", אין קאַפּיטל: „די וואַרשעווער דעלע־גאַציע, אַרקאַדי וויל אָפּלייגן דעם צוזאַמענפאָר", דערציילט ער:

„...עס איז אָנגענומען געוואָרן מיין פאָרשלאַג צו שיקן אַ דעלעגאַציע פון דריי. איך און ל. גאָלדמאַן זענען אויסגעקליבן געוואָרן איינשטימיק. די שטימען פאַר דעם דריטן דעלעגאַט האָבן זיך צעטיילט. עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז צביה הורוויטש וואָלט געווען דער דריטער דעלעגאַט, אויב נישט דער אומשטאַנד, וואָס זי איז אָקאָרשט אַרויס פון תּפיסה. זי האָט דאָרטן פאַרבראַכט אומגעפער אַ גאַנצן יאָר און אויף אַזאַ אופן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די מענטשן און גע־שעענישן אין דער וואַרשעווער באַוועגונג. צוליב אָט דער סיבה, האָב איך זיך אַרויסגעזאָגט פאַר מערע זשאַלודסקי און זי איז טאַקע אויסגעוויילט געוואָרן. צביה האָט דאָס מיר נישט געקענט פאַרגעבן און חדשים לאַנג האָט זי זיך שטאַרק געברוגזט אויף מיר..."

(רעדאַקציע).

„אברהם דער רעזשטשיק" און זיין אָפּאָזיציע

עס איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן זיך אָפט מיט אַברהם גאָרדאָן, באַקאַנט אונטערן נאָמען „אַברהם דער רעזשטשיק" (פון פאַך איז ער געווען אַ רעזשטשיק, דאָס הייסט, אַ שניצער, גראַווירער אויף מעטאַל). איך האָב אויך באַזוכט זיינע פאַרזאַמלונגען. ער איז פאַרבליבן אין מיין זכרון אַזאַ ווי איך האָב אים אַ סך מאָל באַגעגנט אין ווילנע אויף ניקאָלאַיעווסקי פּערעולאָק, וועלכן יידן האָבן אַ נאָמען געגעבן „גיטקע טויבעס זאַווולאָק". עס איז מיר אומבאַקאַנט ווער עס איז געווען די גיטקע טויבעס, פאַר וועלכע מעשים־טובים האָט זי פאַרדינט דעם כבוד, אַז יידן זאָלן איר ווידמען אַ געסל, וואָס איז צווישן די ווילנער יידן געוואָרן זייער באַרימט. אין מיינע צייטן האָט זיך נישט געפונען קיין איינער, וואָס האָט געוווּסט פון וואַנען דער נאָמען פון געסל האָט זיך גענומען. קיינער האָט זיך מיט דעם נישט אינטערעסירט. וויכטיק איז, וואָס דער פּערעולאָק האָט געפירט צו דער דייטשער גאַס, וועלכע איז געווען דער וועג צו די צווי קוואַר־טאַלן, געדיכט־באַוווינטע מיט יידן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דאָרט גע־ברויזט מיט לעבן. דער פּערעולאָק איז געווען אַ שמאָלער און נאָר אויף איין זייט איז געווען אַ טראָטואַר, אויף וועלכן עס איז נישט געווען גענוג פּלאַץ פאַר צוויי מענטשן צו באַוועגן זיך. דערצו נאָך איז דער פּערעולאָק געווען איינגעטונקט אין שמוץ, איבערהויפּט ווינטער.

אין דעם פּערעולאָק, וואָס איז געווען פול מיט בערגלעך מיסט, האָט מען שטענדיק געקענט טרעפן אַברהם „רעזשטשיק", אין דער באַגלייטונג פון זיין געטרייען נאָכפאָלגער, אָדער ווי מיר האָבן אים גערופן „אַדיוטאַנט" גרישאַ דער זאַגאַטאָווטשיק (קאַמאַשן־שטעפּער). ביידע זענען זיי געווען קליינוווּקסיקע, אָפּגעלאָזענע, און אויסגעקוקט נישט ווי אַרבעטער נאָר ווי אַ פּאָר אָרעמעלייט,

בעטלער, אָדער פּראָפעסיאָנעלע תהילים־זאָגערס, וואָס מען פלעגט דינגען צו זאָגן תהילים נאָך אַ מת.

ווינטער־צייט איז אַברהם אַרומגעגאַנגען אין אַ צעריסענעם פּאַלטאָ, פאַר־שמוצטע פלודערן און צעריסענע קאַלאָשן, אָבער אַלע מאָל מיט אַ פּעקל הינטער זיין אָרעם. מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז אין דעם פּעקל געפינען זיך חוץ ביכער אויך עקזעמפּלאַרן פון זיינע „בריוו" צו אינטעליגענטן און אַרבעטער. ווען ער אַרבעט רעגלמעסיק וואָלט ער געוויס גוט פאַרדינט. אָבער אים וואָלט אויסגעפעלט צייט צו לערנען, צו לייענען און אָנצופירן מיט זיין אָפּאָזיציאָנעלע טעטיקייט. איז ער געווען צופרידן אַרומצוגיין אין צעריסענע קאַלאָשן און ליידן הונגער, אַבי צו זיין באַלעבאָס איבער זיין צייט און אָנפירן מיט דער אָפּאָזיציע פון די אַרבעטער קעגן די אינטעליגענטן.

אַברהם „רעזשטשיק" איז בלי־ספק געווען איינער פון די אַמבעסטן באַלעזענע און פּעיִקסטע צווישן אונדזערע אַרבעטער אין די ווילנער „קריזלעך". אָבער דאָס קרייזל האָט נישט געביטן זיין אויסערלעכן אויסזען, ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביי אַ סך פון אונדזערע פּיאָנערן, אויף וועלכע די קרייזלעך האָבן געשטעלט אַ מין חתימה פון געהערן צו דער „אינטעליגענץ". זייער קולטורעלע דערהייבונג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זייער פּנים, מאַניערן און אַלגעמיינער באַנעמונג. אויב פון אָנהייב האָט מען זיי גערופן „פילאָזאָפן", האָבן שפּעטער אַפילו זייטיקע מענטשן זיי באַטראַכט פאַר „אינטעליגענטן". אַברהם איז געווען אַן אויסנאַם.

ווען די אינטעליגענטן, די פירער פון דער באַוועגונג, האָבן פאָרגעשלאָגן די „נייע טאַקטיק" פון מאַסן־אַגיטאַציע, וואָס איר פאַרפאַסער איז געווען אַרקאַדי קרעמער, האָט אַברהם זיך געשטעלט בראש פון דער אָפּאָזיציע. איך גלייב אַז, הגם ער האָט אָנגענומען פּלעכאַנאָווס שטאַנדפּונקט, אַז די רוסלענדער רעוואָלוציע וועט זיין זיגרייך נאָר ווי אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע, האָט ער זיך קיינמאָל נישט באַטראַכט פאַר אַ מאַרקסיסט. ער האָט געגלייבט נישט נאָר אין נייטיקייט נאָר אויך אין דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט געפּרעדיקט קלאַסן־קאַמף און האָט אָנטיילגענומען אין אָרגאַניזירן שטרייקן.

די „נייע טאַקטיק" האָט באַטייט איבערגיין פון „פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע", לויטן דעמאָלטדיקן אויסדרוק: אָנשטאָט וועדבירן יחידים פאַר די קרייזלעך, כדי זיי דאָרט אַנטוויקלען, זיך אָפּגעבן מיט אַגיטאַציע צווישן די מאַסן, כדי צו שאַפן אַ מאַסן־באַוועגונג. קעגן דעם איז אַברהם שאַרף אַרויסגעטראָטן. ער האָט גע־

האַלטן, אַז די אינטעליגענטן ווילן נישט מער דערפילן זייער פליכט. די „נייע טאַקטיק" האָט ער באַטראַכט פאַר אַ פּרווו צוצונעמען פון די אַרבעטער די מעג־לעכקייט צו לערנען, צו אַנטוויקלען זיך, צו ווערן „באַוווסטזיניק".

ער איז געווען מסכים מיטן שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־קאַמף, אָבער נישט מיטן „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם". זיין אָפּאָזיציע האָט ער געשטיצט אויף די לערעס פון דעם פילאָזאָף־רעוואָלוציאָנער פּיאָטר לאַווראָוו און סאָציאָלאָג און ליטעראַטור־קריטיקער מיכאַילאָווסקי, וואָס האָבן אין די זיבעציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט „באַהערשט די מוחות". פון זייערע טעאָריעס איז שפּעטער אַרויסגעוואָקסן די באַוועגונג צווישן דער רוסישער אינטעליגענץ צו „גיין אין פאָלק", וואָס האָט דערפירט צו דער שאַפונג פון דער באַרימטער אָרגאַניזאַציע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און אירע טעראָריסטישע אַקטן.

„רעזשטשיק" איז געווען אַ הייסער חסיד פון לאַווראָוו. ער פלעגט אָפט ציטירן לאַווראָווס „היסטאָרישע בריוו", וואָס זענען דערשינען סוף פון די זעכציקער יאָרן און זענען גלייך דורך דער רעגירונג פאַרווערט געוואָרן. די „היסטאָרישע בריוו" האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי דער אינטעליגענץ און מען האָט זיי געשמאַק געלייענט. זיי זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין געשריבענע עקזעמפּלאַרן, באַזונדערס צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט אין די זיבעציקער יאָרן. די אַרטיק־לען פון דעם באַגאַבטן פּובליציסט מיכאַילאָווסקי האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו דעם גרויסן דערפאָלג פון די „היסטאָרישע בריוו".

לאַווראָווס „היסטאָרישע בריוו" און מיכאַילאָווסקיס אַרטיקלען האָבן גע־שטעלט דעם טראָפּ אויף דער „ראָלע פון יחיד אין דער געשיכטע". ביידע האָבן אונטערגעשטראָכן די באַטייטונג פון פּערזענלעכער איניציאַטיוו, פון קרבנות־גרייטקייט און איבערגעגעבנקייט, פון קריטיש־דענקענדיקע בירגער, וואָס קעמפן פאַר פּראָגרעס, פאַר ראַדיקאַלע ענדערונגען פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעל־טענישן, פאַר די אינטערעסן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, פאַר זייער רעכט און מענטשן־ווירדע.

לויט לאַווראָוס און מיכאַילאָווסקיס טעאָריע, האָבן אַזעלכע יחידים, טראָץ דעם וואָס זיי זענען אַ קליינע מינדערהייט, געקענט באַווירקן דעם גאַנג פון דער געשיכטע. אָבער די האָרעפּאַשנע מאַסן, וואָס לעבן אַליין אין נויט און דחקות, פּראָדוצירן די מיטלען, אַז אַזעלכע יחידי־סגולה זאָלן האָבן די מעגלעכקייט זיך צו לערנען, צו אַנטוויקלען, צו ווערן „קריטיש־דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן". די פאָלקסמאַסן, וואָס קענען זיך נישט באַפרייען פון אָרעמקייט, בויען אָבער

מיט זייער שוויס און מיט זייער פּראַצע, שולן, ביבליאָטעקן, אוניווערסיטעטן, לאַבאָראַטאָריעס. זיי שאַפן פאַר יחידים די מעגלעכקייט צו לערנען זיך...

דער פּועל־יוצא פון אַזאַ בליק איז געווען דער באַגריף וועגן אַ פליכט פון אַזעלכע יחידים לגבי די האַרעפּאַשנע מאַסן, אַ פליכט וואָס דאַרף באַצאָלט ווערן. ווי אַזוי און מיט וואָס? קודם־כל דורך גייסטיק אַנטוויקלען און אויפקלערן די מאַסע, אַז זי זאָל פאַרשטיין פאַרוואָס איר אַרבעט באַרייכערט נאָך מער די פּאָר־מעגלעכע שיכטן, וואָס הערשן, אונטערדריקן און עקספּלואַטירן. די געבילדעטע, געלערנטע יחידים זענען מחויב אויפצוקלערן די מאַסע וועגן דער נייטיקייט צו קעמפן קעגן אַזאַ אומגערעכטן, גרויזאַמען סדר, ווייזן איר דעם וועג, וואָס פירט צו באַפרייונג פון דלות און אונטערדריקונג...

ווי מיר זאָלן זיך נישט באַציִען היינט צו אַזאַ טעאָריע, דער פאַקט איז, אַז זי האָט זייער שטאַרק משפיע געווען די אינטעליגענטן, אַז די מאָראַל פון לאַווראָווס „היסטאָרישע בריוו" האָט צוגעצויגן די יוגנט ווי מיט אַ מאַגנעט. די ייִדישע אינטעליגענץ, די פּיאָנערן און אָרגאַניזאַטאָרן פון די ייִדישע אַרבעטער־קרייזלעך, שפּעטער פון דער אַגיטאַציע צווישן די מאַסן, זענען אויך באַווירקט געוואָרן פון די „היסטאָרישע בריוו". די דאָזיקע ווירקונג האָט אָנגעהאַלטן אַפילו דאַן ווען ווי מאַרקסיסטן האָבן זיי שוין געצווייפלט אין לאַווראָווס טעאָריע וועגן דער „ראָל פון יחיד אין דער געשיכטע". די מער באַלעזענע אַרבעטער פון אונ־דזערע קרייזלעך זענען געווען באַקאַנט מיט די „היסטאָרישע בריוו", ווייל זיי זענען געווען איינגעשלאָסן ווי לייען־שטאָף אין דעם אַלגעמיינעם פּראָגראַם פון אַנטוויקלונג, וואָס די באַוועגונג האָט אויסגעאַרבעט.

די „בריוו" האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף אַברהם „רעזשטשיק", וועל־כער איז אין די קרייזלעך גייסטיק אויסגעוואַקסן. אין זיין קעגנערשאַפט צו דער נייער טאַקטיק, וואָס די אינטעליגענטן האָבן פאָרגעשלאָגן, האָט ער זיך געשטיצט אויף די „היסטאָרישע בריוו" און זיי אַלעמאָל ציטירט.

דער איבערגאַנג צו דער נייער טאַקטיק האָט בלי־ספק געשאַפן אַ קריזיס אין אונדזער באַוועגונג, אַ קריזיס, וואָס האָט געמוזט איבערלאָזן קרענקלעכע קאָנסעקווענצן. אַברהם איז נישט געווען דער איינציקער צווישן די אַרבעטער ביי וועלכע די נייע טאַקטיק האָט נישט געפונען קיין חן. אָבער ער איז געווען מער אַנטוויקלט ווי די אַנדערע. דערצו האָט ער פאַרמאָגט די אַמביציע צו זיין אַ פירער.

מען קען נישט זאָגן, אַז ער האָט געשאַפן די אָפּאָזיציע. עס איז אָבער אמת, אַז ער איז געוואָרן איר אָנפירער און איר וואָרטזאָגער. ער איז געווען פעיִק און אויך געוואָגט אַרויסצוטרעטן קעגן די אינטעליגענטן, וואָס זענען געווען די אָנערקענטע אויטאָריטעטן צווישן אונדזערע אַרבעטער פון די קרייזלעך.

געוויס האָט זיך עפּעס „געפּלאָנטערט" אין אַברהמס קאָפּ. אָבער אין דעם וואָס ער האָט געפּריידיקט איז געווען אַ סתירה צווישן דעם מאַרקסיזם ווי אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישע טעאָריע און אַ פילאָזאָפיש־געשיכטלעכע סיסטעם. ער האָט אָנגענומען די טעאָריע און אָפּגעוואָרפן די סיסטעם. די טעאָריע פון מערוועדט האָט ער באַטראַכט פאַר דעם יסוד פון אמתן קאַמף קעגן דער אָרגאַניזירטער עקספּלואַטאַציע פון אַרבעט. אָבער אין דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם האָט ער געזען אַ פאַרלייקענונג פון דער ראָלע און פליכט פון דער „קריטיש־דענקענדיקער פּערזאָן", דאָס הייסט, אַן אָפּזאָג פון די אינטעליגענטן און פון אַזעלכע אויפגעקלערטע אַרבעטער ווי ער אַליין, צו באַצאָלן זייער חוב צו די האָרעפּאַשנע מאַסן.

זיין אָפּאָזיציע האָט זיך געשטיצט אויף זיין אייגענער דערפאַרונג. ער האָט באַקומען זיין דערציִונג אין די „קרייזלעך", ווו ער איז געוואָרן אַ „מענטש". דאָרט האָט ער אַ סך געלערנט, באַהאַפטן זיך מיט דער אייראָפּעיִשער קולטור, דיסקוסירט וועגן געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען, מיט איין וואָרט, געוואָרן אַ „קריטיש־דענקענדיקע פּערזאָן", געוואָרן אַ באַוווּסטזיניקער פּראָלעטאַריער. זיין אויספיר איז געווען, אַז כדי צו ווערן אַ באַוווּסטזיניקער, אַ קעמפער פאַר אונדזער אידעאַל, דאַרף יעדער אַרבעטער דורכמאַכן די זעלבע עוואָלוציע, דורכגיין די זעלביקע שול ווי ער, אַברהם דער „רעזטשיק". אויב די רעוואָלוציע קען און וועט זיגן נאָר ווי אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע, דאַרף זי אָנגעפירט ווערן דורך באַוווּסטזיניקע אַרבעטער, וואָס זענען נישט נאָר אָנטיילנעמער אין קלאַסן־קאַמף, נאָר גייסטיק אויפגעקלערט, קולטורעל־אַנטוויקלטע און אינטעליגענטע פּראָלעטאַריער.

„רעזטשיק" האָט געשטעלט די פראַגע: וואָס באַוועגט די אינטעליגענטן, אמת, דערווייל נאָר אַ קליינע צאָל פון זיי, אַנצושליסן זיך אין קאַמף פאַר דער אַרבעטער־זאַך, ריזיקירן מיט זייער קאַריערע, פרייהייט, צאָלן פאַר זייער אָנטייל אין דער באַוועגונג מיט טורמע און פאַרשיקונג? לויט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע האָבן זיי דאָך געדאַרפט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, וועמענס קינדער זיי זענען. זיין ענטפער איז געווען, אַז די אינטעליגענטן זענען געוואָרן „קריטיש־דענקענדיקע פּערזאָנען". זייער באַוווּסטזיין האָט אַנטוויקלט ביי זיי באַגריפן און געפילן, וואָס האָט זיי דערהויבן איבער זייער אייגענער סאָציאַ־

לער סביבה. זיי זענען געוואָרן אידעאַליסטן, וואָס איז אין ווידערשפּרוך מיט זייערע מאַטעריעל־עקאָנאָמישע אינטערעסן. ער האָט אָנערקענט די ראָל פון די אינטעליגענטן, אָבער קאַטעגאָריש אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, אַז די אַרבעטער דאַרפן איבערלאָזן פאַר דער אינטעליגענץ די פירערשאַפט פון דער באַוועגונג. אַרבעטער דאַרפן אַליין איבערנעמען די אָנפירונג מיט דער באַוועגונג, אויסטיילן פון זיך אַליין וועגווייזער און פירער. אָבער ווי קען מען ווערן פירער און וועגווייזער, אָן בילדונג, אָן וויסן? אַבראַהמס ענטפער איז געווען — קרייזלעך, וואָס וועלן אַנטוויקלען אַרבעטער, געבן זיי בילדונג און וויסן!

מיר איז אויסגעקומען אַ סך מאָל צו ריידן מיט אַבראַהמען. טראָץ זיין סכסוך מיט אונדזערע אינטעליגענטן־פירער, האָט ער זיי געוואָלט געווינען, ווייל ער האָט זיך געגייטיקט אין מענטשן אָנצופירן מיט די קרייזלעך, וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען אַליין צו גרינדן. ער האָט מיר געגעבן צו לייענען זיינע „בריוו צו אַרבעטער" און „בריוו צו אינטעליגענטן". זיי זענען געווען זיין ענטפער אויף אַלעקסאַנדערס „בריוו צו אַגיטאַטאָרן", ווו עס איז באַגרינדעט און פאַרטיידיקט געוואָרן די „נייע טאַקטיק" פון מאַסן־אַגיטאַציע. איך האָב בייגעוווינט אייניקע פון אַבראַהמס פאַרזאַמלונגען. כ'מוז צוגעבן, אַז אויף פאַרזאַמלונגען פלעגט ער אָפט אַרויסטרעטן דעמאַגאָגיש.

די אינטעליגענטן ווילן, פלעגט ער זאָגן, אַז מיר זאָלן זיך לאָזן פירן ווי אַ טשערעדע שעפּסן. זיי ווילן אויף שטענדיק איינהאַלטן אין זייערע הענט די פירערשאַפט פון דער באַוועגונג. אָבער וואָס באַרעכטיקט זיי צו פירערשאַפט? דער ענטפער איז: זייער וויסן, זייער בילדונג, וואָס זיי האָבן אַדאַנק אונדזער פראַצע. אָן די אַרבעטער, וואָס האָרעווען, וואָלטן זיי נישט געקענט זיך לערנען און אוניווערסיטעט און ווערן אינטעליגענטן. דערביי פלעגט ער זיך פאַררופן אויף דער אויטאָריטעט פון לאַווראָוון, דעם גייסטיקן און אינטעלעקטועלן באַגרינדער פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

אַברהם האָט געטענהט, אַז די מאָראַלישע פליכט פון אינטעליגענטן איז צו טיילן זיך מיט זייער וויסן, איז צוגרייטן די אַרבעטער, אַז אויך זיי זאָלן ווערן פירער און נישט בלויז נאָכשלעפּער... די אינטעליגענטן זענען אונדז שולדיק אַ חוב, וואָס מיר דאַרפן פאָדערן, אַז זיי זאָלן באַצאָלן.

אין די דיסקוסיעס מיט אַברהמען און זיינע נאָכפאָלגער האָבן די אינטעליגענטן, איבערהויפּט אַרקאַדי קרעמער, נישט געלייקנט זייער מאָראַלישן חוב. אין קעגנטייל, זיי דערפילן אים היינט, פונקט ווי זיי האָבן דערפילט זייער פליכט אין

דער פּאַרגאַנגענהייט. זייער איינציקע שטרעבונג איז צו אַנטוויקלען דעם קלאַסן־באַוווסטזיין ביי אַ וואָס גרעסערע צאָל אַרבעטער. אַזאַ מאַסן־אַגיטאַציע האָט אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג און איז וויכטיקער אידער אויסבילדן אין די קרייזלעך איינצלנע, גייסטיק־אַנטוויקלטע אַרבעטער, אַן אַרבעט וואָס דויערט שוין היפּשע עטלעכע יאָר. פאַר דעם דערפאָלג פון דער באַוועגונג איז נייטיק אַרויפצופירן זי אויף אַ ברייטערן וועג. אָבער דאָס אַלץ האָט אברהם נישט פאַרשטאַנען אָדער נישט געוואָלט פאַרשטיין. ער האָט כסדר דעמאַגאָגיש געטענהט:

— די אינטעליגענטן מאַכן אונדז צו קליין־געלט. זיי ווילן, אַז מיר זאָלן קעמפן פאַר גראָשנדיקע הוספות. די גראָשנס וועלן אָבער אונדז נישט מאַכן מער באַוווסטזיניק, וועלן נישט באַרייכערן אונדזער וויסן און אַנטוויקלונג... אַליין שטאָלצירן זיי מיט אידעאַליזם, אָבער וואָס שייך אונדז, ווילן זיי, מיר זאָלן זיך צופרידנשטעלן מיט קליינלעכע מאַטעריעלע אויסבעסערונגען...

פון אַברהם „רעזשטשיקס" רייד איז געווען געדרונגען, אַז די איינציקע כוונה פון די אינטעליגענטן איז אַריינצונאַרן די אַרבעטער אין אַן „אומגינסטיקן פאַר זיי מסחר". זיי ווילן האַלטן די אַרבעטער אין „שקלאַפעריי און אומוויסנהייט", כדי אַליין בלייבן די פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיט אַזאַ דעמאַגאָגיע איז געלונגען אַברהם „רעזשטשיקן" געווינען אויף זיין זייט אַרבעטער. אַ סך פון „אונדזערע" האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט אים, ווייל, באַהערשט פון אַ דורשט נאָך בילדונג, נאָך „אַנטוויקלונג", האָבן זיי מורא געהאַט, אַז אין דער באַוועגונג וועט בילדונג אָדער אַנטוויקלונג נישט פאַרנעמען מער אַזאַ וויכטיקן אָרט ווי פריִער. אַזאַ מורא האָט דעצידירט וועגן דעם דערפאָלג פון דער אָפּאָזיציע. אַרבעטער זענען אַריבער אויף דער זייט פון דער אָפּאָזיציע אַדאַנק אַברהמס אַפּעלירן צו זייער דראַנג נאָך בילדונג.

דער צייטווייליקער דערפאָלג פון דער אָפּאָזיציע האָט עדות געזאָגט, אַז אונדזערע אַרבעטער פאָדערן בילדונג און אַנטוויקלונג. האָט עדות געזאָגט וועגן זייער אידעאַליזם. דער אויסדרוק „קליין־גראָשנדיקער", וואָס איז דעמאָלט געוואָרן זייער פּאָפּולער און דער עקל מיט וועלכן עס האָבן דעם אויסדרוק באַנוצט מענטשן, וואָס האָבן פאַרדינט גראָשנס, געלעבט אין דחקות, און געווען געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון דאָס נייטיקסטע, איז געווען אַ סימן פון דער אידעאַליסטישער מדרגה פון די, וואָס זענען אַדורך די שול פון אונדזערע קרייזלעך.

די אָפּאָזיציע האָט זיכער באַטייט אַ קריזיס פון דער באַוועגונג, אָבער נישט קיין נוצלאָזער קריזיס. דער שטרייט האָט דערמעגלעכט בעסער זיך פאַנאַנ־

דערצוקלייבן אין געזעלשאַפטלעכע חלוקי־דעות, געהאָלפן גרינטלעכער צו פאַר־שטיין די היסטאָרישע באַדייטונג פון קלאַסן־קאַמף, פון דער פרייהייט־באַוועגונג בכלל, און וועלכער מיר זענען געוואָרן מיטבאַטייליקטע.

דער קריזיס איז ספּעציעל כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג פון יענער צייט. דער באָדן איז צוגעגרייט געוואָרן דורך הונדערטער יאָרן פון ייִדישער געשיכטע, דורך דער ספּעציפישער ייִדישער „גייסטיקייט". אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער באַוועגונג האָט דער דאָזיקער באָדן אונדז געשפּייזט. נישט ביי די ליטווישע, נישט ביי די פּוילישע און נישט ביי די רוסישע אַרבעטער, וואָלט אַזאַ אָפּאָזיציע לשם בילדונג און וויסן מעגלעך געווען.

**

דער גרויסער דערפאָלג האָט אַברהמען נישט געמאַכט פאַר אַ בעל־גאווה. אין קעגנטייל, ער האָט זיך געהאַלטן זייער איינפאַך. ער איז געווען צוגענגלעך צו מענטשן און געהאַנדלט קעגן אַלע כללים פון קאָנספּיראַציע. קעמפנדיק קעגן דער אינטעליגענץ בכלל, ספּעציעל קעגן אייניקע פון אונדזערע אינטעליגענטן, האָט ער זיך אָבער באַצויגן מיט גרויס אַכטונג און כמעט ווי פאַרגעטערט אַלעק־סאַנדערן (קרעמער). ער האָט ווי פאַראויסגעפּילט דעם צייטווייליקן כאַראַקטער פון זיין דערפאָלג. ער האָט געגומען זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער אונטער זיינע פליגלען, פונקט ווי ער האָט געוואָלט זיי באַשיצן קעגן דער אָנקומענדיקער געפאַר...

אַברהם האָט נישט פאַרמאָגט קיין כוח־הדיבור. ער איז נישט געווען קיין רעדנער. איך צווייפל צי ער וואָלט געקענט באַאיינפלוסן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. אָבער ער איז געווען גוט פאַר קליינע צוזאַמענקונפטן מיט דיסקוסיעס. ער איז געווען דערפינדעריש אין אַ פּאָלעמיק, פאַרשטאַנען ווי צו באַזיגן אַ קעגנער.

ער האָט געהאַט עפּעס פון אַ סעקטאַנט, עקשנות פון אַ פאַנאַטיק, וואָס זאַמלט אַרום זיך נאָכפאָלגער, וועלכע וואַרפן זיך בלינד אונטער זיין ווילן. ווען די אָפּאָזיציע איז שוין געווען צעשמעטערט, זענען נאָך אַלץ פאַרבליבן מיט אים איבערגעגעבענע חסידים, צווישן זיי אייניקע אַרבעטאָרינס, וואָס האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ צדיק, וועלכער איז זיך מקריב פאַר אַ גערעכטער זאַך.

אַברהם האָט פאַרכאַפּט יענעם טייל פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך געפונען ביי זיינע אָנהענגער בעת עס איז פאַרגעקומען די שפּאַל־טונג. ער האָט פאַרכאַפּט אויך אַ צאָל לעגאַלע ביכער. ער איז געווען באַשעפטיקט מיט די אָפּאָזיציע־ענינים טאָג און נאַכט. אים איז נישט פאַרבליבן צייט צו אַרבעטן און זיינע פאַרדינסטן זענען נאָך מער איינגעדאַרט געוואָרן. ער האָט

געפירט אַן אמתן הונגער־לעבן, און באַנוגנט זיך מיט טרוקן ברויט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט צעשיידט מיט זיינע ביכער און האָט זיי גרינטלעך שטודירט.

אַברהם „רעזשיק" (גאַרדאָן) און זיין „אַדיוטאַנט" גרישאַ ביילין, זענען אַרעסטירט געוואָרן אין יאַנואַר, 1893, ווען די „נייע טאַקטיק" האָט שוין פול־שטענדיק טריומפירט, ווען די אָפּאָזיציע איז צוזאַמענגעבראָכן. די רעוויזיע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין זיין קוואַרטיר, האָט געדויערט עטלעכע שעה. אַ סך אַרבעטער, וואָס האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער רעוויזיע, האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים הויז, ווו אַברהם האָט געוווינט. ווען מען האָט די אַרעסטירטע אַרויסגעפירט אין גאַס, האָט דער עולם, וואָס איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון יידישע אַרבע־טער, הייס פּראָטעסטירט און געדראָט די פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרמען. דאָס איז געווען פון די ערשטע, פון די אַרבעטער אַליין אימפּראָוויזירטע, גאַסן־מאַניפעסטאַ־ציעס פון פּראָטעסט קעגן דעם ווילקיר פון דער רעגירונג. אין איינעם פון די אָפיציעלע רעגירונגס־דאָקומענטן ווערט געזאָגט, אַז אין דער מאַניפעסטאַציע האָבן אָנטיילגענומען „צוויי טויזנט מענטשן". מען קען זיך פאָרשטעלן אַברהמס פאַרוווּנדערונג, ווען אין גאַס, בעת ער האָט זיך געפונען אונטער דער וואַך פון פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, האָט ער דערזען אַזאַ ריזיקע מחנה מאַניפעסטאַנטן, וועלכע זענען נישט געווען און נישט געקענט זיין חברים פון זיינע „קרייזלעך". דאָס זענען געווען אַרבעטער, וואָס זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועג־גונג דורך דער „נייער טאַקטיק", קעגן וועלכער אַברהם האָט רעוואָלטירט. די מאַניפעסטאַציע אַליין איז געווען אַ רעזולטאַט און אַ גלענצנדיקע באַשטעטיקונג פון דער ריכטיקייט פון דער נייער טאַקטיק פון מאַסן־אַגיטאַציע, וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער געפירט צו אַ נאָך מער באַדייטונגספולער און געוואַג־טער מאַניפעסטאַציע: אין אַ ווילנער פאַרשטאָט האָט אַ מחנה אַרבעטער אָנגעפאַלן אויף דער פּאָליציי, באַפרייט דריי פּאָליטישע אַרעסטירטע און געצוווּנגען דעם פּריסטאַוו מיט די אוראַדניקעס צו אַנטלויפן. אַברהם „רעזשיק" האָט געוויס געוווּסט אויך וועגן דער מאַניפעסטאַציע.

פונדעסטוועגן האָט אַברהם קיינמאָל נישט אָנערקענט די ריכטיקייט פון דער נייער טאַקטיק פון „מאַסן־אַגיטאַציע". ער איז פאַרבליבן אַן אָנהענגער פון קרייזלעך, געבליבן טריי דער טעאָריע פון די „קריטיש־דענקנדיקע פּערזענלעכ־קייטן". זיין ברודער, אַ דאָקטאָר, וואָס האָט אַ סך יאָרן געוווינט און שטודירט אין פּאַריז, האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז פאַרבליבן אַן „אָפּאָזיציאָנער" ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

לעאָן גאָלדמאַן

אין דער שולע ווו ער האָט געלערנט, פּונקט ווי אין הויז פון זיינע עלטערן, האָט מען אים גערופן „ליאָווקאַ". אַזוי האָבן אויך מיר אים גערופן במשך פון די ערשטע יאָרן פון זיין אָנטייל אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָך איידער דער גרינדונג פון „בונד".

ער האָט געשטאַמט פון אַ מערקווירדיקער משפחה, ווו אַלע, אַ חוץ די עלטערן זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין די אַנאַלן פון דער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. עס וואָלט געווען אַן עוולה נישט צו דערמאָנען דעם פאַר־דינסט פון די עלטערן, וואָס האָבן דערצויגן אַזעלכע קינדער. די אויסערגעוויינ־לעכע אַטמאָספערע אין דער שטוב פון זיינע עלטערן, האָט פיל בייגעטראָגן, אַז אַלע פינף קינדער זאָלן יונגערהייט צושטיין צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נישט געקוקט אויף די גרויסע פערזענלעכע געפאַרן.

די משפחה האָט געהערט צו די, וואָס זענען דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן פאַר פאָרטגעשריטענע, „אינטעליגענטן". צווישן די עלטערן און די קינדער זענען נישט פאָרגעקומען קיין מחלקות. מען האָט נישט געצוווּנגען די קינדער אָפּצוהיטן רעליגיעזע מנהגים, אָדער בלינדערהייט צו פאָלגן דעם ווילן פון די עלטערן. ביי די קינדער האָט מען געוועקט דעם חשק צו בילדונג און וויסן. די עלטערן האָבן געזאָרגט פאַר דער אינטעלעקטועלער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פון די קינדער. אין אַזעלכע משפחות האָט געהערשט אַ פרייהייטס־קלימאַט, וואָס האָט געהאָלפן די עלטערן צו דערציִען די קינדער פאַר אינטעליגענטע מענטשן. מען האָט אין זיי געפלאַנצט די געוווינהייט צו לייענען ביכער. די קינדער איז געווען דערלויבט איינצולאַדן צו זיך חברים און חברטעס, בתנאַי אַז מען זאָל זיך פאַרהאַלטן אָנ־שטענדיק. קינדער אין אַזעלכע משפחות האָבן רעספּעקטירט טאַטע־מאַמע, און די עלטערן פלעגן זיך רעכענען מיט די געפילן פון זייערע קינדער.

ל. בערנשטיין

דער עלטסטער פון די פינף קינדער איז געווען באַריס. ער האָט געענדיקט די ווילנער גימנאַזיע, אַנגענומען געוואָרן אין פעטערבורגער אוניווערסיטעט, און איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע טוער אין „סאָיוז באַרבי זאַ אָסוואָבאָזש־דעניע ראַבאָטשעוואָ קלאַסאַ" (פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון אַרבע־טער קלאַס). אַ געוויסע צייט איז ער אַפילו געשטאַנען בראש פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. אייניקע מאָל איז ער געווען אַרעסטירט און געוואָרן פאַרשיקט. ערשט נאָכן אַנטלויפן פון דער פאַרשיקונג האָט ער זיך דערפילט „אויף דער פריי". ער האָט זיך אָלס דעלעגאַט באַטייליקט אין עטלעכע צוזאַמענפאָרן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, אויך אין פינפטן, א"ג לאָנדאָנער צוזאַמענ־פאָר. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די באָלשעוויסטישע פראַקציע (אין יאָר 1903) איז ער צוגעשטאַנען צו די מענשעוויקעס. ער האָט געשריבן פאַר לעגאַלע און אומלעגאַלע אויסגאַבעס. דאָס איז ער געווען דער באַרימטער „איגאָר" „גאָריעוו", וועלכער האָט פאַרנומען אַזאַ בכבודיקן אָרט אין דער געשיכטע פון דער רוסלענ־דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, זינט זי איז געבוירן געוואָרן.

דער ייִנגערער זון, מישאַ, האָט פריִיוויליק פאַרלאָזט די גימנאַזיע, כדי זיך אינגאַנצן אָפּגעבן דער אַרבעט פאַר דער באַוועגונג. אַ גלענצנדיקער רעדנער, איז ער שפּעטער געוואָרן איינער פון די פירער פון „בונד". מיכאל גאָלדמאַן איז געווען באַרימט אונטער דעם נאָמען מאַרק ליבער.

צוויי טעכטער, אָלגאַ און יוליאַ, האָבן פאַרענדיקט די ווילנער גימנאַזיע. נאָך גאָר יונגע מיידלעך האָבן זיי שוין געפירט סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן ליטווישע, פוילישע, ייִדישע און רוסישע אַרבעטער. אויך זיי האָבן נישט באַוויזן זיך אויסצוהיטן פון אַרעסטן, און פאַרזוכט דעם טעם פון טורמעס און יאָרן אונטער פּאָליציי אויפזיכט... יוליאַ גאָלדמאַן איז אין איר געבורט־שטאָט ווילנע געוואָרן אַן איבערגעגעבענע בונדיסטקע, און זיך פאַרנומען מיט פּראָפּאַ־גאַנדע צווישן ייִדישע אַרבעטער. אין 1904 איז זי אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און איז אין דער שווייץ געשטאָרבן פון טובערקולאָז.

„ליאָלקאַ", דאָס הייסט, לעאָן גאָלדמאַן, איז לויטן עלטער געווען דער מיטלסטער צווישן די דריי ברידער. האָדעווענדיק זיך אין אַזאַ משפחה, האָט ער אין זיינע קינדער־יאָרן שוין געהערט וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועגן דער אומלעגאַלער טעטיקייט און וועגן די געפאַרן מיט וועלכע אַזאַ אַרבעט איז פאַרבונדן. שפּעטער, ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די געשפּרעכן און דיסקוסיעס, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין זיין

אָנוועזנהייט. זיי האָבן געהאַט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג. ער איז געווען דער איינציקער צווישן זיינע פינף ברידער און שוועסטער, וואָס זייער פּרי, נאָך כמעט אַ קינד, אמת וואָס האָט פיל געלייענט, דערפילט אַ נייגונג צו ווערן אַן אַרבעטער. גראָד איז אין יענער צייט אין ווילנע געעפנט געוואָרן אַ יידישע פאַך־שול (רעמעסליענאַיע אוטשילישטשע), צוזאַמען מיט זיין נאָענטסטן חבר, מיכל פראַנקפורטער, וואָס האָט אויך געשטאַמט פון אַן אינטעליגענטער משפחה, זענען זיי ביידע אַריינגעטראָטן אין דער אָפּטיילונג פאַר שלאָסעריי פון יענער שול. עס איז אויסער צוויפל, אַז די השפעה פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע, וועמענס טרעגער איז געווען דער אַרבעטער־קלאַס, האָט אין אַ גרויסער מאָס זיי באַאיינפלוסט צו מאַכן אַזאַ אומגעוויינלעכן שריט. פסיכאָלאָגיש איז זייער האַנדלונג, אַגב זענען זיי געווען נישט די איינציקע, געווען אין אָנקלאַנג מיט דער באַרימטער באַוועגונג צווישן רוסישע אינטעליגענטן „גיין צום פאָלק" (כאָזשדעניע וו נאַראָד), אַן אייגנאַרטיקער פּעריאָד פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, באַקאַנט א"נ „נאַראָדניטשעסטוואָ".

פאַרבייגייענדיק וויל איך דאָ דערמאָנען אַן אַנדער שילער פון דער ווילנער פאַך־שול, נחום ליפשיץ. ער איז געווען אַ קיילעכדיקער יתום און זיין דערציִונג האָט ער געקראָגן אין אַ תלמוד־תורה, ווו ער האָט געלעבט אונטער די ערגסטע באַדינגונגען... ער איז געווען גליקלעך ווען די פאַרוואַלטונג פון תלמוד־תורה האָט אים אַריינגעגעבן אין דער פאַך־שול.

דאָרט, אין דער דאָזיקער שול, האָט זיך אָנגעהייבן די באַקאַנטשאַפט פון גאָלדמאַן און פראַנקפורטער מיט נחום ליפשיץ, וואָס איז גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פריינטשאַפט. נחום ליפשיץ האָט זיך אָנגעשטעקט מיט זייערע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע אידעען. זיי האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אַלע דריי, זענען זיי געווען דער דריילינג (טראָיקאָ) גלענצנדיקע תלמידים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע פעיִקייטן. זיי האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט די מלאכה, ווי אויך די אַלגעמיינע קעגנשטאַנדן, וואָס מען האָט געלערנט אין דער שול. די זעלבסטבילדונג, מיט וועלכער זיי האָבן זיך ענערגיש אָפּגעגעבן אין זייער פרייער צייט, האָט זיי אַ סך געהאָלפן צו פאַרנעמען די ערשטע ערטער אין זייער קלאַס.

ביכער פאַר זעלבסטבילדונג האָבן גאָלדמאַן און פראַנקפורטער געהאַט לרוב אין זייערע היימען. גאָר גיך איז דער דריילינג אַריינגעטראָטן אין אונדזערע „קרייזלעך", און אין אַ קורצער צייט שפּעטער אין אונדזער וויכטיקסטן קרייז,

וואָס איז געווען אונטער דער לייטונג פון דעם באַגאַבטן מאַרטאָוו (צעדערבוים), וועלכער האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער פירערשאַפט פון דער רוס־לענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די דריי יונגע בחורים האָבן אויף זיך געצויגן מאַרטאָווס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט גענומען מיט זיי קנעלן סאָ־ציאַליזם אַלס צוגאָב צו יענע קענטשטאַנדן, וואָס זיי האָבן געלערנט אין די קריזלעך. אָט דער, אַזוי צו זאָגן מאַרטאָווסקער באַגאַזש, האָט אַ סך בייגעטראָגן צו דעם ,אַז נאָכן פּאַרענדיקן די פּאַך־שול, האָבן זיי אַלע דריי זיך אויסגעצייכנט אין אונדזער באַוועגונג.

פיזיש איז „ליאַלקאַ״ געווען אַן עכטער ריז, הגם נידעריקער פון מיטעלן וווּקס. געגאַנגען איז ער מיט שווערע טריט, וואָס האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, אַז ער טוט דאָס אַמישנע, כדי צו מאַכן אַנדערע פילן, אַז ער איז אַן אַרבעטער פון ווערקשטאַט. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ מיט שוואַרצע, געקרייזלטע האָר, אַ בלאַסן פּנים און אויגן, וואָס האָבן געבליצט מיט פונקען, ענלעך אַ ביסל צו אַ ציגיינער. זיין פּנים האָט אָבער אויסגעדריקט חכמה, און עס האָט פון אים געאָטעמט מיט ענערגיע און ריטערלעכקייט.

אין מיין זכרון איז געבליבן איינגעקריצט אַ באַגעגעניש, איינע פון אַ סך, וואָס איך האָב געהאַט מיט אים. אַ געהיימע 1טע מאַי־פייערונג אין 1895 אָדער 1896. צוליב קאָנספּיראַציע איז די פייערונג פאַרגעקומען גלייכצייטיק אין פאַר־שיידענע ערטער. די פאַרזאַמלונג וואָס איז האָב אין זיבעך, איז געווען באַזוכט פון אַ גרויסן עולם, ווייל אין איר האָבן אָנטיילגענומען כמעט אַלע אינטעליגענטן־פירער, מיט אַלעקסאַנדערן (א. קרעמער) בראש. פון אַנדערע האָט מען אַהין צוגעלאָזן אויסשליסלעך אַזעלכע אָנטיילנעמער, צו וועמען די פירער האָבן געהאַט אַבסאָלוטן צוטרוי, געשטאַנען מיט זיי אין שטענדיקן קאָנטאַקט, און פון וועמען זיי האָבן פיל דערוואַרטעט פאַר דער באַוועגונג. צווישן די אָנטיילנעמער זענען געווען אויך האַלבע אינטעליגענטן און אַרבעטער.

די פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען אין אַ וואַלד, ווו מען האָט געפונען אַן אָרט, אַרומגערינגלט מיט געדיכטעביימער, כדי זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, אָבער פון וועלכן מען האָט געקענט זען, וואָס עס קומט פאַר אין דער נאָכבאַר־שאַפט. געקומען איז מען אין גרופּן פון צוויי אָדער דריי, אין דער באַגלייטונג פון אַ וועגווייזער. עס האָט געהערשט אַ באמת פייערלעכע שטימונג. אַלע האָבן געפילט, אַז זיי לעבן איבער אַן אויסערגעוויינלעכן מאָמענט. איך אַליין, נאָך זייער

יונג, האָב געפֿילט, אַז איך נעם אָנטייל אין אַ ריטואַל פֿון ווידמען זיך אַ געהיי־מער, וויכטיקער לעבנס־אויפגאַבע...

כּדי צו באַגרייפֿן אונדזערע דעמאָלסטדיקע געפֿילן, דאַרף מען קענען זיך אַריבערטראָגן אין יענער עפּאָכע, אין דער אַטמאָספער פֿון שטרענגסטער קאָנס־פּיראַציע, ווען באַטייליקונג אין דער באַוועגונג האָט באַטייט מיטמאַכן דעם אויסערגעוויינלעך־וווּנדערלעכן אויפשטייג אינעם לעבן פֿון די ייִדן. איינער וואָס האָט אַליין נישט דורכגעמאַכט יענע עפּאָכע קען נישט האָבן אַ ריכטיקן באַגריף וועגן אונדזער עמאָציע.

אונדזער יום־טובֿ, טאָקע בלויז אונדזער, וואָס איז געפֿייערט געוואָרן אַזוי קאָנספּיראַטיוו, האָט פֿאַרויסגעזאָגט דעם געבורט פֿון אַ נייער וועלט פֿון פֿרייהייט און ברידערלעכקייט.

אין מיין אייגענער פֿאַנטאַזיע האָב איך זיך דעמאָלט פֿאָרגעשטעלט, אַז מיר געפֿינען זיך שוין ביי דער טיר פֿון דער נייער וועלט, וועגן וועלכער מיר האָבן געטרוימט און צו וועלכער מיר האָבן געשטרעבט...

ווען די פֿאַרזאַמלונג איז געעפֿנט געוואָרן, האָבן מיר פֿאָרמירט אַן ענגן קרייז, אין צענטער פֿון וועלכן אַן אַרבעטער האָט פֿאַנאַנדערגעוויקלט די רויטע פֿאָן. אינטעליגענטן און אַרבעטער האָבן געהאַלטן רעדעס וועגן דער באַדייטונג פֿון ערשטן מאַי, וועגן פֿאַראייניקונג פֿון פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, וועגן דער וויכטיקייט פֿאַר די אַזוי מוראדיק־עקספּלואַטירטע ייִדישע אַרבעטער צו באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דעם קאַמף פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון סאָציאַליזם. אויב איך מאַך נישט קיין טעות האָט מען אויך געלייענט באַגריסונגען פֿון פּוילישן און ליטווישן פּראָלעטאַריאַט.

ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ יום־טובֿ, האָט מען געמאַכט אַ לחיים און צוגעביסן אַ בולקע מיט קאָלבאַסע.

נאָכן שליסן די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ לעבעדיקער שמועס. די פּראָגראַם איז געוואָרן אויסגעשעפּט און אַלץ וואָס איז פֿאַרבליבן צו טון, איז געווען פֿאַנאַנדערגיין זיך מיט דער זעלביקער פֿאַרזיכטיקייט ווי מען האָט זיך צוזאַמענגעקומען.

אומדערוואַרטעט איז אָבער אויפגעטראָטן נאָך אַ רעדנער, פֿון די יוגנטלעכע. ער איז געווען — לעאָן גאָלדמאַן. דער אופֿן און דער אינהאַלט פֿון זיין רעדע איז פֿאַר אונדז אַלעמען געווען אַן איבערראַשונג. מיר האָבן געזען באַשיימפּערליך, אַז ער האָט די רעדע נישט געהאַט צוגעגרייט, נישט איינגעחזרט. זיין אַרויסטריט

האָט געהאַט אַ שייכות צו די פּריִער געהאַלטענע רעדעס. ער האָט גערעדט פּליסיק, זיך נישט אָפּגעשטעלט צו זוכן אַ פּאַסיקן אויסדרוק, נישט אונטערגעבראָכן זיין געדאַנקען־גאַנג.

לויט דער פאָרמע און אינהאַלט איז זיין רעדע געווען אַ זייער גוטע. ער' האָט באַוויזן, אַז אַרבעטער טאָרן זיך אַליין נישט נאַרן, אַז פרייהייט איז נישט אַלמעכטיק. פרייהייט איז אַ נויטווענדיקייט און מען דאַרף פאַר איר קעמפן. פרייהייט דאַרף זיין איינע פון די לאָזונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער פרייהייט אַליין וועט נישט צעברעכן די קייטן פון עקאָנאָמישער און בירגערלעכער שקלאַפעריי, פון וועלכע די אַרבעטער ליידן. די קאָנסטיטוציע, וואָס מען וועט אויסקעמפן, וועט זיין אַן אויסדרוק פון די כוחות־פאַרהעלטענישן אין דער געזעל־שאַפט (לויט לאַסאַלס דעפיניציע). אַפילו ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיין דער אַוואַנגאַרד אין קאַמף פאַר פרייהייט, אָבער נישט זיין גענוג שטאַרק און גענוג קלאַסן־באַוווסטזיניק, קען פּאַסירן, אַז מען וועט אים נישט דערלויבן צו געניסן פון דער פרייהייט, פאַר וועלכער ער האָט געבראַכט אַזויפיל קרבנות. עס קען פּאַסירן, אַז דער אַרבעטער זאָל בלייבן געשמידט אין די קייטן פון בירגער־לעכער קנעכטשאַפט, וואָס וועט שטערן זיין קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעט, פאַרן סאָציאַליזם. אַרבעטער טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט פאַרבלייבן זיין שונא נומער איינס, ביז יענער צייט, ווען ער וועט דורך דעם פּראָלעטאַריאַט פאַרניכטעט ווערן.

איך פּרעטענדיר נישט איבערצוגעבן פּינקטלעך ליאָלקעס אויסדריקן. איך האָב אָבער ריכטיק איבערדערציילט דעם אינהאַלט פון זיין רעדע, וועמענס פּיילן זענען געווען געריכטעט קעגן קאַפּיטאַליזם, וואָס דריקט און עקספּלואַטירט דעם פּראָלעטאַריאַט. זיין רעדע האָט אויסגעדריקט די זאָרג פאַר דער צוקונפט, נאָכן זיג פון דער בירגערלעכער רעוואָלוציע.

איך בין זיך מודה, אַז אין פאַרגלייך מיט אונדזערע ענטוזיאַסטישע אויסרופן „זאָל לעבן די פרייהייט" האָט מיין חברס רעדע געקלונגען ווי ער זאָל שטעלן אונטער אַ פראַגעצייכן די פרייהייט גופא, וואָס איז געווען פאַר אונדז אַזוי צו־ציִענדיק, אַזוי רייצנדיק און אַזוי שטראַלנדיק.

די געדאַנקען וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך גאָלדמאַנען זענען נישט געווען ניי פאַר מיר. זיי זענען מיר געווען באַקאַנט פון לייענען לאַסאַלס רעדעס, מאַרקסן, און פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע פון רעוואָלוציעס אין מערב־אייראָפּע. פונדעסטוועגן האָט זיין רעדע אויף מיר געווירקט ווי מען

וואָלט מיך באַגאָסן מיט אַן עמער קאַלטן וואַסער. טאַקע דערפֿאַר איז מיר גוט פֿאַרבליבן אין זכרון אַלץ וואָס ליאָווקע האָט געזאָגט, טראָץ דעם וואָס צווישן די רעדנער איז געווען „אונדזער" אַלעקסאַנדער.

דער פֿאַקט, וואָס ער האָט געהאַלטן די רעדע אויף דער וויכטיקסטער מאַי־פֿאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די אָנגעזעענסטע טוער פֿון דער באַוועגונג, האָט באַדייטנדיק פֿאַרגרעסערט גאָלדמאַנס פּרעסטיזש צווישן „אונדזערע", ווי אויך דעם צוטרוי צו אים מצד די פֿירער, די אינטעליגענטן.

די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן פֿון לעאָן גאָלדמאַן, וואָס האָבן שפּעטער, אין 1903, אויף דעם קישינעווער פּראָצעס, אַרויסגערופֿן אַלגעמיינע באַוווּנדערונג, בעת ער איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין גלענצנדיקער, געוואַגטער און קרעפֿטיקער פֿאַרטיידיקונג־רעדע, וואָס איז גיכער געווען אַ באַשולדיקונג קעגן דעם צאַרישן רעזשים, האָבן זיך שוין אַנטפּלעקט אויף דער דערמאָנטער 1טער מאַי־פֿאַרזאַמלונג.

אַ צווייטן מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט אים אין פּאַריז, אין 1909. אָבער כדי צו דערגאַנצן די ביאָגראַפֿיע, וועל איך אין קורצן דערציילן, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט אין צווישן־צייט, הגם איך האָב די פּאַסירונגען אַליין נישט בייגעוווינט. ווען אונדזער ווילנער „מחנה" האָט זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד, כדי פֿירן די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע נישט נאָר אין די גרענעצן פֿון תחום־המושב (טשערטאַ אָסעדלאָסטי), נאָר אויך אויסער אים, איז לעאָן גאָלדמאַן אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין וואַרשע. באַלד איז קיין וואַרשע אַוועקגעפֿאָרן אויך די שניידערקע מערעלע גינזבורג, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן זיין ווייב.

אַזוי ווי ער האָט געקענט די פּוילישע שפּראַך, איז אים אָנגעקומען גרינגער זיך דאָרט צו אָריענטירן. זיין טעטיקייט איז אָבער געווען צווישן יידישע אַרבעטער. אין 1897, איז אים צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו זיין דעלעגאַט צום ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד". אויף אַזאַ אופֿן איז ער נישט נאָר געווען איינער פֿון די פּיאָנערן פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר אויך איינער פֿון די גרינדער פֿון דער רומפֿולער, גרויסער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „בונד". אין וואַרשע איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין שייכות מיט אַ פּראָצעס אין ווילנע, וווּהין די זשאַנדאַרמען האָבן אים טאַקע געבראַכט און פֿאַרשפּאַרט אין תפֿיסה. גראַד אין דער זעלביקער צייט האָט ער געדאַרפֿט זיך שטעלן צום „פּריזיוו", דאָס הייסט, ווערן אַ זעלנער, דערצו נאָך איז ער געווען אונטער פּאָליציי־אויפֿזיכט. הכלל, מען האָט אים אַוועקגעשיקט אונטער אַ מיליטערישער וואַך אין אַ דיסציפּלינאַרן באַטאַליאָן, אין ניזשני נאָווגאָראָד. ער האָט געדאַרפֿט דאָרט

אָפּזיצן די יאָרן פון זיין מיליטער־דינסט. די פּערספּעקטיוו איז געווען זייער אַ טרויעריקע, ערגער ווי זיצן אין טורמע אָדער פאַרשיקט צו ווערן. אין דיסציפּלי־נאַרן באַטאַליאָן האָט מען אַריינגעזעצט סאָלדאַטן, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו ליידן אונטער אַ קאַטאָרזשנעם רעזשים... גאָלדמאַן האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן. אויפן וועג קיין ניזשני נאָווגאָראָד, בעת די אויפמערקזאַמקייט פון זעלנער וואָס האָט אים געהיט, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן. עס איז אים געלונגען.

די נייס וועגן זיין אַנטלויפן האָט ביי אונדז אַלעמען אַרויסגערופן גרויס פריידן און באַוווּנדערונג. „ליאָלקע" האָט מיט אַזאַ טאַט אויסגעוואָקסן אין אונדזערע אויגן און זיך געשאַפן אַ רעפּוטאַציע פון אַ העלד.

פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם טאָג ווען ער איז אַנטלאָפן, האָט ער געלעבט אומלעגאַל.

אויף ווי ווייט איך קען זיך דערמאָנען, זענען דוד קאַץ (טאַראַס) און לעאָן גאָלדמאַן געווען די ערשטע, וואָס האָבן געלעבט אויף פאַלשע פּעסער, דאָס הייסט, אומלעגאַלע אין אונדזער באַוועגונג.

בעתן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז, אין 1900, אין וועלכן איך האָב זיך באַטייליקט אַלס מיטגליד פון דער בונדישער דעלעגאַ־ציע, מיט אַ מאַנדאַט פון בערשטער־בונד, בין איך אַרויס פון זאַל, ווו עס זענען פאַרגעקומען די זיצונגען, וואַרשיינלעך, ווייל אויף דער טריבונע איז געשטאַנען אַ דעלעגאַט, וואָס האָט גערעדט אַ מיר אומבאַקאַנטע שפּראַך. צו מיין איבער־ראַשונג האָב איך ביים אַריינגאַנג זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט לעאָן גאָלדמאַן.

— ליאָווקאַ!

— נו, יע...

— ווי אַזוי קומסטו דו אַהער?

— גאַנץ פּשוט, געקומען צופאָרן...

נישט געבנדיק מיר אַ געלעגנהייט אים ווייטער פאַנאַנדערצופרעגן, האָט ער זיך געווענדט צו מיר:

— הער נאָר, קאָנסטו אפשר מיך אַריינפירן צו די זיצונגען פון קאָנגרעס?

— זייטיקע מענטשן, אָבער נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט פּאַרטיי־לעגי־טימאַציעס, האָט מען אַריינגעלאָזט בלויז אויף דער גאַלעריי. איך וועל אָבער זיך ווענדן צו אונדזערע און זיי וועלן דיר העלפן. וואַרט דאָ צו. ער האָט אָבער געענטפערט:

— איך האָב אַ דעלעגאַטן־מאַנדאַט פון רוסלאַנד. איך האָב אָבער נישט באַוויזן צו קומען אין צייט צום קאָנגרעס, און זיך מעלדן צו דער רוסישער דעלעגאַציע. שוין עטלעכע שעה ווי איך שטיי ביי דער טיר און וואַרט, אפשר וועט אַרויסקומען אַ באַקאַנטער. איך קען זיך נישט צוזאַמענריידן מיט די וואָס היטן דעם אַריינגאַנג...

איך האָב דערפילט זיין ביטע. אונדזערע האָבן צוגעשטעלט צום ביוראָ פון קאָנגרעס זיין מאַנדאַט. מען האָט אים אַרויסגעגעבן אַ דעלעגאַטן־קאַרטע. איך געדענק נישט צי אויף זיין ריכטיקן נאָמען צי אויף זיין פאַלשן.

בעתן טומל איבער זיין מאַנדאַט בין איך ווידער אַרויס פון זאַל צו לעאָנען. פאַר מיר איז געשטאַנען דער זעלביקער „ליאָלקאָ״, אינגאַנצן זיך נישט געענ־דערט. אַ דיקלעכער, אַן איינגעקאָרטשעטער, מיט שוואַרצע ווי פעך, געקרייזלטע האָר, מיט טרויעריקע שוואַרצע אויגן, וועלכע איך האָב אַזוי גוט געקענט. הגם ער איז געווען געזוכט פון דער זשאַנדאַרמעריע און פון דער רוסישער מיליטע־רישער מאַכט, האָט ער זיך אויסערלעך לחלוטין נישט געענדערט; עפּעס נישט ווי די „אומלעגאַלע״. דערצו נאָך איז זיין פּנים און זיין גאַנצער אויסזען פאַר־בליבן אַזוי טיפּיש, אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז ווער עס האָט אים איין מאָל געזען וואָלט אים גרינג דערקענט.

מיר האָבן זיך צעשמועסט. ער האָט מיר דערציילט מיט מער איינצלהייטן וועגן זיין אַנטלויפן. אייגנטלעך, האָב איך שוין וועגן דעם געוווּסט. עס האָט אים פאַרדראָסן און געערגערט, וואָס אים איז געלונגען צו קומען נאָר צו די לעצטע סעסיעס פון קאָנגרעס. גערעדט וועגן דעם האָט ער אַזוי, פונקט ווי ער זאָל האָבן באַגאַנגען אַ פאַרברעכן לגבי זיין מאַנדאַט. ענדלעך, בעת ער איז אַריינגעקומען אין זאַל האָבן מיר אים פאַרגעשטעלט פאַר דער רוסישער דעלע־גאַציע. פון דער היים איז ער געווען באַקאַנט נאָר מיט די בונדישע דעלעגאַטן — אַלעקסאַנדער (קרעמער) קאָסאָווסקי, גליעב (מוטניק). אויפן קאָנגרעס האָט ער זיך באַקענט מיט פּלעכאַנאָוו, קריטשעווסקי און אַנדערע. זיין מאַנדאַט האָט ער געקראָגן פון ערגעץ אַ רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע אויפן יוג (דרום).

נאַטירלעך האָט ער זיך נישט אָוועקגעזעצט מיט אונדז, בונדיסטן. איך זאָג „נאַטירלעך״ ווייל זיין מאַנדאַט איז געווען נישט פון אונדז. אָבער עס איז פאַרט געווען אויסטערליש, אַז „ליאָלקאָ״ זאָל נישט זיין מיט אונדז, מיט זיינע פריינט

און חברים, מיט די פירער און לערער פון די יידישע אַרבעטער אין ווילנע און אין וואַרשע?!...

זיין אָרט אויפן קאָנגרעס איז געווען צווישן דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָק־ראַטישער דעלעגאַציע. איך געדענק אָבער נישט צי ער איז געווען פון פּלעכאַ־נאָווס אָדער קריטשעווסקיס גרופּע. צווישן דיביידע גרופּעס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף. אין דער געשיכטע פון דער רוסלענדער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג זענען די צוויי גרופּעס באַקאַנט ווי „גרופּאַ אָסוואָבאָזש־דעניאַ טרודאַ (גרופּע פון באַפרייונג פון אַרבעט) און די אָרגאַניזאַציע „ראַבאָ־טשעיע דעלאָ", אָדער ווי מען האָט איר שפּעטער אַ נאָמען געגעבן „גרופּע פון קאַמף קעגן עקאָנאָמיזם". אידעיש און אָרגאַניזאַציאָנעל איז דער „בונד" געשטאַנען נאָענטער צו דער גרופּע „ראַבאָטשעיע דעלאָ", ווו עס האָבן זיך גרופּירט דער עיקר יונגע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „פּראַקטיקער", וואָס זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג. דאַקעגן די „גרופּאַ אָסוואָבאָזשדעניאַ טרודאַ" האָט פאַרמאָגט אַזעלכע גדולים ווי פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, וועראַ זאַסוליטש, לעאָ דייטש און אַנדערע, דאָס הייסט, יענע, וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס זענען געווען אירע אָנערקענטע טעאָרעטיקער.

דאָ איז נישט דאָס אָרט זיך צו פאַרנעמען מיט די חלוקי־דעות פון די צוויי גרופּעס און זייערע קאַמף־מעטאָדן, הגם ביי מיר זענען פאַראַן וועגן דעם אַ היפּש ביסל פערזענלעכע דערינערונגען... איך פערזענלעך בין איבערצייגט, אַז זייער שטרייט האָט אין אַ גרויסער מאָס באַווירקט דעם גאַנג פון דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, פאַר און נאָך דעם נצחון פון דעם באָלשעוויזם אין 1917.

איך קער זיך אום צו לעאָן גאָלדמאַן. איך געדענק נישט גענוי, אָבער אויפן גרונט פון דעם, וואָס מיט אים האָט שפּעטער פּאַסירט, בין איך איבערצייגט, אַז ער איז אַריינגעטראָטן אין פּלעכאַנאָווס גרופּע, צו וועלכער עס האָבן דעמאָלט זיך אָנגעשלאָסן לענין, מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו און אַנדערע, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די באַרימטע „איסקראַ".

***

לעאָן גאָלדמאַן איז אַרעסטירט געוואָרן אויפן קישינעווער וואָקזאַל אין 1902, מיט אַ טשעמאָדאַן אָנגעפּילט מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור. ביי אים אין דירה

האָט די פּאָליציי געפונען די אומלעגאַלע דרוקעריי פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער אָרגאַניזאַציע „איסקראַ“. אין יענע יאָרן זענען פּאָליטישע פאַרברעכער באַשטראָפט געוואָרן נישט בלויז אַדמיניסטראַטיוו. אין ספּעציעל וויכטיקע פאַלן, ווי אין דעם פאַל גאָלדמאַן, פלעגט מען פאַרפירן פּאָליטישע פּראָצעסן. גאָלדמאַן, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט אויך זיין פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך צוויי יאָר זיצן אין תפיסה, געהאַלטן אַ גלענצנדיקע, שטאַרקע און מוטיקע רעדע, בעת וועלכער ער האָט דעמאַסקירט דעם רעזשים, איינע פון יענע רעדעס, וואָס די ריכטער איז דעמאָלסט אויסגעקומען צו הערן פון „פּאָליטישע פאַרברעכער“. נאָך דעם קישינעווער פּראָצעס איז גאָלדמאַן אָפּגעזעסן אין תפיסה איין יאָר, און איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. פון דאָרט איז ער אין 1905טן יאָר אַנטלאָפן.

ערב די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון יאָר 1905, ווי אויך שפּעטער, 1907 אין פּאַריז, האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט אים. אָבער די באַגעגענישן געהערן שוין נישט צו די זכרונות וועגן דעם אָנהייב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

איך האַלט אָבער פאַר נייטיק צו פאַרצייכענען, אַז לעאָן גאָלדמאַן, וועמען דער „בונד“ האָט דערצויגן, איז געווען איינער פון די באַרימטע טוער אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

די היסטאָרישע באַדייטונג פון „בונד“ איז געווען פיל גרעסער איידער זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט צווישן יידישע אַרבעטער. אין אָנפאַנג פון די ניינ־ציקער יאָרן האָט דער „בונד“ שטאַרק באַאיינפלוסט די אַלגעמיינע אַרבעטער־און סאָציאַליסטישע־באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער קודם־כל דורך דערציִען אַ פלעיאַדע רעוואָלוציאָנערע טוער, אַרבעטער, וואָס האָבן זיך שפּעטער אויסגעצייכנט אויך אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. לעאָן גאָלדמאַן איז געווען איינער פון זיי.

קאַפּלינסקי... פּראָוואָקאַטאָר

איך האָב אָנגעשריבן זיין נאָמען, און אַ ווייטיק געמישט מיט אומעט האָט מיך אַרומגענומען... דאָס געשטאַלט וואָס איז פאַרבליבן אין מיין זכרון וועגן דעם מענטש, האַרמאָניזירט נישט מיט דעם עקלהאַפטן, אָפּשטויסנדיקן און העס־לעכן וואָרט: „פּראָוואָקאַטאָר". ישראל־מיכל קאַפּלינסקי זאָל במשך פון יאָרן זיין אַ געהיימער אַגענט פון דער צאַרישער „אָכראַנע"! איך האָב בשום־אופן נישט געוואָלט גלויבן, אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך. קעגן אַזאַ באַשולדיקונג האָט פּראָטעס־טירט מיין שכל, מיין זכרון און סתם לאָגיק. עס איז אָבער אַ פאַקט. איך פרעג זיך אַליין — זאָל איך שרייבן וועגן אים? האָט מען דאָך וועגן אַזעלכע נישט נאָר געשריבן דערציילונגען, נאָר פאַרפאַסט ביכער, געשריבן פּיעסן, געמאַכט אויס־פאָרשונגען און געוויזן פילמען אין דער גאָרער וועלט. געוויס קען מען נישט פאַרגלייכן קאַפּלינסקין צו אַזעלכע. דער פאַל קאַפּלינסקי לאָזט זיך נישט דראַמאַ־טיזירן. דער מענטש האָט אָבער פאַרנומען ביי אונדז אַ פּאָזיציע, נישט נאָר אין דער צייט פון די ווילנער קרייזלעך, נאָר אויך שפּעטער, ווען די בונדישע באַוועגונג האָט זיך אַזוי מערקווירדיק פאַנאַנדערגעוואַקסן. מען קען אים נישט סתם אויסמעקן פון דער געשיכטע. ער איז דאָך געווען איינער פון די אָנטיילנעמער אין דעם ערשטן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד", איינער פון די דרייצן *).

איך דערמאָן זיך אַן עפּיזאָד פון קאָוונע. איך בין געווען פאַרנומען ביי זיך אין קוואַרטיר. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער קלאַפּ. איך עפן די טיר, און עס שטייט פאַר מיינע אויגן אונדזער הויכער און דאַרער ישראל־מיכל. איך קוק אים אָן מיט פאַרוווּנדערונג.

---

*) דרייצן דעלעגאַטן האָבן אָנטיילגענומען אין ערשטן צוזאַמענפאָר פון „בונד".

— האָסט מיך נישט דערוואַרט? שלום־עליכם, — זאָגט ער צו מיר און שטעקט אויס אַ האַנט.

זיין אומדערוואַרטעטער קומען האָט מיך טאַקע שטאַרק איבערראַשט. בפרט, אַז עס איז געווען דער ערשטער פאַל, ער זאָל קומען צו מיר אין קאָוונע.

— פון וואַנען נעמסטו זיך? ווען ביסטו אָנגעקומען?

— דירעקט פון ווילנע!

ער איז אַריין אין צימער און אים גוט באַטראַכט, פונקט ווי ער זאָל האָבן געקומען דינגען פאַר זיך. דער זעלבער גוטמוטיקער שמייכל אויף זיין פנים.

— יע, אַ גוטער צימער! וויפל קאָסט ער דיר?

איך האָב געוווסט וועגן זיין געוווינהייט צו טרייבן ליצנות און זיין אויפ־פירונג האָט מיך נישט איבערראַשט.

— נו, ווי גייט דיר דאָ? איך מעג זיך אַוועקזעצן? דער שטול וועט זיך נישט צעברעכן אונטער מיר?

— גענוג צו פּלוידערן! דערצייל בעסער נייס, וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער?

— און אויב איך בין געקומען גלאַט אַזוי, בין איך נישט קיין אָנגעלייגטער גאַסט ביי דיר? אַ פיינער חבר ביסטו.

— נו, זאָל זיין. איך וועל דיר זאָגן. איך בין געקומען דערציילן אַן אַנעקדאָט!

— ווי באַלד אַ גוטער, דערצייל.

— וואָס איז די איילעניש, קענסט נישט צווואַרטן? אַלץ אין צייט, ווי עס שטייט געשריבן ערגעץ אין תנ״ך.

איך פרעג אים וועגן ווילנע, וועגן חברים. אויף אַלע פראַגעס ענטפערט ער אָבער אין אַ שפּאַסיקן טאָן.

איך האָב גוט געקענט ישראל־מיכלען. איך האָב געוווסט, אַז ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון עטלעכע שטרייקן, אַז גאַנץ אָפט איז ער אַרומגעגאַנגען אַרבעטסלאָז. זיין פאַך איז געווען שלאָסעריי, האָב איך אָנגעהויבן טרעפן:

— ביסט אפשר געקומען אַהער זוכן אַרבעט?

— ניין, צוליב וואָס? ווייסט דען נישט, אַז איך האָב געביטן מיין פאַך? וואָס פאַר אַ מלאכה איז שלאָסעריי? איך בין געוואָרן אַ שריפט־זעצער.

מסתמא שפּאַסט ער, האָב איך געטראַכט און געשענקט ווייניק אויפמערק־זאַמקייט זיינע רייד. איך האָב אַפילו נישט פּרובירט צו טרעפן וואָס ער האָט געמיינט.

ישׂראל־מיכלען האָב איך גוט געקענט נאָך פון ווילנע. ער איז געווען איינער פון דער אַרבעטער־גרופּע מיט וועמען איך בין געווען זייער באַפריינדעט. אַזוי ווי ער איז געווען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, אָפט אַרבעטסלאָז, פלעגט ער קומען צו מיר און נישט זעלטן ביי מיר געשלאָפן. איך האָב ליב געהאַט זיין שאַרפזיניקייט, זיינע וויצן, די וווּנדערבאַרע רויִקייט מיט וועלכער ער האָט אַרײַ־בערגעטראָגן אַלע צרות. זיין פּלוצלינגדיקער קומען צו מיר האָט מיך שטאַרק דערפרייט.

מיר האָבן פאַררויכערט און איך האָב צוגעגרייט טיי. ישׂראל־מיכל האָט אויסגעטאָן דעם פּאַלטאָ, אַרויסגענומען פון אַ זייטיקער קעשענע אַ פּאַקעט און אים אַוועקגעלייגט אויף דער שטול, אויף וועלכער ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. איך בין נישט געווען נייגעריק צו וויסן וואָס אין דעם פּאַקעט געפינט זיך.

ישׂראל־מיכל האָט דערציילט וועגן געמיינזאַמע חברים, איבערגעגעבן נייס פון דער באַוועגונג און פּלוצלינג אַ זאָג געטון:

— איך האָב דיר געבראַכט אַ מתּנה. איך מאַך נישט קיין וויץ, איך האָב נישט ליב צו שפּאַסן.

— און דער אַנעקדאָט?

— אַ ביסל שפּעטער. איצט — וואָס טראַכסטו, וואָס פאַר אַ מתּנה האָב איך פאַר דיר? וואָס קען דיר פאַרשאַפן דעם גרעסטן פאַרגעניגן? טרעף.

איך האָב נישט פּרובירט צו טרעפן. איך האָב אים געפרעגט צו איז ער הונגעריק. אפשר זאָל איך גיין קויפן ברויט. ביי זיך אין צימער האָב איך נישט געהאַט וואָס צו עסן.

— נישט נייטיק, מיר וועלן זיך באַגיין מיט נאַסן טיי אַליין.

איך האָב אים עפּעס דערציילט, ער האָט זיך צוגעהערט, אָבער מיט אַמאָל טוט ער אַ זאָג:

— און וועגן דער מתּנה האָסטו פאַרגעסן? ווילסט נישט אַפילו טרעפן? נו, וועל איך דיר ווייזן. ער האָט אַרויסגענומען דעם פּאַקעט אויף וועלכן ער איז געזעסן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ צוזאַמענגעלייגטער צייטונג, און דערלאַנגט מיר מיט טריומף. אָט האָסטו...

— ליטעראַטור? — פרעג איך אים, נעמענדיק אין די הענט זיין מתּנה.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט — אַ מתּנהלע, — האָט ער לאַנגזאַם אַרויס־גערעדט, — האָסט דאָך אויגן, גיב אַ קוק!

איך האָב אַ קוק געגעבן. איך האָב געהאַלטן אין האַנט עטלעכע געדרוקטע אין ייִדיש פּאַרשמוצטע בלעטלעך. דער אויפשריפט אויף דעם ערשטן בלעטל איז געווען: „אַרבייטער שטימע" נומער 1. איך לייען נאָכאַמאָל, שוין אויפן קול: „אַרבייטער שטימע"...

— די מתנהלע געפעלט דיר?

— וואָס איז דאָס, פון וואַנען קומט דאָס? פאַרוואָס איז דער דרוק אַזוי שמוציק?

— פּאַרשטייסט נישט? קענסט נישט טרעפן? שוין איין מאָל אַ קאָפּ! דאָס איז דאָך אונדזער צייטונג, אונדזער „אַרבייטער־שטימע". פאַרשטייסט? אונדזערס. מיר אַליין האָבן די צייטונג געדרוקט. מיר אַליין, אין אונדזער דרוקערײַ, אין אונדזער...

דער שמייכל איז נאָך אַלץ געווען אויף זײַן פּנים. ער האָט אָבער שוין גערעדט ערנסט און מיט יעדן וואָרט אַלץ איבערצייגנדיקער.

— אונדזער צייטונג, — האָט ער איבערגעחזרט, און ביי דעם וואָרט „אונדזער" האָט ער זיך געקלאַפּט מיט די פינגער אין האַרץ.

— אונדזער!

ישראל־מיכל האָט מיר געבראַכט דעם ערשטן נומער „אַרבייטער־שטימע", דעם ערשטן נומער פון דער ערשטער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער צייטונג, וואָס איז געוואָרן געדרוקט אין ייִדיש, אין דער ערשטער אונטערערדישער דרוקערײַ אין רוסלאַנד!

— נו, די מתנה געפעלט דיר?

איך האָב באַטראַכט פון אַלע זייטן די „אַרבייטער־שטימע", אַ שמעק געטון און דערפילט דעם שאַרפן ריח פון פאַרב. איך האָב גענומען לייענען... ישראל־מיכל האָט לאַנג געשוויגן, כדי מיר נישט צו שטערן, געטרונקען טיי. ענדלעך, האָט ער אַ זאָג געטון:

— איצט וועל איך דערציילן מיין אַנעקדאָט, איך האָב דאָס צוגעזאָגט.

ער האָט מיר דערציילט, אַז צוזאַמען מיט נאָך איינִיקע אַרבעטער, צווישן זיי דער סטאָליער גרישאַ, וועמען איך האָב גוט געקענט, — האָבן זיי אָן דער באַטייליקונג פון אינטעליגענטן, אַפילו אָן זייער וויסן, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג; ווי אַזוי זיי האָבן דעם פּלאַן פאַרווירקלעכט, ווי מען האָט הויפּנוויז צוזאַמענגעקליבן דעם שריפט, ווי מען האָט געמאַכט דעם זאַץ־קאַסטן,

די גרויסע שוועריקייטן, און ווי מען האָט זיי אַלע בייגעקומען... מיט שטאָלץ האָט ער דערציילט ווי מען האָט מיט מי געדרוקט יעדן עקזעמפּליאַר באַזונדער...

בעתן דערציילן האָט ער כסדר אונטערגעשטראָכן, אַז די גרופּע אַרבעטער האָבן אַליין פֿאַרטראַכט און אַליין פֿאַרווירקליכט דעם פּלאַן, אָן אינטעליגענטן, פֿון וועלכע זיי האָבן דעם גאַנצן ענין געהאַלטן בסוד.

מיר האָבן זיך דערמאַנט וועגן אַ ניי־יאָר־אָוונט ביי מיר אין שטוב אין ווילנע. אין אָוונט האָבן זיך באַטייליקט אַרבעטער און אינטעליגענטן. מיר האָבן געזונגען, געטרונקען לחיים, און ס'איז געווען פֿריילעך. יענער אָוונט האָט זיך אונדז איינגעקריצט אין זכרון, ווייל דעמאָלט האָבן מיר געפֿייערט די דערשיינונג פֿון ערשטן נומער „דער אידישער אַרבייטער", וואָס איז געדרוקט און אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אויסלאַנד, לויט דער איניציאַטיוו און באַמיִונגען פֿון דעם ווילנער אינטעליגענטן־קרייז. פֿאַר די אַרבעטער איז געווען אַ סוד, אַז די אינטעליגענטן האָבן צוגעגרייט אַזאַ זשורנאַל. אויף יענעם ניי־יאָר־אָוונט האָבן מיר אַדורכגעפֿירט אַן ערנסטע דיסקוסיע וועגן דעם „אידישער אַרבייטער", וועלכן מען האָט אונדז פֿאַרטיילט. די אינטעליגענטן: — אַלעקסאַנדער (קרעמער), גליעב (מוטניק), וולאַדימיר (קאָסאָווסקי), טימאָפֿיי (קאָפּעלזאָן) און אַנדערע, האָבן געבעטן די אַרבעטער אַרויסצוזאָגן זיך וועגן אינהאַלט פֿון דעם ערשטן נומער, וועגן זיין פֿאָרמאַט און וועגן זיינע פֿעלערן. קיין קריטיק האָט טאַקע נישט געפֿעלט, אָבער אין אַלע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען האָט זיך געפֿילט אַ געפֿיל פֿון שטאָלץ און צופֿרידנקייט, וואָס מען האָט געשאַפֿן אַ יידישן אָרגאַן, אין וועלכן די שנעל־פֿאַנאַנדערוואַקסנדיקע זיך באַוועגונג האָט זיך אַזוי שטאַרק גענייטיקט *). דערנאָך האָט מען געטרונקען אַ טאָסט פֿאַרן דערפֿאָלג פֿון „אידישן אַרבייטער". עמעצער האָט אַפֿילו פֿאָרגעשלאָגן אַ טאָסט פֿאַר דער דערשיינונג אין רוסלאַנד פֿון אַ „ווירקלעכן אומלעגאַלן אָרגאַן פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג".

ישראל־מיכל האָט מיר געזאָגט, אַז אין יענעם מאָמענט איז ביי אים געבוירן געוואָרן דער געדאַנק איינצוּאָרדענען אַן אייגענע דרוקעריי.

מיר האָבן זיך פֿאַרשטענדיקט וויפֿל די קאָוונער אָרגאַניזאַציע און וויפֿל די בערשטער זאָלן ביישטייערן, כדי צו דעקן די הוצאות פֿון אַרויסגעבן די „אַרבייטער־

---

*) וועגן דעם ניי־יאָר־אָוונט פֿון 1896, ווערט דערמאָנט אין דעם 25סטן יובילייִ־נומער „אַרבייטער־שטימע", אין דעם אַרטיקל וועגן בונדישע פּעריאָדישע שריפֿטן, פֿון גליעב מוטניק.

שטימע״, וויפל עקזעמפּליאַרן מיר דאַרפן און ווי אַזוי מען זאָל זיי אונדז צו־שטעלן. מיר האָבן אויך אַרומגערעדט דעם אופן ווי מיר, פון אונדזער זייט, זאָלן צושטעלן מאַטעריאַל פאַר דער צייטונג.

ישראל־מיכל איז אַוועקגעפאָרן.

***

די איניציאַטיוו פון אַ קליינער גרופּע אַרבעטער־פּיאָנערן, ישראל־מיכל איז געווען איינער פון זיי, האָט געהאַט אַ פּיל גרעסערע באַדייטונג ווי זיי האָבן זיך אַליין פאָרגעשטעלט. די דערשיינונג פון דער „אַרבייטער־שטימע״ איז געווען דער אָנהייב פון אַ סיסטעמאַטישן, רעוואָלוציאָנערן אָרגאַן, וואָס האָט עקזיסטירט כמעט ביין יאָר. דאָס אַליין איז שוין אַ זעלטענער אויפטו אין דער געשיכטע פון דער „אונטערערדישער״ פּרעסע אין צאַרישן רוסלאַנד *). די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט מיט רעכט געקענט שטאָלצירן. נישט ווייניקער וויכטיק איז, וואָס די „אַרבייטער־שטימע״ האָט ענגער פאַרבונדן די אַרבעטער־פּיאָנערן מיט די איני־טעליגענטן־פירער און באַוועגט צוצוטיילן די אַרבעטער אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער אָנפירונג פון דער באַוועגונג. די שאַפונג פון דער „אַרבייטער־שטימע״ האָט אויך דערנענטערט די גרינדונג פון „בונד״. דער אָרגאַן האָט געהאָלפן בעסער צו באַנעמען די דרינגענדיקע נויטווענדיקייט צוזאַמענצושמעלצן אַלע עקזיסטירנ־דיקע אָרגאַניזאַציעס פון יידישע אַרבעטער אין איין פאַרבאַנד.

מיר ווייסן, אַז אויף זיין גרינדונג־צוזאַמענפאָר האָט דער „בונד״ פּראָקלאַ־מירט די „אַרבייטער־שטימע״ פאַר זיין צענטראַלן אָרגאַן.

ישראל־מיכל קאַפּלינסקי האָט געהאַט אַ לאַנגן גוף מיט לאַנגע הענט און פיס. ער איז געווען דאַר, אָבער ברייטפּלייציק. זיין נאָז און קאָפּ זענען געווען צו קליין אין פאַרגלייך מיט דעם לאַנגן גוף. ער פלעגט ווייניק זאָרגן וועגן זיינע בגדים. פונדעסטוועגן האָט ער געמאַכט אַ גאַנץ גוטן איינדרוק. אַ סך האָבן געהאָלפן זיינע געזיכט־שטריכן. ער האָט פאַרמאָגט שיינענדיקע, קלוגע אויגן מיט אַ גרויסן שטערן, דינינקע וואָנצעס און אַ בערדל. זיין פּנים, מיט דעם שטענדיקן און אָפּט איראָנישן שמייכל האָט פאַרמאָגט חן און געוועקט צוטרוי. ישראל־מיכלס

*) פון 1897 ביז 1905 זענען דערשינען פערציק נומערן „אַרבייטער־שטימע״. קיין שום אַנדער אָרגאַן, וואָס מען האָט אין די זעלביקע יאָרן געדרוקט אומלעגאַל אין רוסלאַנד, האָט נישט זוכה געווען צו דערשיינען אַזוי לאַנג.

טעטיקייט האָט כשר פֿאַרדינט דעם צוטרוי און די פֿרײַנטשאַפֿט, וואָס מיר האָבן געפֿילט לגבי אים.

ער איז געווען ווייניקער אַנטוויקלט ווי די אַנדערע אַרבעטער־פּיאָנערן, און ווייניקער געלעזן. ער האָט געהאַט אַ קנאַפּן אינטערעס צו ביכער און טעאָריע, צו סאָציאָלאָגישע סטודיעס וועגן דער אַנטשטייונג פֿון משפּחה און פּריוואַט־אייגנטום. ער איז בכלל געווען צו פֿויל צו לערנען אָדער שטודירן סיסטעמאַטיש און פֿונדאַמענטאַל. ער האָט זיך פֿאַרלאָזט אויף זײַן אייגענעם שׂכל און אויף די אמתן, וואָס ער האָט געקענט אויפֿכאַפּן מיט זײַן מוח. צו אונדזער באַוועגונג האָט אים צוגעצויגן. ער האָט ליב געהאַט זיך צו מיען איבער אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן און צו מקריב זײַן זײַנע פֿעיִקייטן אויפֿן מזבח פֿון באַפֿרײַען די מענטשהייט.

מיר האָבן אים געגעבן אַ צונאָמען „דער לאַנגער״. אונדזערע האָבן אים נאָך גערופֿן „לאַנג און מאָגער״, וואָס איז געווען דער נאָמען פֿון אַן אומלעגאַלער בראָשור וועגן דעם „לאַנגן און מאָגערן״ אַרבעטס־טאָג. נאָך אַ צונאָמען זײַנער איז געווען „לאַנגזאַם״, צוליב זײַן רויִקייט און לאַנגזאַמקייט, זײַן געוווינהייט אויס־צוציִען זיך בײַ יעדער געלעגנהייט אויף עמעצנס בעט אָדער אַפֿילו אויף דער פּאָדלאָגע. עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז זײַן לאַנגער גוף בעט זיך ממש נאָכמער אויסצוציִען.

אין זײַן פֿאַך איז ער געווען אַ קינסטלער, איינער פֿון די בעסטע אַרבעטער. מיט אַזאַ שׂכל ווי ער האָט געהאַט, האָט דאָס אַנדערש נישט געקענט זײַן. אָבער בײַ די באַלעבאַטים איז ער געווען פֿאַרצייכנט אויפֿן צעטל פֿון די „פּילאָזאָפֿן״ און „בונטאָווזשטשיקעס״. זיי האָבן ווי ווײַט מעגלעך זיך געהיט פֿון נעמען אים צו דער אַרבעט, בפֿרט נאָך אַז ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צו גרויסן חשק צו אַרבעטן און זיך געשאַפֿן אַ רעפּוטאַציע פֿון אַ פֿוילן. אָבער אַז מען האָט געדאַרפֿט אויספּאַרטיקן אַן אַרבעט, וואָס האָט געפֿאָדערט שׂכל, איינפֿאַל, פֿלעגן די באַלעבאַטים זיך ווענדן צו אים. נישט קיין וווּנדער וואָס ער איז אָפֿט געווען אַרבעטסלאָז. ווען עס האָט אים געפֿעלט פּרנסה פֿלעגט ער פֿאַרקלענערן ביז אַ מינימום זײַן בודזשעט, און זיך פֿאַרנעמען מיט... חלומות.

יאָ, ישׂראל־מיכל איז געווען אַ טרוימער, אַ פֿאַנטאַזיאָר. ער האָט געטרוימט וועגן יענער גוטער צײַט ווען עס וועט אײַנגעפֿירט ווערן אַן אַכט־שעהדיקער אַרבעטסטאָג. ער האָט געזען אין זײַן פֿאַנטאַזיע ווי ער זיצט בײַ אַ טיש באַדעקט מיט די בעסטע מאכלים. ער האָט צוגעטראָגט שלעסער מיט אויסערגעוויינלעך

קונציקע מעכאַניזמען. ער האָט געבויט גאַנצע שטעט לויט נייע, אייגענע פּלענער, ווי דאָס לעבן וועט זיין בעסער און רויקער.

גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך אַ הייב טון פון מיין אַטאַמאַנע אָדער פון דער פאַדלאָגע און אָנהייבן צו דערציילן:

— דו ווייסט וואָס מען וואָלט געקענט מאַכן...

אָדער:

— איך האָב אָקאָרשט צוגעטראַכט...

ער פלעגט דערציילן, אַז ער האָט צוגעטראַכט פאַר דער ביבליאָטעק אַזאַ קונציקע באַהעלטעניש צו האַלטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, וואָס אַפילו דער דערפאַרנסטער זשאַנדאַר וועט נישט קענען געפינען, וועגן אומגעווייגלעכע פלע־נער צו אַנטלויפן פון טורמע, אָדער וועגן אָרגאַניזירן אונטערנעמונגען, אַז זיי זאָלן ברענגען באַדייטנדיקע געלט־סומען כדי צו פינאַנסירן די באַוועגונג, וועגן אַרבעטער־אַרטעלן און אַפילו וועגן נייע אַרבעט, וואָס ער וואָלט איינגעפירט אין פאַרשיידענע פאַכן.

***

ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער ערשטער געהיימער אַרבעטער־פאָרשטעלונג מיטן צוועק צו שאַפן געלט פאַר דער קאַסע פון אונדזער ביבליאָטעק.

אויפן סמך פון ווינטשעווסקיס אַ ווערק, האָט ישראל־מיכל קאַפּלינסקי פאַרפאַסט אַ פּיעסע פון צוויי אַקטן וועגן „אַרבעט און קאַפּיטאַל". ער האָט אַליין צוזאַמענגעשטעלט די טרופּע און אַליין געווען דער רעזשיסאָר. ער האָט אָנגעפירט מיט די רעפּעטיציעס, אויפגעבויט די בינע, דעם פאָרהאַנג, און געשפּילט אַליין די הויפּט־ראָל...

די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין דער וווינונג פון אַ שוסטער־אַרבעטער, ערגעץ אויף „שניפּישאָק"*), ווייט פון „שטאָטישן טומל". דער שוסטער, וואָס האָט אַליין אויך געשפּילט אין דער פּיעסע, האָט פאַרמאָגט אַ גרויס הויזגעזינד. אַן אויסערגעוויינלעך ערלעכער איז ער שוין אויך געווען אַ ביסל „פאַרכאַפּט" פון דער באַוועגונג. ישראל־מיכל האָט געשפּילט די ראָל פון אַ האַרצלאָזן, ברוּ־טאַלן און ביז גאָר פרומען קאַפּיטאַליסט, וואָס איז דערצו נאָך אַ פּראַצענטניק.

די פּיעסע איז נישט געווען קיין געלונגענע. דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן

---

*) סניפּישקי איז געווען אַ פאָרשטאָט פון ווילנע.

איז אויך נישט געווען צו גוט, הגם ישראל־מיכל האָט אויסגעפּירט זיין ראָל בעסער איידער די אַנדערע אַקטיאָרן.

טראָץ דעם וואָס דער ספּעקטאַקל איז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט נישט געווען קיין געלונגענער, האָט ער אָבער געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. צו דער פּאָרשטעלונג זענען איינגעלאַדן געווען די אָנפירנדיקע אינטעליגענטן פון דער באַוועגונג. ביז דאַן איז די גאַנצע זאַך געהאַלטן געוואָרן בסוד. מען האָט זיי געבעטן מיטצוברענגען „סימפּאַטיקער״, כדי זיי צוציִען נעענטער צו דער באַוועגונג.

אין דעם גרויסן צימער איז געווען אויפגעשטעלט אַ בינע און קוליסן. עס איז געבליבן וויניק אָרט פאַרן פּובליקום, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן ערך דרייסיק מענטשן. דער אָפּיציעלער איינטריט־אָפּצאָל איז געווען צוואַנציק קאָפּיקעס. עס האָבן זיך אָבער געפונען „נגידים״, וואָס האָבן באַצאָלט אַ רובל און אַפילו דריי רובל. נישט קוקנדיק אויף דעם ענגשאַפט האָבן זיך אַלע געפילט היימיש.

אויף אונדזערע אינטעליגענטן האָט די פאָרשטעלונג געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. קודם־כל ווי אַן אויסדרוק פון אומדערוואַרטעטער איניציאַטיוו מצד די אַרבעטער און פון זייער אַרטיסטישער זעלבסטשטעטיקייט. זיי האָבן דעם ענין גוט אָפּגעשאַצט.

שפּעטער האָט מען די זעלביקע פּיעסע אויפגעפירט נאָך אַ דריי אָדער פיר מאָל, ספּעציעל פאַר די „אייגענע״ אַרבעטער, וואָס זענען געווען מלא־שמחה מחמת די אַקטיאָרן זענען געווען פון זייערע אייגענע רייען. הגם די אַקטיאָרן זענען געווען גרימירט, האָט מען זיי דערקענט און פון פאַרזאַמלטן עולם זענען געקומען אויסרופן: — דאָס איז דאָך דער... אָדער די. דעם מוסר־השכל פון דער פּיעסע פאַר דער באַוועגונג האָבן די אַרבעטער גוט פאַרשטאַנען.

פאַר דער קאַסע פון דער ביבליאָטעק איז דער ספּעקטאַקל געווען ווי מן הימל. די פאָרשטעלונג האָט אַריינגעבראַכט עטלעכע צענדליק רובל, אַן אומגעריכטן אוצר. אויף דער ערשטער זיצונג פון דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג — איך בין געווען צווישן די גרינדער פון דער ביבליאָטעק — איז באַשלאָסן געוואָרן איינצוקויפן פאַר דאָס געלט אַ באַדייטנדיקע, פאַר יענער צייט, צאָל ביכער, ספּעציעל אַזעלכע, וואָס זענען דערשינען אין אַמעריקע.

***

ל. בערנשטיין

ישראל־מיכל האָט אין זיינע געדאַנקען זיך כסדר באַשעפטיקט מיט איבער־בויען אונדזער גאַנץ לעבן. זיין פאַנטאַזיע איז געווען קאָנצענטרירט דער עיקר אויף נוצלעכע און פּראַקטישע אויסבעסערונגען. אָבער אַפילו זיין פּראַקטישער שכל האָט נישט זעלטן איבערגעשטייגט די גרענעצן פון מעגלעכקייט און נויט־ווענדיקייט.

אויסצוטראַכטן מעשיות וואָס זענען ווי מען זאָגט — נישט־געשטויגן־נישט־געפלויגן — איז ער געווען אַ קינסטלער. ער פלעגט זיי דערציילן וויציק, אָבער מיט אַזאַ געלאַסענעם און ערנסטן טאָן, אַז קיינער האָט נישט פאַרדעכטיקט, אַז אין דער מעשה איז נישטאָ קיין וואָרט אמת.

ישראל־מיכל איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון איינציקע שטרייקן אין זיין אייגענעם פאַך און אָנגעפירט מיט שטרייקן אין אַנדערע פאַכן. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געשאַפן די „שטרייק־קאַסעס“, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעוואַקסן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (סינדיקאַטן). ער איז אויך געווען פון די ערשטע וואָס האָבן אָנגעווענדט די „נייע טאַקטיק“. ער האָט אינטויטיוו פאַרשטאַנען דעם פּראַקטישן ווערט און די רעאַלע מעגלעכקייטן, וואָס די טאַקטיק האָט פאַרמאָגט פאַר דעם וווּקס פון אַ מאַסן־באַוועגונג.

אינטעלעקטועל ווייט פון די אינטעליגענטן, איז ער דאָך געווען אַמנאָענטסטן צו זיי. די אינטעליגענטן האָבן אָפּגעשאַצט זיין גראָדן שכל, זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן, זיין טעכנישע דערפינדערישקייט, ווי אויך זיין זעלבסטקאָנטראָל, זיין קענען באַהערשן זיך, זיין האַלטן זיך רויִק, געלאַסן. ישראל־מיכל האָט אָנטייל־גענומען אין יעדער אָרגאַניזאַציאָנעלער איניציאַטיוו, אָבער שטענדיק און אַלע מאָל געבליבן רויִק, נישט פאַרלוירן זיין הומאָר און זיין גלייכגעוויכט. ער איז נישט געווען קיין בעל־גאווה און זיך נישט געשטופּט פאָרויס. די אָנפירנדיקע אינטעליגענטן האָבן צו אים געהאַט אַ גרענעצלאָזן צוטרוי און די אַרבעטער האָבן אים געאַכטעט און ליב געהאַט.

אַדאַנק זיינע פעיִקייטן האָט ער געקענט זיין, און איז טאַקע געווען, דער איניציאַטאָר פון איינאָרדענען די ערשטע געהיימע יידישע דרוקעריי, און פון אַרויסגעבן די „אַרבייטער־שטימע“. דער אויפטו האָט אַנטשפּראָכן זיינע אַמבי־ציעס, און איז געווען אין הסכם מיט זיינע טעכנישע טאַלאַנטן און מיט זיין גרענעצלאָזער זיכערקייט אין זיך.

עס איז געווען נאַטירלעך, אַז ישראל־מיכל זאָל זיין צווישן די אָנטיילנעמער אין דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד“ אין סעפּטעמבער, 1897. קיינער האָט

זיך נישט געוווּנדערט ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז ישראל־מיכל איז צווישן די, וואָס זענען, אין 1898, אַרעסטירט געוואָרן אין שייכות מיט דער געהיימער בונדישער דרוקעריי. די וואָס האָבן אים געקענט האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער האָט איינגעאָרדנט די געהיימע דרוקעריי אין באָברויסק.

אין דער תקופה פון די ווילנער קרייזלעך און שפּעטער, ווען ישראל־מיכל האָט אויפגעשטעלט די ערשטע יידישע דרוקעריי אין ווילנע, ווען ער האָט פאַרשפּרייט דעם ערשטן נומער „אַרבייטער־שטימע", ווען ער האָט איינגעאָרדנט די געהיימע דרוקעריי אין מינסק און דערנאָך אין באָברויסק, ווען מען האָט אים אַרעסטירט און אַוועקגעפירט קיין מאָסקווע, האָט ער מיט זיין גאַנצן גוף און נשמה באַלאַנגט צו דער באַוועגונג. ער האָט געלעבט מיט איר און פאַר איר. אמת, אַן ליידנשאַפט, אַן ציטער, וואָס זענען בכלל געווען אים פרעמד, אָבער מיט זיין גאַנצן שכל, מיט זיין שאַרפזיניקייט און גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט, אויף וועלכער אַזאַ נאַטור איז פעיק.

***

און דאָך איז ער געוואָרן... אַ פּראָוואָקאַטאָר.

ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט? ווי אַזוי האָט ער געקענט זינקען אַזוי טיף? ווי אַזוי איז געלונגען דער „אָכראַנע" צו געווינען אים?

ווי עס ווייזט אויס איז זיין אָפּמאַך מיט דער אָכראַנע צושטאַנדגעקומען אין מאָסקווע ערשט נאָכן אָפּזיצן אין טורמע קרוב אַנדערטהאַלבן יאָר. עס איז דאָ אַ גרונט צו טראַכטן, אַז ערשט צום סוף פון זיין טורמע־טערמין האָט מען אים איינגעבראָכן און ער איז געוואָרן אַן אַגענט. עס איז אויסער יעדן צווייפל, אַז בעת דער אויספאָרשונג גופא האָט ער קיינעם נישט אַרויסגעגעבן. די „זובאַטאָוו־אַרעסטן", וואָס האָבן געבראַכט אַזאַ גרויסן שאָדן דער באַוועגונג, בעת וועלכער עס איז אַריינגעפאַלן דער צענטראַל־קאָמיטעט, די בונדישע דרוקעריי, אַ ריי שטאָטישע קאָמיטעטן, זענען אַלע פאָרגעקומען כמעט איינצייטיק, אין יולי, 1898. זיי זענען געווען אַ רעזולטאַט פון אַ סיסטעמאַטישן און גוט אָרגאַניזירטן שפּיאָנאַזש, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען די מאָסקווער „אָכראַנע". דער שפּיאָנאַזש האָט זיך אָנגעהויבן אין שייכות מיט דעם צוזאַמענפאָר פון דער רוס־לענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מערץ, 1898 אין מינסק, אייניקע דעלעגאַטן צו דעם צוזאַמענפאָר פון אַנדערע שטעט האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך זובאַטאָווס שפּיאָנען קיין מינסק, ווו עס האָט

זיך געפֿונען דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד״. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוט־אָרגאַניזירטער פּלאַן פֿון אַ שפּיאָנאַזש, וואָס האָט פֿינף חדשים שפּעטער זיך פֿאַרענדיקט מיט די באַרימטע מאַסן־אַרעסטן, בעת וועלכע עס איז אויך אַריינגעפֿאַלן ישראל־מיכל. אַלע אַרעסטירטע האָט מען אָװעקגעפֿירט קיין מאָסקווע, ווו די אויספֿאָרשונג איז געפֿירט געוואָרן אונטער דער דירעקטער אויפֿזיכט פֿון זובאַטאָוון, איינער פֿון די פֿעיִקסטע און גענײַטסטע „אָכראַנע״־מענטשן. זובאַטאָוו אַליין האָט אָנגעהויבן זײַן פּאָליציייִשע קאַריערע מיט פֿאַראַט און פּראָװאָקאַציע. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ רעוואָלוציאָנערן קרייז, אין וועלכן ער האָט זיך יונגערהייט באַטייליקט. במשך דער גאַנצער אויספֿאָרשונג איז אָבער נישט געמאַכט געוואָרן קיין איין וויכטיקער אַרעסט. דאָס אַליין איז אַ באַווײַז, אַז בעת דער אויספֿאָרשונג האָט קיינער פֿון די אַרעסטירטע נישט פֿאַרראַטן קיין נעמען, אויך נישט ישראל־מיכל.

ס׳איז אַ באַקאַנטער פֿאַקט, אַז זובאַטאָוו און זײַנע מיטאַרבעטער האָבן זיך פֿאַרנומען מיט „פֿאַנגען נשמות״. דאָס איז געווען אַ טייל פֿון זײַן פּלאַן. זיי פֿלעגן פֿאַרזיכטיק אָנטאַפּן דעם דופֿק ביי די אַרעסטירטע און מיט קאַפּלינסקין האָט זיי צוגעשפּילט דער מזל. טראָץ זײַן גאַנצער שטאַנדהאַפֿטיקייט, האָט ישראל־מיכל נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און זיך אונטערגעגעבן. אַפֿילו איצט, מער ווי מיט פֿופֿציק יאָר שפּעטער, איז דער גאַנצער ענין כמעט ווי אומגלייבלעך פֿאַר די, וואָס האָבן אים גוט געקענט...

איך האָב אַזוי געגנוי באַשריבן ישראל־מיכלס פּערזענלעכקייט און זײַן כאַראַקטער, ווייל איך וויל זיך דערלויבן אייניקע השערות בנוגע זײַן זינקען.

דער כיטרער זובאַטאָוו, וואָס האָט אים „באַאַרבעט״, האָט וואַרשיינלעך פֿאַרשטאַנען, אַז ישראל־מיכל איז נישט קיין פֿאַנאַטיקער, נאָר אַ רעאַליסט, אַ פּראַקטיקער, אַז כדי אים צו „פֿאַנגען״ אין זײַן נעץ דאַרף מען אַפּעלירן צו זײַן מוח.

עס איז זייער מעגלעך, אַז בעת דער אויספֿאָרשונג האָט ישראל־מיכל געשפּילט די ראָל פֿון אַ „טשודאַק״, פֿון אַ פּראָסטן בשר־ודם, פּונקט אַזוי ווי ער פֿלעגט אַזאַ ראָל אָפּשפּילן אויף דער פֿריי. דערמיט האָט ער אָבער זובאַטאָוון געגעבן די געלעגנהייט צו „פֿאַנגען זײַן נשמה״. ער האָט געמוזט זיך צוהערן צו זובאַטאָווס חניפֿהדיקע און פֿאַרפֿירערישע רייד. זובאַטאָוו האָט אים מסתם דערציילט, אַז זײַנע אַגענטן, אָן דער הילף פֿון מיטאַרבעטער־פּראָוואָקאַטאָרן האָבן באַוויזן צו פֿאַרשפּרייטן אַ נעץ אין וועלכער זיי האָבן געפֿאַנגען די וויכטיקסטע

און פּאַראַנטאַוורטלעכסטע טוער פון „בונד" און זיין געהיימע דרוקעריי, אַז דער שפּיאָנאַזש ווערט נאָך מער אויסגעשפּרייט און עס וועט שוין בכלל נישט מעגלעך זיין אויסצובילדן אַ נייעם, פונקציאָנירנדיקן אומלעגאַלן צענטער. עס איז, אַלזאָ, גאָר נישט נייטיק, אַז ער, ישראל־מיכל, זאָל דאַרפן אַ סך אַרויסהעלפן דער „אַכראַנע". ער וועט בלויז דאַרפן ווייזן אייניגע שפּורן... ער האָט אים מסתם איינגערעדט, אַז זיין מיטאַרבעט מיט דער „אַכראַנע" וועט פאַרלייכטערן דעם שיקזאַל פון זיינע אַרעסטירטע חברים. זובאַטאָוו האָט אים צום סוף איבערצייגט, אַז די „אַכראַנע" איז פאַראינטערעסירט צו האַלטן בסוד די אַרבעט פון איר אַגענט נישט ווייניקער ווי דער אַגענט אַליין. ישראל־מיכל האָט וואַרשיינלעך געטראַכט אָפּצונאַרן זובאַטאָוון און אַרויסקומען דער זיגער פון דעם געפערלעכן שפּיל מיט דער „אַכראַנע".

איך צווייפל נישט, אַז ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיין אויסדויער, אויף זיין רויִקייט, אויף זיין פעיִקייט צו שפּילן, בעת ער האָט באַשלאָסן זיך אַריינצולאָזן אין מאַכינאַציעס מיטן פּאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט. עס איז גאָר נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט געהאָפט, אַז אַדאַנק זיין שכל וועט אים געלינגען אַרויסצודרייען זיך פון געפאַנגענשאַפט. ער האָט נישט געוווסט, אַז ווען מען פאַלט אַריין אין די הענט פון דער „אַכראַנע", איז נישט מעגלעך צו אַנטלויפן...

ישראל־מיכלס באַציִונג צו דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, ווען ער איז שוין געווען אַ געהיימער אַגענט פון דער „אַכראַנע" באַשטעטיקט די אויבן אַרויסגעזאָגטע השערה.

נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן אַן אַגענט פון דער „אַכראַנע" איז ער נאָך ניין יאָר פאַרבליבן אין די רייען פון „בונד", אַ מיטגליד אין די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער באַוועגונג. ער איז געווען גענוי אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין „בונד", זיך באַטייליקט אין אַלע זיינע צוזאַמענפאָרן, אָנוועזנד געווען אויף אַלע קאָנפערענצן, איז געווען פּערזענלעך גוט־באַקאַנט מיט די וויכטיקסטע טוער, און פלעגט זיך אָפט טרעפן מיט זיי. אָבער ער האָט געשפּילט זיין ראָל אַזוי קונציק, אַז ביי קיינעם האָט זיך נישט דערוועקט דער מינדסטער פאַרדאַכט, פאַרקערט, ער האָט געהאַט אַלעמענס פולסטן צוטרוי... במשך די גאַנצע ניין יאָר איז ער געשטאַנען אין אַ סיסטעמאַטישער פאַרבינדונג מיטן פּאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט, געווען זיין געהיימער אַגענט, צוגעשטעלט אים אינפאָרמאַציע וועגן דער טעטיקייט פון „בונד", ספּעציעל פאַר די יאָרן 1901־1904, ווען די בונדישע באַוועגונג האָט זיך מערקווירדיק פאַנאַנדערגעוואַקסן. עס

איז אָבער נישט באַקאַנט, אַז במשך דער צייט, זאָל ער עמעצן האָבן אַרויסגעגעבן דער „אָכראַנע״. איך ווייס נישט צי ער האָט אָנגעהאַלטן שריפטלעכע אָדער מינד־לעכע פאַרבינדונגען מיט דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אין דער זעלביקער צייט ווען דער „בונד״ האָט געהאַט אין זיינע רייען קאַפּלינסקין דעם פּראָוואָקאַטאָר האָט קיין איין אָנפירענדיקע אינסטאַנץ אָדער אונטערנעמונג פון „בונד״ נישט געליטן. טראָץ אַ זייער אינטענסיווער טעטיקייט, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״, סיי זיינע דרוקערייען און זיין טראַנס־פּאָרט אַ לאַנגע צייט כמעט ווי נישט געליטן פון אַרעסטן אָדער דורכפאַלן. קאַפּ־לינסקי איז געווען אין צענטער פון די טעטיקייטן, געוווּסט וועגן אַלץ און אַלעמען, אַליין אָרגאַניזירט דרוקערייען; אַליין זיך באַטייליקט אין שמוגלען קאָנטראַבאַנדע. עס איז פאַרשטענדליך, אַז כדי נישט צו דערוועקן אַ פאַרדאַכט וועגן זיך, האָט ער, ביז אַ געוויסן גראַד, געמוזט פאַרהיטן פון אַ דורכפאַל יענע אינסטאַנצן און אונטערנעמונגען אין וועלכע ער אַליין האָט זיך באַטייליקט. פונדעסטוועגן, קען מען דערמיט אַליין נישט דערקלערן קאַפּלינסקיס זאָרג פאַר דער טובה פון „בונד״.

ס'איז אויסער צווייפל, אַז ישראל־מיכל האָט נישט געהאַט קיין ענטוזיאַזם פאַר זיין פּראָוואָקאַטאָרישער אַרבעט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו העלפן דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. בטבע אַ גלאַסענער און רויִקער, האָט ער געשפּילט זיין צוויי־פּנימדיקע ראָל און האָט זיך באַמיט אַרויסצודרייען פון געבן אינפאָרמאַציעס דער פּאָליציי. וואַרשיינלעך איז דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט נישט געווען צופרידן מיט זיין דינסט, אָבער ער האָט נישט פאַרמאָגט די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן ישראל־מיכלס פּראָוואָקאַטאָרישע טעטיקייט.

אין אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט געקענט באַנוצן איין אַגענט קעגן דעם צווייטן כדי קאָנטראָלירן די צוגעשטעלטע דורך זיי אינפאָרמאַציעס. די „אָכראַנע״־אַגענטן האָבן נישט געוווּסט איינער פון צווייטן. אין צענטראַלן קאָמיטעט פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן למשל גלייכצייטיק „געאַרבעט״ אַזעף און טאַטאַראָוו, אָבער איינער האָט נישט געוווּסט, אַז דער צווייטער איז אויך אַן אַגענט, ווי ער אַליין.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע אין „בונד״. אין דער אָנפירונג פון דער בונדישער באַוועגונג איז געווען בלויז איין ישראל־מיכל. ווילנדיק אָדער נישט־ווילנדיק האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט די קאַרגע ידיעות, וואָס קאַפּלינסקי האָט צוגעשטעלט. קאַפּלינסקי האָט וואַר־

ערשטע שפּראָצונגען

שיינלעך געוווּסט, אַז ער איז דער איינציקער אַזאַ נידערטרעכטיקער אין „בונד“, און האָט פאַרשטאַנען גוט אויסצונוצן זיין לאַגע.

***

ווען ישראל־מיכל איז נאָך אַכצן חדשים אין טורמע באַפרייט געוואָרן, האָט מען צוזאַמען מיט אים באַפרייט אַלע אַנדערע, וואָס מען האָט אַרעסטירט אין שייכות מיט דער דורכפאַל פון דער בונדישער דרוקעריי. די שטראָף, וואָס זיי האָבן אַלע באַקומען איז געווען נישט מער ווי פיר יאָר פּאָליציי־אויפזיכט ערגעץ אין די גרענעצן פון דעם אַזויגערופענעם „תחום־המושב“.

וואָלטן מיר דעמאָלט, אין 1900, געוווּסט די פּרטים וועגן דער טעטיקייט פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, וואָס זענען אויפגעדעקט געוואָרן אין 1909, אין שייכות מיט דער אזעף־אַפערע און די אַנדערע פּראָוואָקאַטאָרן אין פאַרשיידענע פּאַרטייען, וואָלט די מילדקייט פון אורטייל אַליין געדאַרפט אונדז געבן צו פאַרשטיין, אַז ערגעץ־ווו „ליגט אַ הונט באַגראָבן“, אַז די שטראָף איז אַזאַ מילדע כדי צו ראַטעווען אַ פאַררעטער, אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס עס איז געלונגען צו רעקרוטירן צווישן די אַרעסטירטע.

אין יענער צייט האָבן מיר אָבער נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם מילדן אורטייל. דעם באַפרייטן ישראל־מיכל האָבן זיינע חברים באַגעגנט מיט פרייד. ער האָט זיך ווידער געשטעלט אין די פאָדערשטע רייען פון די קעמפער, פונקט ווי עס האָט גאָרנישט פּאַסירט. די טורמע האָט אים נישט געענדערט. ער איז ווידער געווען דער זעלביקער געלאַסענער, שטאַנדהאַפטיקער, קלוגער און גלענצנדער אָרגאַניזאַטאָר, אַ ספּעציאַליסט אין איינאָרדענען געהיימע דרוקערייען. ער איז ווידער געווען פון אַלעמען רעספּעקטירט, גענאָסן פון אַלעמענס צוטרוי. ער איז ווידער געווען דער זעלביקער ישראל־מיכל מיט קלאָרע און קלוגע אויגן, מיט זיין שמייכל, מיט זיינע וויצן, מיט זיינע לוסטיקע, צוגעטראַכטע מעשיות, אויסערלעך דער זעלבער, וואָס איז מיט צוויי יאָר צוריק געקומען צו מיר און געבראַכט די „מתנהלע“, דעם פריש־אָפּגעדרוקטן ערשטן נומער „אַרבייטער־שטימע“. דער זעלבער... אָבער שוין גאָר נישט דער זעלבער — אַ פאַררעטער, אַ דעזערטיר, אַן אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר... אַך, ווי עס האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן אין דעם!

האָט ער ווייניקסטנס אַדורכגעמאַכט אַן אינערלעכע, פאַרבאָרגענע דראַמע?

ל. בערנשטיין

אָדער ער האָט שלום געמאַכט מיט זיין ראָל און געטרייסט זיין געוויסן, אַז ער ברענגט זייער ווייניק נוצן דער פּאָליציי?

**
*

איצט וויל איך דערציילן ווי אַזוי איך בין געווען אַ נאָענטער עדות פון דעמאַסקירן ישראל־מיכלען דורך דעם זעלבן וולאַדימיר בורצעוו, וואָס האָט אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון אַזעפן.

ביז די „אַפּערע אַזעף" האָב איך בלויז געהערט וועגן בורצעוון, און געלייענט די צייטשריפטן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, באַזונדערס דעם באַרימטן זשורנאַל „בילאָיע", געווידמעט דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. די ערשטע נומערן „בילאָיע" אין אַ בראָשור־פאָרמאַט האָט בורצעוו אַרויסגעגעבן אויף דער עמיגראַציע אין אויסלאַנד. ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד אין 1906, האָט ער באַנייט די אויסגאַבע, אָבער שוין אין דער פאָרם פון אַ סאָלידן און דיקן זשורנאַל. די נאָענטסטע מיטאַרבעטער אין דעם באַנייטן זשורנאַל „בילאָיע", זענען געווען ראַדיקאַלע היסטאָריקער און אַ פּלעיאַדע באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע טוער. דער זשורנאַל האָט געהאַט גרויס דערפאָלג און האָט זיך גיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען. אין אָקטאָבער, 1907, האָט די רעגירונג דעם זשורנאַל אָפּגעשטעלט און בורצעוו איז ווידער געצוווּנגען געווען צו אַנטלויפן פון רוסלאַנד. איך האָב אָנגעהויבן זאַמלען די דערשינענע נומערן „בילאָיע", ווייל זיי האָבן געהאַט אַ היסטאָרישן ווערט. מיט בורצעוון בין איך נאָך דעמאָלט נישט געווען באַקאַנט, אפשר דערפאַר, ווייל די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויף דער עמיגראַציע האָבן פון אים ווייניק געהאַלטן און געהאַט צו אים אַ נעגאַטיוו באַציִונג. בורצעוו האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן געצאָלט מיט דער זעלביקער מטבע.

די „אַזעף־אַפּערע", אַ וויכטיקע פּאַסירונג פון אַ וועלט־פּאַרנעם, האָט מיך, אַלס מיטאַרבעטער אין דער פראַנצויזישער פּרעסע, געבראַכט צו בורצעוון, וואָס האָט געמאַכט די אַנטדעקונג. ווען איך בין געקומען צו אים נאָך אינפאָרמאַציע, האָט ער מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך, מען קען זאָגן — מיט אָפענע אָרעמס קודם־כל, ווייל איך האָב זיך פאַררופן אויף מיינע פריינט אין דער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע, און וואָס ער האָט מיט מיר געקענט פירן דעם געשפּרעך אין דער רוסישער שפּראַך, בעת רעדן פראַנצויזיש איז פאַר אים געווען

שווער. אויפן אָרט האָב איך שוין געקענט אים אַרויסהעלפן בעת זיין אינטערוויו מיט די פּאַריזער זשורנאַליסטן, וועלכע זענען אויך געקומען צו אים נאָך אינ־פאָרמאַציע.

בורצעוו האָט שטאַרק געהאַלטן פון מיינע אַרטיקלען וועגן דער מעשה אַזעף, וואָס זענען געווען געדרוקט אין די פראַנצויזישע צייטונגען. ער האָט אויך געשאַצט די פּינקטלעכקייט און ריכטיקייט פון דער אינפאָרמאַציע וואָס איך האָב געגעבן און מיין גרונטלעכע באַקאַנטשאַפט מיט דער רוסלענדער רעוואָלוציאָ־נערער־באַוועגונג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די אַרטיקלען.

אין פּאַריז האָט בורצעוו באַנייט דעם זשורנאַל „בילאָיע". זיינע פינאַנציעלע מיטלען זענען אָבער געווען זייער באַגרענעצט. פונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אויך אַ צווייטן זשורנאַל „אָבשטשעיע דעלאָ" (די געמיינזאַמע זאַך), אויסרעכענענדיק אַפּנים, אַז זיין נאָמען, וואָס האָט געקראָגן אַ וועלט־רעפּוטאַציע, איז ווערט אַ סך געלט. „אָבשטשעיע דעלאָ" האָט באַקעמפט פּראָוואָקאַציע און אויפגעדעקט די געהיימנישן פון דער רוסישער פּאָליציי. בורצעוו האָט געגלויבט אַז אַזאַ זשורנאַל וועט באַקומען גענוג פינאַנציעלע הילף מן הצד און העלפן דעמאַסקירן די שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן.

איך בין געוואָרן בורצעווס אַן אָפטער באַזוכער. איין מאָל, גאַנץ אומדער־וואַרטעט פאַר מיר, האָט ער מיך איינגעלאַדן צו ווערן דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון דער „בילאָיע" און פון דעם נייעם זשורנאַל „אָבשטשעיע דעלאָ", וואָס זיין ערשטער נומער איז טאַקע באַלד דערשינען.

אַזאַ אַמט האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט אויסצוגעפינען אַלע איינצלהייטן וועגן דער געשעעניש „ישראל־מיכל".

איך דאַרף צוגעבן, אַז במשך דער צייט וואָס בורצעוו האָט געפאָרשט אַ נייעם פאַרדאַכט, געקליבן און קאָנטראָלירט די אינפאָרמאַציע, אויספרעגנדיק מענטשן און דורך אַנדערע אופנים, האָט ער, לויט אַ פריערדיקע פאַרשטענדיקונג צווישן אונדז, מיר גאָרנישט דערציילט. ווען בורצעוו האָט זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן דעם ענין ישראל־מיכל, האָב איך נאָך אַלץ וועגן דעם גאָרנישט געוווּסט.

אַ פּאָר מאָל האָט ער מיך געפרעגט צי עס זענען פאַראַן אורזאַכן פאַרדעכ־טיקן אַ פּראָוואָקאַציע אין די העכסטע אינסטאַנצן פון „בונד". עס לייגט זיך אים נישט אויפן שכל, האָט ער מיר געזאָגט, אַז די „אָכראַנע" זאָל נישט באַזיצן „אינעווייניקסטע" אינפאָרמאַציעס וועגן דער בונדישער באַוועגונג. ער האָט מיך

פאַנאַנדערגעפרעגט צי עס דערוועקן זיך נישט ביי מיר פאַרדאַכטן בנוגע אַ וועלכן נישט איז בונדישן טוער. מיט דער גאַנצער זיכערקייט האָב איך אים געענטפערט, אַז ביי מיר איז נישט פאַראַן אַזאַ פאַרדאַכט און אויספּירלעך באַגריינדעט מיין זיכערקייט... איך האָב זיך נאָך אַלץ אויף גאָרנישט געריכט.

ערשט שפּעטער, ווען ער האָט שריפטלעך זיך פאַרשטענדיקט מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" אין זשענעווע, און אים באַוויזן די פאַרלעסלעכקייט פון דער ידיעה, נאָך דעם ווי דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן ישראל־מיכלס פאַרראַט, האָט בורצעוו מיך איינגעלאַדן צו זיך כדי איבערצוגעבן אַ זייער וויכטיקע אינפאָרמאַציע...

ווען ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען — קאַפּלינסקי, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך קען נישט אַזאַ מענטש. דער אמת איז, אַז איך האָב פאַרגעסן דעם נאָמען, הגם ער איז אין דער פרעסע דערמאָנט געוואָרן צוויי מאָל — בעתן אַרעסט און דערנאָך ביים באַפרייען די בונדישע טוער, וואָס זובאַטאָוו האָט געפאַנגען. דער נאָמען קאַפּלינסקי איז פאַר מיר געווען פרעמד און נישט געוועקט זכרונות. איך האָב געקענט ישראל־מיכלען, מיט אים בין איך געווען באַפריינדעט, ער איז פאַרבליבן אין מיין זכרון. אים האָב איך ליבער געהאַט פון אַלע אַנדערע אַרבעטער־פיאָנערן ביים „בונד".

ווער איז דער קאַפּלינסקי איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן ערשט ווען בורצעוו האָט גענומען מיך באַקענען מיט דער טעטיקייט פון דעם מענטש, וועגן די געהיימע דרוקערייען פון „בונד" און אַנדערע פּרטים. פּלוצלינג האָב איך אויסגעשריגן:

— ישראל־מיכל?

— יאָ, יאָ... טאַקע ער, — האָט בורצעוו באַשטעטיקט.

איך האָב קאַטעגאָריש דערקלערט:

— אוממעגלעך!

מיין צווייפל איז אָבער פאַרשוווּנדן ווען ער האָט מיר דערציילט, אַז דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" גרייט צו, מיט דער פולער צושטימונג פון צענטראַל־קאָמיטעט אין רוסלאַנד, אַן אָפיציעלע באַקאַנטמאַכונג וועגן קאַפּלינסקין דעם פּראָוואָקאַטאָר. אַ טיף־דערשיטערטער האָב איך אינגאַנצן געציטערט פון אויפרעגונג.

***

דער פאַקט, אַז אין דער אָנפירונג פון „בונד" געפינט זיך אַ פּראָוואָקאַטאָר, האָט באַקאַי אויסגעפונען ווען די וואַרשעווער „אָכראַנע", ווי ער האָט געדינט, האָט אַנטדעקט אַ בונדישע פאַרזאַמלונג. ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז צווישן די אַרעסטירטע געפינט זיך ווייניקסטנס איינער, וואָס באַלאַנגט צו די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון „בונד", האָט מען באַשלאָסן צו פאַרפירן אַ גרויסן פּראָצעס. איז אָבער געקומען פון פּעטערבורג אַ פאַראָרדענונג פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, אַז מען זאָל דעם גאַנצן עסק דערשטיקן און באַפרייען אַלע אַרעסטירטע, ווייל צווישן זיי געפינט זיך אַ זייער וויכטיקער מיטאַרבעטער פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

אַזוי ווי באַקאַי האָט געמאַכט אַ טעות וועגן דעם יאָר ווען דער אַרעסט איז פאָרגעקומען, האָט זיין אינפאָרמאַציע נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט פעסטצו־שטעלן ווער איז דער „מיטאַרבעטער". דערצו נאָך איז בכלל שווער געווען צו גלויבן, אַז אין דער אָנפירונג פון „בונד" זאָל זיך געפינען אַ פּראָוואָקאַטאָר. די צענטראַלע קערפּערשאַפטן פון „בונד", זיינע דרוקערייען, זיין קאָנטראַבאַנדע און שמוגל־אַפּאַראַטן זענען תמיד אין דער הינזיכט געווען אויסער יעדער פאַרדאַכט. אַזאַ מיינונג וועגן „בונד" האָט זיך געשטיצט אויף דעם פאַקט, וואָס לאַנגע יאָרן זענען אין „בונד" נישט פאָרגעקומען קיין גרעסע „דורכפאַלן".

באַקאַי האָט אָבער געהאַלטן, אַז זיין אינפאָרמאַציע איז אַ פאַרלעסלעכע. אויף דעם גרונט פון זיין דערפאַרונג בעת דער דעמאַסקירונג פון אַזעפן און אַנ־דערע פּראָוואָקאַטאָרן, האָט בורצעוו געהאַלטן מיט באַקאַיען. באַקאַי האָט אָבער בשום־אופן נישט געקענט זיך דערמאָנען דעם נאָמען פון בונדישן פּראָוואָקאַטאָר.

בורצעוו האָט מיר דערציילט, אַז בעת זיינע געשפּרעכן מיט באַקאַיען, האָט ער כסדר פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך גריבלען אין זיין זכרון כדי אָנצושטויסן זיך אויף דעם נאָמען פון „מיטאַרבעטער", דעם פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט געאַרבעט אין „בונד". באַקאַי האָט זיך טאַקע דערמאָנט, אַז דער פאַמיליע־נאָמען ענדיקט זיך מיט אַ — סקי. שפּעטער האָט ער אים געזאָגט, אַז דער נאָמען דערמאָנט אין עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות מיט אַן אַפּטייק.

בורצעוו האָט דערציילט, ווי אָפּזיצנדיק מיט באַקאַיען גאַנצע שעהען, פלעגן זיי ביידע האַלטן אין איין טראַכטן וועגן פאַמיליע־נעמען, וואָס האָבן אַ שייכות מיט אַן אַפּטייק. פּילסודסקי; מאַזילסקי; פּראָוויזאָרסקי... כינינסקי... קאַסטאָרסקי... נייק, ס׳איז נישטאָ דאָס. אַגב — צווישן יידן זענען גאָר נישטאָ אַזעלכע פאַמיליעס.

מען האָט ווייטער געזוכט: סיראָפּסקי... בינקאָווסקי... קיסלאָראָדסקי... אַלץ נישט דאָס. צייטנווייז פּלעגט באַקאַי אויף זיך אַליין ווערן אויפגערעגט, געשאָלטן זיין אייגענעם זכרון... עפּעס פון אַן אַפּטייק, אַפּטעקאַרסקע... וואָס קען דאָס זיין? אפשר „אונציע", „פאַרמאַקאָפּיע". וועלכע נעמען קען מען צוזאַמענשטעלן פון אַזעלכע ווערטער? זיי האָבן זיך דערמאָנט נאָך אַפּטעקאַרסקע טערמינען: פּוזיראָק־פּוזירס־קי, רוואָטנאָיע־רוואָטסקי...

— אפשר מאַכט איר אַ טעות — האָט בורצעוו געפרעגט באַקאַיען, — אפשר האָט איר געמישט אַפּטייק מיט עפּעס אַנדערש? צום ביישפּיל — קאָראָבאָטשקין פון וואָרט קאָראָבקאַ, אָדער בוטילקין, אָדער אפשר גאָר גראַדוסניק?

— ניין, נישט דער זעלביקער קלאַנג, — האָט געענטפערט באַקאַי.

אַלע זיינע אָנשטרענגונגען צו דערמאָנען זיך דעם פאַמיליע־נאָמען האָבן נישט געהאָלפן.

איין מאָל, ווען ער איז געווען ביי מיר, דערציילט ווייטער בורצעוו, האָט עמעצער פון די אָנוועזנדיקע געזאָגט, אַז ער גייט אין אַפּטייק קויפן קאַפּליעס *) „יעווריקאַ" — כ'האָב געפונען ,האָט באַקאַי אויסגעשריגן. „איך בין אַ באָלוואַן, אַן אידיאָט, אַ נאַר..." „פאַרוואָס האָב איך זיך נישט געקענט דערמאָנען? דאָס איז דאָך דער פאַמיליע־נאָמען, וואָס מיר זוכן — קאַפּלאַנסקי!" פרעג איך אים — „וואָס איז אין נאָמען פון אַן אָפּטייק?".

„איר פאַרשטייט נישט — קאַפּלי, וואָס מען קויפט אין אַן אַפּטייק". — האָט ער געענטפערט.

אויך דאָס מאָל האָט באַקאַי געמאַכט אַ טעות — הגם בלויז אין איין בוכשטאַב. ענדליך האָט ער זיך גענוי דערמאָנט, אַז דער נאָמען איז נישט קאַפּ־לאַנסקי נאָר קאַפּלינסקי.

אָבער כדי צו דעמאַסקירן ישראל־מיכלען איז דער נאָמען אַליין נישט געווען גענוג. די וואָס האָבן אים געקענט זינט די ווילנער „קרייזלעך", די וואָס זענען צוזאַמען מיט אים געווען אַרעסטירט און צוגעצויגן געוואָרן צום פּראָצעס פון „בונד", אין יאָר 1898, אַלע די — וואָס האָבן געוווּסט וועגן זיין לאַנגיעריקער אַרבעט אין דער בונדישער באַוועגונג, און וועגן דעם, אַז ער אַליין פּלעגט איינ־אָרדענען אומלעגאַלע דרוקערייען, וואָס זענען נישט אַדורכגעפאַלן, די וואָס האָבן זיך מיט אים געטראָפן אויף צוזאַמענפאָרן, אויף קאָנפערענצן, האָבן נישט

*) קאַפּליעס — אויף יידיש טראָפּנס.

געגלויבט אין דער באַשולדיקונג און אַפילו נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז ער איז אַ לאַנגע צייט געווען אין דינסט פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. די מעשה האָט אויסגעזען אַזוי ווילד, אַזוי אומגלויביק, אַזוי פולשטענדיק אוממעגלעך. דער „בונד" האָט געפּאָדערט איבערצייגנדיקע באַווייזן...

מען האָט זיך ווידער גענומען צו באַקאַיען, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו נישטערן אין זיין אייגענעם זכרון. כדי צו קאָנטראָלירן באַקאַיס אינפאָרמאַציע האָט מען זיך געווענדט צו מעטשניקאָוו, אַ צווייטער געוועזענער „אָכראַנע"־אַגענט, וואָס האָט אין דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט פאַרנומען אַ העכערן אַמט ווי באַקאַי. מעטשניקאָוו ווי באַקאַנט איז אויך אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און מיט־גענומען מיט זיך זיין „באַגאַזש", דאָס הייסט, סודות און געהיימענישן פון דער „אָכראַנע". מעטשניקאָוו, וואָס האָט געוווּסט מער ווי באַקאַי, האָט באַשטעטיקט באַקאַיס אינפאָרמאַציע, דערציילט פּרטים וועגן קאַפּלינסקין, וועגן דעם שוין דערמאָנטן דורך מיר וואַרשעווער אַרעסט. זיינע אינפאָרמאַציעס וועגן קאַפּלינסקין זענען געווען פינקטלעכערע און מיט אַ סך מער פּרטים...

עס איז מער נישט געווען מעגלעך צו צווייפלען. דער אמת האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער שוידערלעכקייט. ישראל־מיכל איז אָפיציעל פּאַרדאַמט געוואָרן אַלס פּראָוואָקאַטאָר.

אַלעקסאַנדערס בריוו צו ל. בערנשטיין

I

[זשענעוו 1900]

טייערער פריינט!

אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק איך פאַר אייער בריוו. איך פאַרשטיי גוט אייער גייסטיקן מצב, ווער פון אונדז לעבט נישט איבער אין דער אָדער אין יענער מדרגה אָט די מאָמענטן, אָט די שטימונג, אָט דעם געפיל פון שווערקייט, אָפּגעריסנקייט, אומזיניקייט פון דער לאַגע אין אַ נישט־צוגעוווינטער סביבה, ווו מען ווייזט זיך אַרויס פאַר אַן איבעריקער זאַך וואָס טויג צו גאָרנישט, פאַר אַלטוואַרג. נאָר מען מוז [זיך] האַלטן אין די הענט, מען דאַרף קעמפן מיט אַזוינע געפילן, מען דאַרף פאַרשטיקן אין זיך די סאַמע אָנהייבן פון דער אייגענער צווייִקייט, מען דאַרף געפינען זיך אַרבעט, זאָל זיין אַזאַ וואָס איז נישט ניחא, נאָר זי זאָל צונעמען די צייט, אָפּרייסן די רעיונות פון דער אייביקער מרה־שחורה, אַ קער טון די געדאַנקען אין אַן אַנדער זייט, אין אַן אַנטקעגנדיקער זייט ווי דער אייגענער טייערער איך. מיר נעמען אָן מיט פרייד פאַרשטייט זיך אייער פאָרשלאָג צו אַרבעטן פאַרן בונד. אָ, ווען איר זאָלט וויסן, ווי דער בונד נייטיקט זיך אין מענטשן, אין מענטשן וואָס זענען איבערגעגעבן מיט נשמה און גוף דער דאָזיקער באַוועגונג, אין מענטשן וואָס צעוואַרפן זיך נישט אויף [אַלע] זייטן, וואָס נעמען נישט אויף זיך קיין טויזנט התחייבותן, וואָס קוים וואָס זיי לאָזן זיך דורכפירן

---

*) די בריוו זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם זאַמלבוך „אַרקאַדי״, צום אָנדענק פון אַרקאַדי קרעמער. ניו־יאָרק, 1942, פאַרלאַג „אונדזער צייט״. — די הערות צו די בריוו זענען פון ל. בערנשטיין. — רעד.

און אָפּט זענען זיי סותר איינע די אַנדערע. מען מוז זיך איינגאַנצן איבערגעבן צו איין זאַך; אַזוי האָבן מיר געטון אין רוסלאַנד, און טאַקע אַדאַנק דעם איז אונדז געגאַנגען, און אַדאַנק דעם מעגן מיר זאָגן מיט שטאָלץ, אַז אונדזער טירחה איז נישט געגאַנגען אין ניוועץ, אַז זי האָט געגעבן אירע פּירות. איר געדענקט מסתמא אונדזער שמועס וועגן דעם, בשעת מיר האָבן זיך בײדע געוויקט אונטערן שלאַקס־רעגן.

איך גיי איצטער אַריבער צו אייער פֿאָרשלאָג. [פֿאַר] דעם אינעווייניקסטן איבערבליק האָט זיך גענומען שוין לאַנג און האָט שוין אַפֿילו עפּעס אָפּגעדרוקט מאַקאָווי. ער איז אַ מענטש אַ שרעקלעכער קונקטאַטאָר, און אויף אים איז אפשר אַ קליינע האָפֿענונג. נאָר ער האָט שוין אָפּגעדרוקט אין איין נומער זיין אַריינפֿיר צום אינעווייניקסטן איבערבליק, האָט צונויפֿגעשטעלט און אָנגעמערקט אַ פּלאַן, ווי אַזוי ער וועט דאָס פֿירן; ווייס איך נישט, ווי אַזוי זאָל זיין. איך וועל אים נאָך היינט אָנשרייבן וועגן אייער פֿאָרשלאָג, וועלן מיר זען דעמאָלט, וואָס ער וועט ענטפֿערן. דערווייל זענען צווישן די פֿראַגעס וואָס איר האָט אָנגעמערקט פֿאַראַן עטלעכע וואָס וואָלטן געוויס געטויגט פֿאַרן „ידישן אַרבעטער", למשל די פֿראַגע וועגן באַשפּייזונג, דער גורל פֿון די בילדונגס־געזעלשאַפֿטן אין רוסלאַנד, וועגן אונדזערע (?) שולן. איך הייב איבער די פֿראַגע וועגן דעם נייעם פּירוש פֿון סינאָד וועגן די לערערס פֿון רעליגיע. איך ווייס נישט, וועגן וואָס עס גייט. ביים וואָרט „אונדזערע" האָב איך געשטעלט אַ פֿראַגע, צי טראַכט ער וועגן ידישע שולן, אָדער דאָס וואָרט אונדזערע פֿאַרבייט דאָס וואָרט רוסישע. זייער וויכטיק וואָלט געווען צו שרייבן דווקא וועגן ידישע שולן. איר געדענקט, איך האָב מיט אייך גערעדט וועגן דעם; דעמאָלט האָט איר געזאָגט, אַז איר האָט נישט דערפֿאַר קיין מאַטעריאַלן; צי האָט איר זיי איצט? איך וועל זיך דערלויבן צו זאָגן עטלעכע ווערטער בכלל וועגן דעם, אין וואָס פֿאַר אַ גייסט מען וואָלט געדאַרפֿט שרייבן וועגן די פֿראַגעס. דרוקן וועט זיך דאָס אין „ידישן אַרבעטער", דעם אָרגאַן פֿון די ידישע אַרבעטערס, מוז מען דעריבער די פֿראַגעס, אָדער בכלל וועלכע עס איז, באַטראַכטן פֿון שטאַנדפּונקט דווקא פֿון ידישן פּראָלעטאַריאַט. טייל מאָל איז בלי־ספק שווער און זייער שווער צוצוגיין צו אַ פֿראַגע דווקא פֿון דער זייט. נאָר מען מוז האָבן אין זינען דעם שטאַנדפּונקט, תמיד געדענקען אים און טראַכטן וועגן אים. ווען איר וועט שרייבן וועגן בילדונג, רוקט זיך דער דאָזיקער שטאַנד־פּונקט איינגאַנצן קלאָר אַרויס פֿון זיך אַליין. וועגן דעם האָט געזאָרגט די רוסישע רעגירונג מיט איר פּראַצענטירונג אין אַלע מיטעלע און העכערע לערן־אַנשטאַלטן.

מען דאַרף באַמערקן וועגן דער נישט־לאַנג אַרויסגעגאַנגענער פאַראָרדענונג, אַז בײַם צונעמען סטודענטן זאָל זיך דער פּראָצענט רעכענען לויט פאַקולטעטן, נישט פון דער אַלגעמיינער צאָל סטודענטן אין אוניווערסיטעט. די דאָזיקע פאַראָרדע־נונג רופט זיך אָפּ זייער נישט־גינציק אויף דער צאָל סטודענטן וואָס מען נעמט צו. בײַם פונאַנדערקלייבן פראַגעס דאַרף מען נאָך, קומט אויס בײַ מיר, תמיד באַמערקן נישט נאָר וועגן דעם קלאַסנדיקן כאַראַקטער פון די פאַראָרדענונגען און געזעצן, נאָר אויך דעם פאַרלאַנג פון דער רעגירונג צו באַשיצן די זעלבסט־הערשונג ווי אַ זעלבשטענדיקע גרייס וואָס האָט אַן אינטערעס אין זיך גופא. אַ סך זענען מסכּים מיט דער דאָזיקער מיינונג, נאָר בײַ מיר קומט אויס, אַז ס'איז פאָרט ריכטיק. און דאָס איז גרינג צו ווײַזן דווקא אויף די געזעצן וועגן צונעמען תּלמידים אין די מיטעלע לערן־אַנשטאַלטן (כאַראַקטעריסטיש איז דער געזעץ וועגן צונעמען אויסשליסלעך באַלעבאַטישע פאַרמעגלעכע פערזאָנען).

וועגן די בילדונגס־געזעלשאַפטן: איר וועט מסתּמא אָנווײַזן אויך אויף די געזעלשאַפטן פאַר זונטיקדיקע און אָוונטיקע לייענישן. דאָ קענט איר דאָך בלי־ספק דורכפירן אַ פּאַראַלעל מיט ענלעכע געזעלשאַפטן אין אונדזער קאַנט, אָדער בעסער געזאָגט, מיטן פולן פעלן פון אַזוינע געזעלשאַפטן בײַ אונדז, אַדאַנק דעם דרוק פון דער זעלבסטהערשונג. אַגב האָט מען אונדז דאָ איבערגעגעבן, אַז דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געהייסן דער שטאָט־אופּראַווע אײַנאָרדענען עפנטלעכע לעקציעס, „כּדי אָפּצוציִען די אַרבעטער פון סאָציאַליזם“. עס ווערן איצט אײַנגעאָרדנט אין ווילנע לעקציעס וועגן פראַגעס פון נאַטור־געשיכטע, ליטעראַטור און אַפילו פּאָליטישער עקאָנאָמיע (ס'לייענט דער אַנטיסעמיט וורו־טשעוויטש, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון „ווילענסקי וויעסטניק“). בײַם פונאַנ־דערקלייבן וועגן די בילדונגס־געזעלשאַפטן און עפנטלעכע לעקציעס מוז מען אָנווײַזן, אַז בײַ אונדז נייטיקן זיך דערין ייִדן מער איידער ווער עס איז, מחמת ס'זענען נישטאָ קיין צײַטונגען אויף זשאַרגאָן, ס'זענען נישטאָ קיין זשורנאַלן, ווידער אַמאָל איבער דער שולד פון דער זעלביקער רעגירונג. מען קען אָנווײַזן, אַז די אַנטוויקלונג פון בונד האָט געצוווּנגען די רעגירונג צו געבן אַ דערלויבעניש אויף דעם, מען זאָל אַרײַנפירן [פון אויסלאַנד] די צײַטונג „דער יוד“ (אַ ציוניס־טישער אָרגאַן), כּדי דערמיט אָפּצוציִען די אַרבעטערס פון בונד. וועגן די ייִדישע שולן מוז מען אָנווײַזן, פון וואַנען עס גייען די מיטלען אויף די דאָזיקע שולן, אָנווײַזן אויפן קאָראָבקע־אָפּצאָל (מען דאַרף וועגן דעם קלאָר מאַכן פּינקטלעכער, כּדי נישט אַרײַנצופאַלן ווי אַ יוון אין סוכּה), וועגן ליכטאָפּצאָל אאַז״וו, אָנווײַזן

אויפן חילוק אין דער לאַגע פון די יידישע לערערס און די קריסטלעכע בנוגע פענסיעס נאָכן אויסדינען די יאָרן. יידן גיט מען דאָס נישט. מען קען אָנווייזן, אַז אויך קריסטלעכע לערערס ווערן אָפט אַריבערגעפירט אין יידישע לערן־אַנשטאַלטן, ווען עס דערנענטערט זיך דער טערמין פון אויסדינען די פענסיע, כדי מען זאָל די דאָזיקע פענסיע אויסצאָלן פון יידישע סומעס. איך ווייס אַזאַ פאַל מיט איינעם אַ דירעקטאָר פונעם לערערשן ווילנער אינסטיטוט. מען האָט אים אַריבערגעפירט דוכט זיך שיעור נישט אויפן 24טן יאָר פון זיין דינסט. איך האָב אייך פאַרשטייט זיך נישט געזאָגט קיין שום נייס, דאָס האָט איר בלי־ספק אַליין אויך געוווּסט און געהאַט אין זינען, דעריבער בעט איך אייך מוחל זיין די אָנווייזונגען.

וואָס שייך צום צווייטן פאָרשלאָג אייערן וועגן רוסלאַנד סוף 19טן יאָר־הונדערט, וואָלט איך אייך געבעטן כאָטש אָנמערקן די פראַגעס, וואָס וועגן זיי קלערט איר צו שרייבן. איך וועל צוגעבן נאָך עטלעכע ווערטער. כדי צו פירן די אָפטיילונג „אינעווייניקסטער איבערבליק" אָדער בכלל [צו שרייבן] אַרטיקלען וועגן רוסלאַנד, און שרייבן זיי פון שטאַנדפונקט פון די אינטערעסן פון יידישן פראָלעטאַריאַט, מוז מען האָבן דעם „וואָסכאָד". שרייבט אים אויס אויף די מיט־לען פון בונד, אויב דערויף וועט נישט איינגיין דאָס פּאַריזער קרייזל. דאָרטן וועט איר געפינען די נייסטע געזעץ־פעסטזעצונגען וועגן יידן. זייער וויכטיק וואָלט געווען, איר זאָלט באַקומען מישס בוך Законоположения о евреях, נאָר ס'קאָסט דוכט זיך זייער טייער. פרעגט זיך נאָך על־כל־פנים, אָדער אפשר וועט זיך דאָס געפינען אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק. איר זעט, אַז ביי מיר האָבן אַ ספּעציעלע ווערדע אָט די אַרטיקלען אייערע, איך וואָלט וועלן, זיי זאָלן זיין אָן אַ פגם פון שטאַנדפונקט פון אַ יידישן אַרבעטער־זשורנאַל, אַז זיי זאָלן פאַרפולן דעם בלויז וואָס איז צום אומגליק צו ברייט אין דער בונדישער ליטע־ראַטור. נעמט זיך ערנסט פאַר דער זאַך. — איך פאַרהאָף, אַז איר וועט זיך אין גאַנצן אַן עצה געבן מיט דער דאָזיקער אויפגאַבע. דאָס אויספירן זי, דערין ספק איך גאָרנישט, וועט אייך געבן אַ מאָראַלישע באַרויקונג אויך און וועט ברענגען אַן אומפאַרבייטלעכן נוץ אונדזער אינאיינעמדיקער זאַך. איך האָב שוין דוכט זיך גענוג אָנגעפּלוידערט. צייט צו ענדיקן 1).

1) דעם אַרטיקל וועגן פאָלקסבילדונג האָב איך אָנגעשריבן, און ער איז געווען געדרוקט אין „יידישן אַרבעטער". נאָר קיין שום ספּעציפיש יידישע פּראָבלעמען זענען

אַל, אַל דאָס גוטס אייך. יעטווידער הצלחה פּערזענלעך און געזעלשאַפטלעך.

אייער פריינט

אַ.

אַ הייסן גרוס אייער פרוי. מיט אַנען2) באַגעגן זיך דאָ אָפט און כ׳וואָלט זיך באַגעגנט אָפטער, נאָר זי דרייט זיך אַרויס פון אַרבעט.

ס׳קען אַגב זיין, אַז אייער אינעווייניקסטן איבערבליק וועט מען קענען פאַר־אייניקן מיט מאַקאָוויס אינעווייניקסטן איבערבליק, אויב ער וויל שרייבן: ער וועט מסתמא נישט שרייבן וועגן אַזעלכע פּראָגעס ווי פאָלקסבילדונג, וועגן ביל־דונגס־געזעלשאַפטן. על־כל־פּנים וועט מען קענען צעטיילן די פּראָגעס. און דאָס בעסטע איז, ווען איר וועט זיך וועגן דער פראַגע צונויפשרייבן מיט אים.

מיר בעט איך אייך שרייבן אַזוי אָפט ווי איר ווילט נאָר.

2

[זשענעוו 1900]

טייערער פריינט!

איך בין געווען אַוועקגעפאָרן אַ צוויי וואָכן און האָב דערפאַר באַקומען אייער בריוו ערשט די טעג. ס׳האָט זיך אָנגעקליבן פאַר דער צייט פון מיין נישט זיין דאָ אַזאַ שרעקלעכע מאַסע אַרבעט, אַז איך האָב נישט געקענט שרייבן תיכף נאָך מיין קומען אַהער.

איר האָט אָפּנים נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען מיין בריוו. איך האָב אייך נישט פאָרגעלייגט צו שרייבן אויסשליסלעך פון יידישן לעבן: דאָס וואָלט געווען אַ טיפּשות, כל־זמן דער יידישער פּראָלעטאַריאַט לעבט אין אַ היפּשער מאָס אונטער דעם זעלבן פּאָליטישן צוואַנג, אונטער דעם זעלביקן זעלבסט־הערשע־רישן רעזשים ווי די פּראָלעטאַריערס פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד. איך האָב נאָר געשריבן, אַז [מען דאַרף] אויסטייטשן די רוסישע ווירקלעכקייט און די בולטסטע פאַקטן פון רוסישן לעבן אויף וויפל ס׳איז מעגלעך פון שטאַנד־פּונקט פון די אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. ס׳פאַרשטייט זיך פון זיך

דאָרטן נישט געווען אָנגערירט. איך האָב גערעכנט וועגן דעם מצב פון בילדונג ביי יידן אָנצושרייבן אַ באַזונדערן אַרטיקל, נאָר דערצו איז נישט געקומען.

2) דאָ רעדט זיך וועגן אַנע באַרישניק, אַ ווילנערין, וואָס ביז איר אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד האָט זי אָנטיילגענומען אין אונדזער באַוועגונג.

אַליק, אַז מען דאַרף זיך נישט באַגרענעצן און אויסשליסלעך מיטן לעבן פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט, אויסשליסלעך מיטן רוסישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, נאָר [מען דאַרף] האָבן אין זינען און שטעלן דעם טראָפּ אויך אויפן ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויף די מאָסמיטלען און געזעץ־פעסטזעצונגען לגבי דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און אַפילו ייִדן ווי ייִדן, דאָס הייסט אויף וויפל די דאָזיקע געזעץ־פעסטזעצונגען האָבן אין זינען אויסשליסלעך ייִדן. פאַרגעסט נישט, אַז מיר קעמפן פאַר דער בירגערלעכער גלייכרעכטיקייט פון ייִדן בכלל, פונעם גאַנצן ייִדישן פאָלק. דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט קען ווי אַ פּראָלעטאַריאַט בכלל נישט פאָדערן פאַר זיך קיין אויסנאַמיקע רעכט, נאָר ער שפּרייט תמיד אויס די דאָזיקע רעכט אויף אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. געפינענדיק זיך סאַמע אונטן, קען ער זיך באַפרייען נאָר ווען ער האָט באַפרייט איינצייטיק אַלע איבערגעבלייען אויך, אַלע שיכטן וואָס שטייען העכער פאַר אים אויפן געזעלשאַפטלעכן לייטער.

מיט מאַקאַווייען האָב איך זיך געזען פערזענלעך. ער וועט אויך שרייבן, אָדער בעסער געזאָגט, ער וויל שרייבן דעם אינעווייניקסטן איבערבליק. ווי איך האָב טאַקע משער געווען, וועט ער וועגן אָנהייב־בילדונג נישט שרייבן, אַזוי אַז על־כּל־פּנים די פראַגע בלייבט אינגאַנצן ביי אייך אין די הענט. וועגן די אַנדערע פראַגעס וואָס איר האָט אָנגעמערקט וועט ער גיכער ווי אַלץ אויך נישט שרייבן, אַזוי אַז איר קענט איינער דעם אַנדערן נישט שטערן, קיינער וועט נישט אַריינקריכן אין יענעמס שטח. צי קענט איר נישט אַגב באַקומען דעם „וויעסטניק יעוראָפּי“. ווייטער, צי שערט נישט אייער פאַריז קרייזל אויס די „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי“. אויב יאָ, וועל איך בעטן אַ דערלויבעניש איבערצושיקן די דאָזיקע אויסשערונגען פריִער צו אים, און ער וועט זיי שוין אָפּשיקן קיין בריסל. שרייבט אָן וועגן דעם.

לסוף וועגן האָנאָנאַר. דאָס איז אַ פראַגע זייער אַ קיצלדיקע. מיטלען האָבן מיר זייער ווינציק, ווי אַזוי ס'וועט אַרויסקומען אייער ליטעראַרישע אונטערנעמונג איז דערווייל שווער צו זאָגן, קיינער פון אונדז האָט נישט געלייענט אייערע זאַכן. דעריבער קען די דאָזיקע פראַגע אין בעסטן פאַל בלייבן אָפן. אַגב, איר האָט געשריבן פאַר ר״ד 3). שרייבט אָן זייט מוחל, אויף וואָס פאַר אַ באַדינגונגען איר האָט זיך גענומען שרייבן פאַר זיי, וועלן מיר זען.

---

3) „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“, אָרגאַן פונעם פאַרבאַנד רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָט זיך געדרוקט אין זשענעוו.

ערשטע שפּראַצונגען

וואָס איז ביי אייך גוטס? וואָס מאַכט איר, די פרוי, צי נעמט איר אַנטייל אין דער ביבליאָטעק פון די ייִדישע אַרבעטערס און אין לעקציעס וואָס מען לייענט פאַר זיי. שרייבט.

אייער

אַל.

3

זשענעוו, דעם 16טן נאָוועמבער 1900.

טייערע פריינט!

די מאַטעריעלע און ליטעראַרישע עסקים זענען ביי אונדז זייער ביטער. פון ערגעץ קיין דרייער נישט און קיין אײן אַרטיקל. דער „ייִדישער אַרבעטער" דרוקט זיך נישט, ווייל עס פעלט מאַטעריאַל. אויב מיר אַלע, וואָס מיר פילן מיט דעם בונד, זאָלן זיך נישט צונויפנעמען און אָנשפּאַנען אַלע כוחות, קענען זיך די עסקים אָפּשטעלן אינגאַנצן. מיר איז געווען אַ חידוש, וואָס אפילו איר, ווי ס'האָט מיר געשריבן איוואַנ' 4), טראַכט ווייניקער וועגן בונד ווי וועגן פאַרבאַנד. באַמערקט, אַז איך האָב נאָר געמאַכט אַזאַ אויספיר פון איוואַנ'ס בריוו, נאָר איך גיב נישט איבער אות־באות זיינע ווערטער. אויב ס'איז אַזוי, טאָ פון וואַנען קענען מיר האָבן הילף? אין רוסלאַנד לויפן ייִדן פון דער ייִדישער באַוועגונג אין דער רוסישער אַרייַן, אין רוסלאַנד רייניקט זובאַטאָוו די רעשטלעך פון די בעסטע כוחות פון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, און דאָ זענען פון איין זייט עקסטע נאַציאָנאַליסטן און ציוניסטן און פון דער אַנדער זייט פאַררוסישטע ייִדן וואָס ווילן גאָרנישט וויסן וועגן בונד און באַציִען זיך אַפילו צו אים מיט שינאה. ביי אַזוינע אומשטענדן איז אַ זינד, אַז אַפילו נאָענטע מענטשן ווי איר, וואָס זיי האָבן גענומען אַזאַ אַקטיוון אַנטייל אין רוסלאַנד אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, זאָלן דאָ אויך נישט אַריינלייגן טירחה און נישט אָרגאַניזירן קרייזלעך, צונויפנעמען ליטעראַרישע כוחות, עקספּלואַטירן אַלץ וואָס ס'טויג אויף צו העלפן דער זאַך וואָס איז אונדז אַזוי טייער. איך זאָג נישט פאַרשטייט זיך, אַז מיר זאָלן גאָרנישט טון פאַרן פאַרבאַנד אויך, ווייט נישט, נאָר דעם נאָענטסטן וויכטיקסטן

4) איוואַנטשיק, אַ טוער פונעם פאַרבאַנד רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „ראַבאָטשעיע דיעלאָ".

אָרט אין אונדזער טעטיקייט דאַרף פאַרנעמען די אַרבעט פון בונד. אין פאַריז האָבן מיר באַשלאָסן איינצואָרדענען קרייזלעך אָנצוקלייבן נייע מיטגלידער פאַר דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע. מיר דאָ 5) האָבן שוין געגרינדעט אַזאַ קרייזל, נאָר פון אים קען מען זיך דערוויל ריכטן אויף ווינציק נוצן, וואָרעם די מער־הייט זענען אַלץ מענטשן וואָס זענען ווינציק באַקאַנט מיט דער קאָלאָניע און קענען געבן ווייניק הילף פאַר בונד. און איר? איר האָט עפּעס געטון אין דער ריכטונג? ביי אייך זענען פאַראַן קאַגאַן, ווילטער, רייכנשטיין 6) און מסתמא אַ סך אַנדערע וואָס קענען אַלע שרייבן און קענען העלפן אין אַנדערע פּרטים אויך. צי האָט איר מיט זיי גערעדט וועגן דעם, צי האָט איר זיי געטאָרעט? צי האָט איר געבעטן פון דאַנען יידישע ליטעראַטור צום פאַרקויפן? איך ווייס נישט. די זאַך מיט די קרייזלעך פירט אָדער דאַרף פירן טימ׳ 7), צי שרייבט ער זיך דורך מיט אייך?

לעאָן, לעאָן, טשוכעט זיך אויס! אַרבעט, אָרגאַניזירט, שרייבט, קלייבט אויף אַלע כוחות וואָס זענען פאַראַן, טאָרעט זיי, זעט, זיי זאָלן עפּעס טון, נעמט זיי אין די הענט אַריין און צווינגט זיי צו העלפן דעם בונד. ווילטער איז איצטער מער אָדער ווייניקער פריי, איך האָב געהערט, אַז ער קען גוט די יידישע שפּראַך, געהערט, אַז ער קען אַ ביסל שרייבן, אַז ער האָט געלייענט פריער אין פאַריז אַ לעקציע וועגן אוטאָפּישן סאָציאַליזם אויף זשאַרגאָן. זעט זיך מיט אים, שמועסט זיך דורך מיט אים, פאַראינטערעסירט אים מיט דער זאַך פון בונד. אויב ער קען נישט שרייבן קיין אָריגינעלע אַרטיקלען, זאָל ער זיך פאַרנעמען מיט איבער־

5) אין זשענעוו.

6) קאַגאַן איז דעמאָלט געווען דער פאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון אַ רוסישער פּראָווינציעלער צייטונג און איז שפּעטער געוואָרן פיל־ווינציק באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים ג. טאַסין. ער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס סימפּאַטיע צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר לויט זיין שפּראַך און זיינע קאָנטשאַפטן האָט אים מער געצויגן צו דער רוסישער באַוועגונג. ער האָט דעמאָלט אָנטיילגענומען אינעם פאַרבאַנדישן קרייזל, דער־נאָך זיך אומגעקערט אומלעגאַל קיין אויסלאַנד, איז געווען אַרעסטירט און פאַרשיקט; ווי אַן אָנטיילנעמער אין דער ראָמאַנאָווקע איז ער אַוועק אויף קאַטאָרגע און איז 1908 צוריק געוואָרן אַן עמיגראַנט.

נאָום ווילטער, אַ סטודענט, איז אויך געווען אַ מיטגליד פון פאַרבאַנדישן קרייזל, נאָר ער האָט אין גיכן גענומען אַקטיוו אַרבעטן אין בונדישן קרייזל אויך.

וועגן רייכנשטיינען קען איך זיך נאָר נאָר דערמאָנען, אַז זי איז געווען אַ סטו־דענטין און איז אין גיכן אַוועקגעפאָרן קיין בערלין.

7) טימאָפיי קאָפּעלזאָן.

זעצן פון רוסיש און פראַנצויזיש אויף זשאַרגאָן. איך וועל אים אויך באַלד אָנ־שרייבן וועגן דעם, נאָר איר דאַרפט נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו און נאָכקוקן נאָך אַלע אין פּאַריז. איר דאַרפט נישט קיין שום אָנווייזן, איר ווייסט, וואָס עס פאָדערט זיך פאַר אונדז, וואָס און ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן. איר דאַרפט דעריבער נעמען אויף זיך די ראָלע פון אַ באַגייסטערער און אָנווייזן, פאַרטיילן די מאַטע־ריאַלן. דאָס וואָס איך האָב געשריבן וועגן ווילטערן, קען מען זאָגן וועגן קאַגאַנען אויך. ער געוועלטיקט איבער דער פעדער און קען שרייבן רוסיש. ער איז באַקאַנט מיט פראַנצויזישע עניינים, און איצט איז דאָרטן געוועזן אַזוי פיל אינטערעסאַנטס. דער שלום־צוזאַמענפאָר, די ערשטע זיצונג אין פּאַרלאַמענט, איצטער עפנט זיך דאָרטן עפּעס אַ נייע פּאַנאַמע. ער וואָלט געקענט דאָס אַלץ אויסלייגן, אויב מען זאָל אים נאָר ברענגען דערצו, אויב מען זאָל זיך אויף אים אָנזעצן. איך ווייס נישט, וואָס עס קען שרייבן רייכנשטיין, נאָר איר האָט אַליין געזאָגט, און אַנדערע זאָגן אויך, אַז שרייבן קען זי. קלייבט אָפּ וועלכע עס איז טעמעס, כאָטש פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע וועגן עקאָנאָמיע, וועגן דער געשיכטע פון דער באַוועגונג אין אַ לאַנד, וועגן איינער פון די רעוואָלוציעס אאַז״וו. אאַז״וו. שרייבט אָן, איך בעט אייך, באַלד, ווי אַזוי איר קוקט אויף דעם אַלעם, צי האַלט איר נישט, אַז איך שטיי צו צו שטאַרק און [צי האַלט איר,] אַז דער דאָזיקער פאָרשלאָג מיינער לאָזט זיך דורכפירן.

שרייבט אָן וועגן זיך, דער פרוי, ווי אַזוי עס לעבט זיך, ווי אַזוי איר רעכנט זיך איינצוואָרדענען אינעם נאָענטסטן עתיד.

זייט מיר מוחל פאַר דעם דאָזיקן בריוו, נאָר די צייט איז אַ קריטישע. ס'ליגט נישט אין קאָפּ צערטלעכקייטן און אָפּקלייבן די אויסדרוקן. איר קענט מיך און איר וועט פאַרשטיין, וואָס עס האָט מיך געפירט, און איר וועט נישט לייגן קיין אַכט אויף דעם פאָרם.

אייער פריינט

אַל.

אַ הייסן גרוס דער פרוי.

כ'וועל אפשר גאָר נאָך היינט אָנשרייבן קאַגאַנען אויך. איך בין דאָ פאַרנומען ווי אַ הונט. פאַרנומען מיט דער סאַמע שוואַרצער אַרבעט פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט. נישטאָ קיין צייט אַפילו אַ צייטונג אַ לייען צו טון. אַ פאַרשיווע לאַגע. באַלד וועל איך שוין אַרויסקוועטשן פון זיך אַלץ וואָס איך קען

געבן, אויב איך האָב שוין נישט אַרויסגעקוועטשט דאָס אַלץ, און דערנאָך וועט מען מיך אַ וואָרף טון פאַר אַ פּרעס די שאָקאַלן 8).

4

London יוני 8, 1901

טייערער פריינט!

איך בין זייער צופרידן, וואָס ס'איז אייך געראָטן צו באַקומען אַרבעט פון פרנסה וועגן. אמת, ווינען אַליין אין אַן אומבאַקאַנטער שטאָט 9) צווישן אובאַקאַנטע מענטשן איז זייער און זייער נישט איינגענעם און שווער. נאָר צי איז דען געווען גרינג צו לעבן אין פאַריז אָן פרנסה? איך גיי ממש אַראָפּ פון זינען, וואָס איך קען דאָ נישט פאַרדינען קיין גראָשן. כ'האָט באַקומען אָט ערשט איבערצושרייבן, נאָר דאָס ווייסן מיר נאָך אויך נישט, צי דעם אויטאָר וועט געפעלן ווערן מיין כתב. אויב ס'וועט געראָטן אַריינצובאַקומען דאָס דאָזיקע איבערשרייבן, וועל איך פאַרדינען פאַר אַ וואָך /30, ד"ה ביי 40 פר. און ווייטער: איין אַלאַה ווייס. נאָר נישט דאָס איז דער עיקר.

פאַר וואָס שרייבט איר נישט, צי איר האָט באַקומען דעם „וואָסכאָד"? איך האָב אים אייך אַרויסגעשיקט פון דאַנען, אויב איר האָט איבערגעלייענט שוין און גענומען פון דאָרטן אַלץ וואָס איז געווען נייטיק, שיקט אים אָפּ צוריק אַהער.

ווען האָט איר געשיקט דעם המשך פונעם „אי[עווייניקסטן] איב[ערבליק"]. צי איז דאָס אַ המשך, צי האָט דאָס עפּעס אַ צוזאַמענבונד מיט די פריִערדיקע, צי האָט איר אויסגענוצט כאָטש אין וועלכער עס איז מאָס די אינפאָרמאַציעס פון „וואָסכאָד". ס'וואָלט נישט געשאַט צו פאַרצייכענען דעם נייעם פירוש פון סענאַט וועגן מלוכישע שטעלעס פאַר ייִדן.

---

8) דעם דאָזיקן בריוו האָב איך איבערגעלייענט עטלעכע חברים, בתוכם פאַר דעם אין אים דערמאָנטן נאָום ווילטערן. מיר האָבן זיך טאַקע „אויסגעטשוכעט". דאָס קרייזל וואָס אַלעקסאַנדער האָט געפאָדערט האָבן מיר געגרינדעט. נאָר מיר זענען געווען זייער קליין אין צאָל... דער עיקר האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט מאַטעריעלע מיטלען; אויך האָבן מיר גענומען פירן אַן אַגיטאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער וואָס זענען געקומען פון פוילן און רוסלאַנד. איך בין אָגב אין גיכן אַוועקגעפאָרן פון פאַריז.

9) איך בין אַוועקגעפאָרן קיין ליאָן, ווו איך האָב זיך געקענט ריכטן אויף אַרבעט וואָס האָט מיר געקענט איינטראָגן 60—70 פראַנק אַ חודש.

זאָגט, צי העלפט נישט די אַרבעט אייער שטימונג, צי איז דאָס נישט דער בעסטער מיטל זיך אויסצוהיילן פון אַלע מחלות און נישט־איינגענעמקייטן אין לעבן, צי איז דאָס נישט דער בעסטער מין זיך צו פאַרגעסן, זיך צו קאָנצענטרירן אויף איין עיקרדיקן פאַרשלינגענדיקן געדאַנק, וואָס וועגן אים און צוליב אים שרייבט מען און אַרבעט מען, צי איז דאָס נישט דאָס בעסטע גליק אָפּצוגעבן זיך מיטן גאַנצן יש, מיט אַלע רעיונות, צו פאַרגעסן וועגן אַליך, צו פאַרגעסן וועגן אַלע, אַ חוץ איין זאַך, איין פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס.

מיר פעלט דער דאָזיקער תענוג, און איך פיל זיך שוידערלעך, מיר העלפט נאָר מיין לייכטזיניקייט, מיין אויבנאויפקייט. שרייבט אָפטער. ס'איז געקומען צו פאָרן ראַבקין 10) פון אַמעריקע, נאָר ביז וואַנען אונדזער דרוק וועט אַריבערפאָרן אַהער, מוז ער נישט אַנדערש געפינען עפּעס אַן אַרבעט. איך האָב געשריבן צו קריטש[עווסקין], צי איז נישטאָ קיין אַרבעט פאַר אים אין פּאַריז ווי אַ ייִדישער אָדער רוסישער זעצער. קיין ענטפער האָב איך נישט באַקומען. שרייבט איר ווען עס איז, זאָל מען פרעגן אין די רוסישע דרוקן; דאָרטן איז דאָך פאַראַן עפּעס אַ לעגאַל צייטונגל אויף רוסיש.

אין ליאָן איז פאַראַן איינער אַ באַקאַנטער וואָלפאָוויטש Claude Bernard 25, זעט זיך צו באַקענען מיט אים, ער וואָלט געקענט שרייבן עפּעס פאַרן „ייִדישן אַרבעטער".

אַל דאָס בעסטע.

אייער

אַל.

5

דער אַלגעמיינער אידישער
אַרבעטער־בונד
אין רוסלאַנד אונד פּוילען

[לאָנדאָן, סעפּטעמבער 1901]

טייערער פריינט.

דאָס קעפּל וויזט אייך אָן, אַז מיר זענען שוין אין לאָנ[דאָן]. דריי וואָכן אויפן זייגער האָב איך געפּטרט אויף זוכן אַ דירה, צוויי וואָכן שווערע אַרבעט אויף צו

10) איסר ראַבקין. ער איז אָנהייב 1902 אַוועקגעפאָרן אומלעגאַל קיין רוסלאַנד, אין רשות פון צ"ק, און איז ביז סוף 1905 געווען דער הויפּטזעצער אין דער דרוק פון „אַרבעטער־שטימע" אין וואַרשע.

ברענגען אַלצדינג אין אָרדענונג. איז קיין חידוש נישט, וואָס איך האָב אייך נישט געשריבן די גאַנצע צייט. איינגאַנצן אומזיסט שרייבט איר צו מיין שוויגן אַ בייזן ווילן און אַן אומחשק צו שרייבן. איצטער אַרבעט איך און וועל אַרבעטן דעם גאַנצן טאָג ווי אַ זעצער, און ביינאַכט וועל איך טון אַלע אַנדערע זאַכן. אַ לעבן נישט קיין פריילעכס וואַרט אויף מיר, נאָר פאַרפאַלן, איך בין נישט ביכולת אויף אַן אַנדער אופן צו פאַרדינען אויף חיונה. פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך בין דאָ האָב איך פאַרדינט ביי 4 פונט, ד"ה, 100פראַנק, אַ רובל 25 האָב איך באַקומען פון פאַטין, 25 רובל האָב איך געליִען ביי באַקאַנטע. דאָס איז דאָס גאַנצע געלט וואָס איך האָב אויסגעגעבן פאַר דער צייט וואָס איך ווין אין לאָנדאָן. וואָלט איך געהאַט אַ ביסל געלט, לכל־הפחות אויף אַ 4 חדשים, וואָלט איך אפשר געקענט עפּעס וואָס פאַרדינען רעגולערער. דאָ, ווי עס איז אייך באַוווסט, איז איינע פון די בעסטע אומזיסטע ביבליאָטעקן — British Museum — און מען האָט מיר אַפילו געגעבן אַ טעמע און צוגעזאָגט פאַרריכטן, אויב די אַרבעט וועט אַרויסקומען נישט איינגאַנצן געראָטן, מען האָט צוגעזאָגט אַריינגעבן [אין אַ זשורנאַל] אָדער אַרויסגעבן. נאָר איך פאַרמאָג גאָרנישט, און אַזוי איז נאָך בעסער. איך וועל זיך אויסלערנען די זעצערשע מלאכה און וועל קענען דערנאָך רעגולער פאַרדינען ווו איך זאָל נישט ווינען, וווהין דער גורל זאָל מיך נישט פאַרוואַרפן. אין אַ האַלב יאָר, רעכן איך, וועל איך שוין קענען פאַרדינען מער ווי גענוג פאַר זיך, און דערווילע וועל איך פאַרדינען ווינציקלעך און פונקט אַזוי פיל אויסגעבן. מאַטעריעל בין איך הייסט עס מער אָדער ווייניקער באַזאָרגט.

אונדזערע עסקים זענען אין אַלגעמיין גענוג שוואַך, מיטלען זענען פאַראַן ווינציק, כוחות נאָך ווינציקער. אין רוסלאַנד איז ביי אונדז אַ שרעקלעכער דוחק אין ביידע זאַכן. עס אַרבעטן איבער די כוחות מענטשן, ס'קומט אויס אַרויסצוגעבן נישט נאָר אויף יִדיש, נאָר אויך אויף רוסיש און אויף פויליש. אייך איז באַוווסט שוין, אַז „איסקראַ" איז אַרויסגעטראָטן שוין קעגן אונדז עפנטלעך, נאָך איר וועלן נאָכגיין אויך אַנדערע מסתמא, און אפשר אויך דער פאַרבאַנד. אונדז וועט אויסקומען גיכער ווי אַלץ אַרויסצוגעבן עפּעס אויף רוסיש אויך.

וועגן די רוסישע עסקים האָב איך נישט די מינדסטע השגה. דער פאַרבאַנד שרייבט מיר גאָרנישט. צי וועט זיין אַ צוזאַמענפאָר אַ פאַרבאַנדישער, צי וועט זיין אַ קאָנפערענץ פון אַלע גרופּעס — איך ווייס גאָרנישט, ס'ווייסן אַפילו די חברים אויך נישט. דער פאַרבאַנד האָט קיינעם פון אונדז וועגן דעם גאָרנישט געשריבן. איך ווייס נישט, וואָס עס דרוקט זיך איצטער. מערנישט איר האָט מיר

געשריבן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַן איבערבליק פון דער ידישער אַרבע־טער־באַוועגונג אין „ר[אַבאָטשעיע] ד[יעלאָ״]. 11). הייסט עס, אַז דער דאָזיקער נומער דאַרף באַלד אַרויסגיין. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז מיטאַמאָל איז נישט געוואָרן קיין אָרט פאַר אַזאַ איבערבליק, בשעת ווען ביז איצטער פלעגט דערויף אַלע מאָל יאָ קלעקן אָרט. אַ סימן פון דער צייט. צי איז דאָס נישט אַ צווייטער „היסטאָרישער קערפּונקט״?

איליאַ [ראָזנבערג] איז שוין אין אויסלאַנד. איך האָב פון אים באַקומען נאָר איין קאַרטל פון אַ ריין פּריוואַטן כאַראַקטער. ער וועט ווינען, ווי ס׳שרייבט מיר וולאַד[ימיר], 12) מסתמא אין מינכן.

וואָס איז ביי אייך גוטס? אפשר איז אייך עפּעס באַוווסט וועגן רוסישע ענינים — שרייבט אָן. נישט שוין זשע איז אין רוסלאַנד אינגאַנצן שטיל.

ביי אונדז [אין דער ליטע] האָט זיך געשאַפן אַ נייע „אומאָפּהענגיקע ידישע אַרבעטער־פּאַרטיי״. די פּראָגראַם איז פון אַן אויסשליסלעך עקאָנאָמישן כאַראַק־טער, שטאַרק געגליכן צו דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אַריבערגעזעצט אויפן רוסישן באָדן. אין זייער מאַניפעסט פאַלן זיי אָן אויפן בונד פאַר זיין פּאָליטישער ריכטונג און מעלדן, אַז זיי ווילן אָננעמען אין זייערע רייען „מענטשן״, צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי זיי זאָלן נישט געהערן. איך האָב געהאַט אינגאַנצן איין עקזעמפּלאַר און כ׳האָב אים אָפּגעשיקט צו די חברים אין שווייץ.

ווען איך וועל באַקומען אַ צווייטן עקזעמפּלאַר, וועל איך אייך אָפּשיקן.

דאָס איז אַ טיפער קוריאָז, נאָר פאַר איינס אויך אַ טרויעריקע דערשיינונג. מסתמא וואַקסט דאָס פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. 13). עפּעס פון דעם מין האָט זיך אַגב געשאַפן אין מאָסקווע אויך, איך האָב דאָס געהערט ערגעץ פאַרבייגייענ־דיק, קיין פּרטים ווייס איך נישט. אָט זענען עס אַלע נייסן פאַר דער דאָזיקער צייט.

אייער אַל.

11) אי עטלעכע נומערן פון דעם דאָזיקן זשורנאַל און אויך איינעם:
Листок Рабочего Дела
האָב איך געהאַט געדרוקט איבערבליקן איבער דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

12) וולאַד׳ קאָסאָווסקי איז דעמאָלט געווען אין בערן, קיין לאָנדאָן איז ער אַריבער־געפאָרן סוף 1901.

13) בקרוב האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די השערה איז געווען אַ פאַלשע. דער מאַכער פון דער פּאַרטיי איז געווען זובאַטאָוו, דער שעף פון דער מאָסקווער אָכראַנע.

ל. בערנשטיין

6

[לאָנדאָן 1902]

טייערע פריינט!

דאָ איז אָנגעקומען אַ פּריוואַטער בריוו פון דווינסק. מען שרייבט, אַז דעם 18טן אַפּריל [14] איז דאָרטן געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון 2.500 מענטשן. מען איז געגאַנגען איבער די גאַסן, געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער, אונטער אַ רויטער פאָן. מען האָט אַרויסגערופן מיליטער — אַכט באַטעריעס און פיר פּאָלקן פוסגייערס. מען האָט אַרעסטירט ביז 700 מענטשן. דעם 22טן אַפּריל האָט מען זיי געמישפּט, און אַ גרויסע שטראָף איז אַרויסגעקומען 3 חדשים תפיסה. ס'זענען געקומען צו פאָרן קיין דווינסק פון ריגע 300 מאַן אַרבעטערס, נאָר מען האָט זיי נישט דערלאָזן און אומגעקערט צוריק. מען פאַרהאָפט נאָך איינצואָרדענען אַ מאַניפעסטאַציע דעם 1טן מאַי דעם רוסישן.

מען גיט איבער, אַז אין מאָסקווע האָט זיך געשאַפן אַ „פאַרבאַנד צו קעמפן פאַר אויפקלערונג". די פאָדערונגען: פרייהייט פון פרעסע, וואָרט, פרייהייט פון לערנען, אָפּשאַפן די דערוויילוקע כללים, אָפּשאַפן לייבשטראָף אאַ"וו. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע צו דער געזעלשאַפט און צו דער יוגנט. זיי לייגן פאָר, אַז די יונגע זאָלן דערווייל אָוועקוואַרפן דעם קאַמף און זיך גרייטן צו די קומענדיקע געשעענישן. אָט האָט איר אייך די רוסישע ליבעראַלע „פאַרבאַנדן צו קעמפן", וואָס לייגן פאָר דערווייל אָוועקוואַרפן דעם קאַמף.

אייער כתב־יד האָב איך באַקומען. וועגן אים וועל איך אייך אָנשרייבן שפּעטער, אָן אַנדערש מאָל. וואָס איז נייס? פאַר וואָס שרייבט איר נישט? נישט שוין זשע האָט איר נישט קיין אינפאָרמאַציעס.

שרייבט נאָכאַמאָל אָן קיין זשענעווו, מען זאָל אייך צושיקן צייטונגען צום רעצענזירן. שרייבט אָן וועמען עס איז פונעם קרייזל. בעט, מען זאָל אייך אויך צושיקן דאָס ביכל „די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג" און פּלייסט זיך צו פאַרקויפן עס ביי אייך אויך. איר וועט דאָס איבערגעבן דעם ניי־אָרגאַניזירטן קאָמיטעט, זיי וועלן דאָס פאַרקויפן, איר מעגט פאַרקויפן צו 40 סאַנטים. טוט דאָס נישט אַנדערש.

ביזן קומענדיקן בריוו.

אייער

אַל.

---

14) ערשטער מיי לויטן נייעם סטיל.

7

[לאָנדאָן, סעפּטעמבער 1902]

טייערער פריינט!

טויזנט מאָל בעט איך אייך מוחל זיין פאַר מיין שווייגן, כ'וועל זיך נישט פאַרענטפערן, נישטאָ קיין פאַרענטפערונג דערפאַר. אמת, איך האָב זיך געקליבן אַ מאָל צען שוין צו שרייבן אייך, נאָר די קליינקייטן פון לעבן פלעגן מיך אַלץ אָפּציִען.

אייער אַרטיקל וועגן פראַנקרייך וועט גיין אין דעם נומער, ער איז שוין כמעט אינגאַנצן איבערגעזעצט. ער איז צעטיילט אויף צוויי באַזונדערע אַרטיקלען: [.1] וואַלדעק־רוסאָס מיניסטעריום, 2. די וואַלן אין פראַנקרייך. מען מוז מודה זיין, אַז ער איז אָנגעשריבן אַ ביסל אויבנאויפיק, ווייזט אויס, איר האָט זיך אינגאַנצן נישט באַנוצט מיט די דייטשע מקורים, ווי ראָזע לוקסעמ[בורגס] און פאַרוווסעס אַרטיקלען. ביי אייך איז אַ שטיגער אינגאַנצן נישט פונאַנדערגעאַרבעט די זייער וויכטיקע פראַגע וועגן דעם, צי איז די רעפּובליק געווען אין סכנה. און דאָס איז דאָך געווען די קאַרדינאַלע פראַגע, וואָס מיט איר האָבן זיך אַזוי ברייט באַנוצט ביזן לעצטן מאָמענט די חסידים פון וואַלדעק־מיליעראַנס מיניסטעריום. די דאָזיקע פראַגע איז גראָד גוט פונאַנדערגעאַרבעט ביי לוקסעמבורג. ביי אייך זענען פאַראַן עטלעכע אַפּיקורסישע ערטער וואָס ווייזן אָן אויף אייער מיינונג וואָס איז סאָלידאַריש מיט זשאָרעס' מיינונג וועגן דער טיילווייזער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, וועגן אַריינשפּרענקלען אים אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. די דאָזיקע ערטער זענען געביטן געוואָרן אין פאַרקערטן זינען. איך פאַרהאָף, אַז דאָס זענען פּשוט געווען נישט־געראָטענע צווייטייטשיקע אויסדרוקן און איר וועט גאָרנישט האָבן קעגן די שינויים אין די דאָזיקע ערטער.

אַזוינע ערטער זענען אָבער זייער ווינציק, און שינויים זענען אויך אַריינגעטראָגן געוואָרן נישט קיין סך. פון דער אַנדער זייט דאַרף מען אייך אָפּגעבן מזל־טוב: איר האָט זיך אויסגעלערנט בעסער שרייבן. איר שרייבט איצטער מער sachlich, וואָס דאָס וואַרפט זיך ספּעציעל אין די אויגן, ווען מען זאָל פאַרגלייכן מיטן אַרטיקל וועגן דעם צאַרס קומען קיין פראַנקרייך 15), אייער אַרטיקל וועגן אַליין־פאַרוואַלטונג איז נאָך נישט דורכגעקוקט, אין דעם נומער איז פאַר

---

15) דער דאָזיקער אַרטיקל, אָדער ריכטיקער, נאָטיץ, איז געווען געדרוקט אין דער „אַרבעטער־שטימע".

אים קיין אָרט נישטאָ. דער נומער וועט אַרויסגיין אין אַ וואָכן 3 אַרום. מיר וועלן זיך פּלייסן איצטער אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל ווי מעגלעך אָפּטער; איך ווייס נאָר נישט, אויף וויפל דאָס וועט זיך איינגעבן. מיר האָבן שרעקלעך ווייניק כוחות. מיר איז שטאַרק געפעלן אייער בריוו וועגן בונד אין Przegląd Socjal-Demokratyczny ס'איז שווער אין אַזאַ נישט קיין גרויסן בריוו בולטער אויסצומאָלן די סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אונדזער באַוועגונג. עס באַקומט זיך אַ געטריי און פאַר איינס באמת אַ גרויסאַרטיק בילד. פלייסט זיך צו גיין ווייטער אין דעם זעלביקן גייסט, דאָס וועט ברענגען דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג נישט ווינציק נוצן.

איך וועל זיך פלייסן איבערצוגעבן איך אין קורצע ווערטער דעם אינהאַלט פונעם צווייטן אַרטיקל „פון דער רעדאַקציע“ 17).

די ייִדישע פראַגע איז אַ ברענענדיקע פראַגע שוין פון לאַנג אין פּוילן. ס'האָבן זיך געפלייסט זי צו פאַרענטפערן איינע נאָך די אַנדערע די פאָרשטייערס פון די הערשנדיקע סאָציאַלע גרופּעס. פאַרענטפערן זי האָט זיך בשעתו גענומען די פּוילישע שליאַכטע. איר ציל איז געווען צוצובינדן ייִדן צו די אינטערעסן פון דער „זשעטשפּאָספּאָליטאַ“, פריִער אויף איינצוהאַלטן זי און דערנאָך אויף צו דער־שלאָגן זיך, אַז זי זאָל צוריק אויפגעשטעלט ווערן.

נאָר די אַנטוויקלונג פונעם בירגערלעכן געפיל ביי דער ייִדישער מאַסע, פּינקטלעכער געזאָגט, פונעם פּוילישן פּאַטריאָטיזם, האָט געדאַרפט פירן דערצו. אַז זיי זאָלן זיך פאַרינטערעסירן מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, [ס'האָט געדאַרפט] געבן זיי אַ מעגלעכקייט נישט נאָר צוצוקוקן זיך ווי זייטיקע צושויערס, נאָר אויך צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם דאָזיקן לעבן, האָבן זייער השפעה אויף אים, און דאָס קען ברענגען צו רעזולטאַטן וואָס זענען נישט אינגאַנצן געווונטשן פאַר דער שליאַכטע. עס קענען זיך אויסקלאָרן און אַרויסווייזן פאָדערונגען וואָס גייען להיפוך צו דער קלאַסן־הערשאַפט פון דער שליאַכטע. זי האָט דעריבער אָן זעלבסטמאָרד נישט געקענט אַוועקשטעלן די דאָזיקע פראַגע, פאַרענטפערן זי אין דער גאַנצער ברייט. די שליאַכטע האָט זיך נישט ווילנדיק געמוזט אָפּשטעלן אַפילו

16) לויט אַרקאַדיס בקשה האָב איך אָנגעשריבן פאַר דעם דאָזיקן פּוילישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן זשורנאַל אַן איבערבליק איבער דער טעטיקייט פון בונד. איך האָב דאָרטן ווייטער אויך געזאָלט דרוקן אַזעלכע „בריוו“, נאָר עפּעס איז דערפון גאָרנישט געוואָרן.

17) אין Przegląd Socjal-Demokratyczny

נישט אויפֿן האַלבן וועג, נאָר ביים סאַמע אָנהייב זיינעם, פּונקט ווי מחמת דער זעלביקער סיבה האָט די זעלביקע שליאַכטע נישט געקענט אינעם זעלביקן זינען פֿאַרענטפֿערן די פּויערים־פֿראַגע אויך. אין דעם און אין יענעם (ייִדן־פֿראַגע און פּויערים־פֿראַגע) האָט די שליאַכטע געליטן אַ פֿולן פֿיאַסקאָ. דאָס איינציקע, אויף וואָס זי האָט זיך באַשלאָסן, איז נאָר געווען צו „איידלען״ (באַגאָבן מיט אַדלשאַפֿט) איינציקע ייִדן. דאָס שטרענגע שרעקבילד פֿון דער בפֿירושדיקייט פֿון קלאַסנקאַמף האָט אָפּגעשטעלט די שליאַכטע אין איר פֿאַרלאַנג צו צעהאַקן דעם „גאָרדישן קנופּ״: באַפֿרייען ייִדן, געבן זיי גלייכרעכטיקייט, און אויך באַפֿרייען די פּויערים און מאַכן פֿון זיי פֿולרעכטיקע בירגערס האָט זיך נישט געקענט איינלייגן אין די ענגע ראַמען פֿון דעם אָנגעמערקטן ציל — אויפֿצוהאַלטן די „זשעטשפּאָספּאָליטאַ״ אָדער צוריק־אויפֿשטעלן זי. מיט דעם דאָזיקן וועג איז אפֿשר געווען מעגלעך זי צוריק אויפֿצושטעלן, אָבער דערביי האָט מען שוין געקענט אָנווערן די הערשאַפֿט פֿון אייגענעם קלאַס.

פֿאַרענטפֿערן די ייִדן־פֿראַגע האָט זיך גענומען דערנאָך אויך די צווייטע גרעסטע הערשנדיקע סאָציאַלע גרופּע — די בורזשואַזיע, די גרויסע און די קליינע. אין דעם פּרט האָט די בורזשואַזיע געמאַכט אַ גרעסערן טריט פֿאָרויס, בפֿרט נאָך אַז די פֿראַגע וועגן אָפּטיילן פּוילן [פֿון רוסלאַנד] האָט זי אָפּגערוקט אויף אַן אומבאַשטימטן עתיד. די אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם האָט פֿאַרבונדן די אינטערעסן פֿון דער פּוילישער בורזשואַזיע מיט די אינטערעסן פֿון גאַנץ רוסלאַנד פֿון איין זייט און מיט די אינטערעסן פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע אין פּוילן פֿון דער צווייטער. וואָס ס׳האָט נישט געקענט אויפֿטון די שליאַכטע, דאָס האָט געטון דאָס לעבן גופֿא, די אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם. דער ייִדישער קאַפּיטאַל האָט געלאָזן וואָרצלען אין פּוילן און האָט דערמיט פֿאַרבונדן זיינע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פֿון לאַנד. אויב נישט ייִדן, האָט אָבער דער קאַפּיטאַל באַקומען גלייכע רעכט, פֿון וואָסער אָפּשטאַם ער זאָל נישט זיין. די סאָלידאַרישקייט פֿון די אינטערעסן פֿון ייִדישן און נישט־ייִדישן קאַפּיטאַל האָבן [!] זיך פֿאַרבונדן מיט די אינטערעסן סיי פֿון די טיילן, סיי פֿון גאַנץ פּוילן. דער ייִדישער קאַפּיטאַל איז געוואָרן, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, אַ פּאַטריאָט פֿון זיין פֿאָטערלאַנד. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער ייִדישער קאַפּיטאַל, אַזוי ווי דער פּוילישער, האָט אויפֿגעהויבן די ייִדן־פֿראַגע שוין [נישט] אין דער פֿאָרם פֿון אומבאַשטימטע, מטושטשע בירגערלעכע רעכט (אין זינען פֿון uobywatelnienie — דאָס הייסט פֿאַרוואַנדלען אין אַ פּוילישן אָביוואַטעל, בירגער, ס׳האָט דעם פּשט פֿון בירגער־

לעכע רעכט בלייבנדיק אין דער זעלביקער צייט ייִדן), נאָר אין דער פאָרם פון
אַסימילאַציע, וואָס דאָס באַטייט שוין צונויפגיסן זיך, ד״ה אָפּווישן די אייגענע
אייגנקייט ווי אַ ייִד, צונויפגיסן זיך מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, איבערנע־
מען אַלע מינהגים, איינפירן, צענישטן דעם אייגענעם איך דעם נאַציאָנאַלן
און פאַרבייטן אים מיטן נאַציאָנאַלן איך פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט (דאָס איז
אַגב מיין אַריינשטעל, און אַן אַריינשטעל נישט אויפן אָרט). נאָר אויף דעם וועג
האָט די בורזשואַזיע אויך געליטן אַ פיאַסקאָ. די גאַנצע טעטיקייט אין דער
דאָזיקער ריכטונג האָט זיך געקענט רעדוצירן און האָט זיך רעדוצירט נאָר צו
דער פאַרפּוילישונג פון איינציקע ייִדן — גרויסע און קליינע בורזשואַס. די
ברייטע מאַסע פון די גרויסע און קליינע שטעט זענען געבליבן נישט־פאַרפּוי־
לישט, מחמת זיי זענען געווען נישט גענוג אַריינגעצויגן אין די רייען פון דער
קליינער און גרויסער בורזשואַזיע. אויף וויפל די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם
שטופּט אַראָפּ די באַלעבאַטימלעך אין די רייען פון די פּראָלעטאַריערס, אויף
וויפל זייערע ערטער פאַרנעמען אַנדערע אָנקומערס פון די קליינע שטעטלעך,
אויף אַזוי פיל שטערט די צוקומענדיקע כוואַליע נישט־פאַרפּוילישטע ייִדן דעם
פּראָגרעס פון דער אַסימילאַציע. פּונקט ווי די שליאַכטע האָט זיך די בורזשואַזיע
אַרויך אַרויסגעוויזן פאַר אוממעכטיק צו באַווירקן די כסדר זיך פאַרגרעסערנדיקע
רייען פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. אַריינפירן אין די ברייטע מאַסן אַריין אַסימי־
לאַציע הייסט ווידעראַמאָל צונויפבינדן זי [די מאַסע] מיט די געזעלשאַפטלעכע
און פּאָליטישע אינטערעסן פון דעם געגעבענעם לאַנד, הייסט אַרויסרופן אַ
קלאַסנדיקע, פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק וואָס שטימט נישט מיט דער קלאַסנדיקער
פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע. אוממעכטיק אין פאַרענטפערן די ייִדן־פראַגע אויף
דעם באָדן, איז דער אינטעליגענטערער טייל פון דער בורזשואַזיע, אי פון דער
פּוילישער אי פון דער רוסישער, געוואָרן פּעסימיסטיש אין דעם פּרט, ער האָט
אָנגעוווירן יעטווידער אינטערעס צו דער ייִדן־פראַגע. דער דאָזיקער גלייכגילט
האָט געבראַכט פון איך זייט צו דער אַנטוויקלונג פון אַנטיסעמיטיזם, פון דער
צווייטער [זייט] צו דער באַלעבונג פונעם אוטאָפּישן ציוניזם. אי איינס אי דאָס
צווייטע זענען צוויי סיאַמער צווילינגען וואָס זענען אַרויסגעוואָקסן פון איין איינ־
איינעמדיקן וואָרצל, פונעם באַנקראָט פון דער בורזשואַזיע אין פאַרענטפערן די
ייִדן־פראַגע. פאַרבינדן די אינטערעסן פון ייִדישן פאָלק [מיט פּוילן, דורכפירן] זיין
אַסימילאַציע וואָס איז נישט פאַרענטפערט געוואָרן דורך די בורזשואַזע פאַר־
שטייערס פון דער געזעלשאַפט האָט זיך גענומען דער פּוילישער סאָציאַליסטישער

פּראָלעטאַריאַט, און דער עיקר דער פּראָלעטאַריאַט דער ייִדישער גופא, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין אונדזער אַ ברודער־פּאַרטיי „בונד״. וואָס ס׳האָבן נישט געקענט אויפטון די פּאָרגייערס, דאָס דאַרף אויפטון און וועט אויפטון דער „בונד״.

די עובדא פון „בונד״ איז צו פירן אַ ברייטע קלאַסנדיקע פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק, צו אָרגאַניזירן דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט צום קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. נאָר די דאָזיקע טעטיקייט איז אין גרונט אַ טעטיקייט צו סאָלידאַריזירן די אינ־טערעסן פון פּוילישן און פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, צו פאַרבינדן די אינטערעסן פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט מיט די אינטערעסן פון לאַנד, ברייט אַוועקצושטעלן די קלאַסן־אינטערעסן פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און דורכצופירן די דאָזיקע אינ־טערעסן אויפן באָדן פון די אינטערעסן פון געגעבענעם לאַנד, ווירקנדיק אויפן באָדן פון די דאָזיקע לאַנד־אינטערעסן לטובת די אייגענע קלאַסן־אינטערעסן. די דאָזיקע טעטיקייט, ווו און אויף וואָסער פעלד זי זאָל זיך נישט אַרויסווייזן — צי אויפן עקאָנאָמישן פעלד אויף דער געגעבענער פאַבריק, צי אין אַ צווייג אינ־דוסטריע, צי אין פּאָליטישער טעטיקייט — ברענגט תמיד צו סאָלידאַרישקייט אין די אינטערעסן פון דעם ייִדישן און דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. פון דעם מאָמענט וואָס דער „בונד״ פירט זיין קלאַסן־פּאָליטיק, פאַרטיידיקט ער דערמיט גופא נישט נאָר די אינטערעסן פונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פון פּוילישן. אויף אַזאַ אופן פירט דער „בונד״ — צי ער וויל דאָס אָדער ער וויל נישט — אין דער אונטערשטער שורה צו סאָלידאַרישקייט אין די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט, און ממילא פירט ער צו אַסימילאַציע. וויכטיק איז נישט די פראַגע, צי אויף דער אָדער יענער שפּראַך וועלן געפירט די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קלאַסן־טעטיקייט, וויכטיק איז די טעטיקייט אין זיך גופא; און ווי באַלד זי ווערט געפירט פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון ייִדישן פּראָלע־טאַריאַט און אויפן געגעבענעם באָדן פון די אינטערעסן פון דעם געגעבענעם לאַנד, פירט זי דערמיט גופא צו אייניקונג. די אינטערעסן, די ריכטיק־פאַרשטאַ־נענע, פון לאַנד, די אינטערעסן פון פּוילן זענען שוין די אינטערעסן פון „בונד״ אויך. מען דאַרף דערפון נישט דרינגען, אַז די באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון „בונד״ איז נישט נייטיק. זיין פּרוכטפּערדיקע טעטיקייט האָט אינגאַנצן באַרעכ־טיקט דעם raison d’etre פון זיין עקסיסטענץ (ס׳גייט אַן אַפּאָלאָגיע דעם „בונד״) פון די בריוו וועגן „בונד״ זעט מען, ווי סאָלידאַריש עס טרעט

18) עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג.

אַרויס דער יידישער און דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט קעגן דער אָרטיקער עקספּלואַטאַציע און קעגן גוואַלד־מעשים מצד דער אָרטיקער מאַכט. שוין דערפון זעט מען, אַז עס קענען נישט זיין אויף איין טעריטאָריע קיין צוויי אויטאָנאָמע פּראָלעטאַריאַטן און ס'קען זיין נאָר איין פּראָלעטאַריאַט דאָרטן, ווו ס'עקסיסטירט איין קאַפּיטאַליזם און איין קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם פאַרן סאָציאַליזם.

אַרויסגייענדיק דערפון מוזן מיר מודה זיין, אַז מיר קענען נישט איינשטימען מיט דער רעזאָלוציע פון „בונד" צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע — וועגן אַ פעדע־ראַציע פון נאַציאָנאַליטעטן מיט אַ פולער אויטאָנאָמיע פאַר יעדערער פון זיי, אומאָפּהענגיק פון דער טעריטאָריע וואָס זי פאַרנעמט. מיר זאָגן זיך אַרויס קעגן נישט דערפאַר וואָס מיר זענען קעגן אַזאַ אומטעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, נאָר ווייל דער „בונד" וועט קיינמאָל נישט זיין בכוח צו דערווייזן די מעגלעכקייט פון פאַרווירקלעכן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זיין געגליכן דערצו. ער וועט נישט זיין בכוח צו ווייזן, ווי אַזוי וועלן יידן פירן אַן אָרטיקע פּאָליטיק, ווי אַזוי זיי וועלן אויטאָנאָם פאַרענטפערן אַן אַדמיניסטראַטיווע פראַגע אין די שטעט, די דירות־פראַגע אַ שטייגער אין לאָדזש? אָדער ווי אַזוי זיי וועלן אויטאָנאָם פאַרענטפערן די פראַגעס פון דער אַדמיניסטראַציע פון גאַנצן לאַנד, וועגן בודזשעטן פון די שטעט און גמינעס אאַ"וו. גענוג צו דערמאָנען זיך וועלכע עס איז פון די וויכ־טיקסטע פראַגעס אין הילכות פּאָליטיק פון לאַנד, צייגט מען זיך איבער, אַז ס'איז אוממעגלעך צו פאַרענטפערן זיי אויטאָנאָם פאַר יעטווידער נאַציאָנאַליטעט. ווען מען זאָל יידן געבן אַזאַ אויטאָנאָמע פעדעראַציע, וואָלטן זיי בלי־ספק נישט געוווסט, וואָס צו טון מיט איר.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע נישט דערפאַר וואָס די פראַגע האָט באַקומען אין דער איצטיקער צייט אַ ספּעציעלע פּראַקטישע ווערדע, נאָר מערנישט דערפאַר וואָס ס'איז געוואָרן אַ פראַגע פון דיסקוסיע אין דער לעצטער צייט. בדרך־כלל האָט זיך קיין זאַך נישט געביטן. דער בונד האָט באַשלאָסן אין קיין זאַך נישט צו בייטן זיין טאַקטיק פון פּאָליטישער און סאָציאַליסטישער טעטיקייט. און די דאָזיקע טעטיקייט, ווי מיר האָבן געזען, פירט, נישט־געקוקט אויף קיין שום רעזאָלוציעס, נישט צום שאַפן צוויי אויטאָנאָמע פּראָלעטאַריאַטן, נאָר פאַרקערט, צו אַן ענגער אייניקונג פון אידישן און פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, צו דער פאַראייניקונג פון די קלאַסן־אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט מיט די אינטערעסן פון לאַנד, פירט, מיט איין וואָרט, צו אַסימילאַציע, פירט צום שאַפן איין פאַראייניקטן, סאָציאַליסטיש געשטימטן פּראָלעטאַריאַט צום קאַמף

קעגן איין קאַפּיטאַליזם אין דעם געגעבענעם לאַנד. מיר זענען דעריבער זיכער, אַז אויך אויף להבא וועלן מיר אַרויסטרעטן שטענדיק סאָלידאַריש, וועלן שטענדיק זיך פרייען מיט אַלע דערגרייכונגען פון „בונד", וואָרעם דער נצחון פון „בונד" איז אין דער זעלביקער צייט דער נצחון פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט אויך. אונדזער פּאַרטיי האָט אָנגענומען אויפן צוזאַמענפאָר אַזאַ רעזאָלוציע: „נעמענדיק אין אַכט, אַז דער „בונד", דער יידישער אַרבעטער־בונד, טרעט אַרויס אין זיין טעטיקייט סאָלידאַריש מיט די סאָציאַליסטן אין גאַנצן לאַנד און אַז ער איז די איינציקע קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, אָנערקענט דער צוזאַמענפאָר דעם „בונד", הגם ער איז נישט מסכים מיט זיינע קוקן אויף דער יידן־פראַגע, פאַר אַ זעלבשטענדיקער און ברידערלעכער אָרגאַניזאַציע"[19].

איך האָב איבערגעגעבן, אפשר צו באַריכותדיק, דעם אינהאַלט פונעם אַרטיקל. איך פויל זיך אַריינצולאָזן זיך אין אַן אַנאַליז פון דעם אַרטיקל. כ'וועל נאָר זאָגן, אַז זיי האָבן אויבנאויפיק אַנאַליזירט די פראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם, צושרייבנדיק אים, הגם נישט דער עיקר, צום פּעסימיזם פון דער אינטעליגענטער בורזשואַזיע אין איר נישט קענען פאַרענטפערן די יידן־פראַגע. דער אַנטיסעמיטיזם שטעקט אַ סך טיפער. דאָס זעט מען אויפן פראַנצויזישן אַנטיסעמיטיזם, ווו די אַסימילאַציע איז דערפירט ביזן סאַמע סוף. וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע זענען זיי נישט נאָר וואָס אויבנאויפיק, נאָר זיי האָבן זיך אַפילו נישט גענומען די מי צו פאַרשטיין די רעזאָלוציע [פון בונד]. זייענדיק משמעות אַסימילאַטאָרן לויט זייערע איבערצייגונגען (אַסימילאַטאָרן, דאַרף מען באַמערקן, איבער עפּעס טעמים נאָר בנוגע יידן, נישט בנוגע פּאָליאַקן), שפּילן זיי זיך מיטן וואָרט סאָלידאַרישקייט, גיבן אים צו דעם טייטש אַסימילאַציע וואָס שטעקט גאָרנישט אין אים. זייענדיק אויסגעהאַלטן וואָלטן זיי געדאַרפט קומען צו די זעלביקע אויספירן בנוגע פּאָליאַקן, צו אַסימילאַציע פון פּאָליאַקן אין רוסלאַנד. אַסימילאַציע — אַ הויך וואָרט — רעדוצירט זיך ביי זיי בעצם אויסשליסלעך צו פאַרפּוילישונג, אָבער נישט ווייטער. אין זייער פּאַרקאָכטקייט קענען זיי, די [פּוילישע] סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַפילו נישט דערלאָזן די מעגלעכקייט, אַז די יידישע מאַסן ווילן נישט אָפּווישן זייער נאַציאָנאַלע אינדיווידועלקייט און אָנטאָן דווקא אַ פּוילישן קאָסטיום. זיי, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, קעגנערס פון פּוילנס אָפּטיילן זיך [פון

---

19) אָנגעשריבן אָט דעם היפּש־געפּלאָנטערטן אַרטיקל האָט פעליקס דזשערזשינסקי וואָס איז דעמאָלסט, פון מאַי 1902, געווען אין אויסלאַנד.

רוסלאַנד], רוקן אַרויס פון אָפּשרעק וועגן די אינטערעסן פון לאַנד און די פּאָליטיק פון לאַנד אאַז״וו. אָפּזאָגן זיך פון אַסימילאַציע (אין פּינקטלעכן זינען פון וואָרט, נישט ווי ס׳איז דער P.S.D. ווילגעפעלן צו פאַרשטיין) הייסט, לויט זייער מיינונג, איינאָרדענען צוויי אויטאָנאָמע פּראָלעטאַריאַטן וואָס טרעטן נישט אַרויס סאָלידאַריש אין זייער אַלגעמיינער קלאַסן־פּאָליטיק. מחוץ אַסימילאַציע, מחוץ פאַרלירן דאָס אייגענע פּנים, מחוץ, פּינקטלעכער, פאַרפּוילישונג זעען זיי נישט און ווילן נישט זען קיין מעגלעכקייט פאַרן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן וואָס באַווינען די געגעבענע טעריטאָריע צו אַרבעטן פּונקט אַזוי פּרוכפּערדיק סאָלידאַריש. זיי ווולגאַריזירן 20) דעם באַטייט פון סאָלידאַרישקייט, צוגעבנדיק איר דעם ענגן באַטייט פון פולער הכנעה, פון צעגאַנגען ווערן אין אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, אין דעם פאַל אין דער פּוילישער נאַציאָנאַליטעט, און אַזוי דערציִען זיי עס דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. ווען דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט זאָל געוועזן האָבן ווינציקער פּראַקטישן חוש, אַ ווייניקער ברייטן קלאַסנדיקן קוק, מער היציקן עגאָיִזם, וואָלט ער, הערנדיק אַזוינע רייד, גרינג געקענט קומען צום באַשלוס: אויב דו ייִד דרינגסט זיך נישט אַדורך מיט מיינע נאַציאָנאַלע אייגנקייטן, ביסטו מיר אַ שונא און דו דאַרפסט באַזייטיקט ווערן פון קאַמפּפעלד פון אונדזער טעטיקייט, מיט אַזוינעם האָבן מיר נישט און קענען נישט האָבן קיין שום שותפותדיקס. „אָדער גיס זיך צונויף מיט אונדז, וואַרף אָפּ אַלץ וואָס כאַראַקטעריזירט דיך ווי אַ ייִדן, אָדער אַנישט ביסטו נישט קיין סאָציאַליסט, און דו האָלסט הייסט ער נישט מיט אונדז, דו פאַרשטייסט נישט דיינע קלאַסן־אינטערעסן, דו טרעטסט נישט אַרויס סאָלידאַריש מיט אונדז, דו ביסט אַן אויטאָנאָמער פּראָלעטאַריאַט, און ממילא מוזן מיר קעמפן קעגן דיר“. נאָך ערגער האָלט מיט זייער פאַרשטיין די רעזאָלוציע [פון בונד]. זיי קענען נישט אַראָפּ פון זייער טעריטאָריאַלן שטאַנדפּונקט און ריידן וועגן דער פּאָליטיק פון די אויטאָנאָמע פעדעראַטיווע נאַציאָנאַליטעטן.

וועגן דעם האָט מען שוין נישט איין מאָל געשריבן, און ס׳איז נודנע איבערצוחזרן דאָס אייגענע. איינס נאָר איז אינטערעסאַנט, אַז די P.S.D. האָט אָנערקענט (!) אונדזער באַזונדערע אָרגאַניזאַציע. איר וועט גרינג פאַרשטיין דעם קוריאָז פון אַזאַ אָנערקענונג מצד דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

---

20) אין אָריגינאַל: опошляют.

אַזוי שטעלן זיך עס מענטשן אויף שטאָלצן און מיינען, אַז אויף אַזאַ אופן ווערן זיי העכער.

וועגן זיך האָב איך נישט וואָס צו שרייבן. איך האָב שוין לאַנג נישט קיין פּערזענלעך לעבן, ס'האָט זיך אין גאַנצן צונויפגעגאָסן מיט אונדזער אָרגאַניזאַציע. אין דער לעצטער צייט, ווי איר ווייסט פון בול' 21), גייען אַלץ פריילעכערע ידיעות פון רוסלאַנד. וואָס איז מיט אייך וואָס באַטייט דער זאַץ: „ביים פּער־זענלעכן זען זיך", וואָס הייסט עס, אַז „ביי מיר זענען פּאָרגעקומען גרויסע שינויים".

אַל דאָס בעסטע

אייער אַל.

שרייבט.

8

London [אָקטאָבער 1902]

טייערער פריינט!

באַקומען אייער בריוו. ער איז אַזאַ וואָרפּיקער, ער וויזט, אַז איר קענט נאָך אַלץ נישט קומען צוריק צו גלייכוואָג. וואָס איז מיט אייך? איר זאָגט אַלץ צו אָנצושרייבן, נאָר איר לייגט אַלץ אָפּ פון בריוו צו בריוו. איר האָט געשריבן אויך וועגן אַ שאַרפן איבערבייט, וועגן עפּעס פּלענער גראַנדיעזע און נישט־גראַנדיעזע, נאָר איר זענט אַלץ יוצא מיט אָנצוהערענישן און רירט נישט אָן דעם מהות פון דער זאַך 22). קלייבט זיך אויס סוף־כל־סוף און שרייבט אָן. וועגן זיך האָב איך בפירוש נישט וואָס צו שרייבן. קיין פּערזענלעך לעבן האָב איך נישט און האָב קיינמאָל נישט געהאַט. וואָס שייך צום געזעלשאַפטלעכן, שטעלט זיך עס צונויף פון אויספירן קליינע, רייך מעכאַנישע מאַניפּולאַציעס. דער קאָפּ אַרבעט נישט דערביי, און ס'איז נאָך בעסער אַזוי — שלעכט וואָלט געווען די אָרגאַניזאַציע וואָס וואָלט זיך געניטיקט אין מיין קאָפּאַרבעט.

---

21) ס'רעדט זיך וועגן „בולעטין" וואָס האָט זיך פון אַפּריל ביז אָקטאָבער 1901 גע־דרוקט אויפן מימעאָגראַף אין בערן, דערנאָך אין לאָנדאָן אין דער דרוק. פון אים איז שפּעטער געוואָרן דער ברייט פאַרשפּרייטער אָרגאַן פון בונד „פּאָסליעדניאַ איזוועסטיאַ"; ס'זענען אַרויס 256 נומערן. ביז יאַנואַר 1906 איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף יידיש („לעצטע נאַכריכטן") און רוסיש; אין 1902 אויף פּויליש אויך.

22) ס'איז געגאַנגען וועגן פּערזענלעכע איבערלעבונגען.

אַן אַרטיקעלע וועגן די קוילן־גרעבערס איז נייטיק אי פאַר דער „אַרבעטער־שטימע״ אי פאַרן „יִדישן אַרבעטער״. פאַר דער ערשטער ווי מעגלעך קירצער און קאָנדענסירטער, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. צו דער צייט, ווען איר וועט זיך נעמען און וועט אָנשרייבן, וועט דער שטרייק זיין געענדיקט, ביי די פּראָנצויזן מאַכט זיך דאָך דאָס גיך, זיי צינדן זיך גיך אָן און ווערן נישט ווינצי־קער גיך פאַרברענט. דער פאַרנעם פון אַרטיקל דאַרף זיין נישט מער ווי 3 שפּאַלטן פון קליינעם שריפט, מיט וועלכן עס דרוקט זיך איצט די „אַרבעטער־שטימע״. פאַרן „יִדישן אַרבעטער״ מעג געווינטלעך זיין גרעסער, נאָר פאָרט קען מען זיך נישט צו שטאַרק צעשרייבן. מיר קלערן אַרויסצולאָזן אויף להבא אָפטער און ווינציקער בויגנס אין איטלעכן [נומער]; אַזוינע גרויסע אַרטיקלען ווי פריִער וועלן דאָרטן קיין אָרט נישט געפינען.

אויב איר מיינט צו שרייבן „אַ בריוו פון פראַנקרייך״: דעמאָלט קענט איר פאַרשטייט זיך פאַרכאַפּן, אַחוצן שטרייק, נאָך איין פראַגע, זאָל זיין, ווי איר לייגט פאָר, די קלעריקאַלע אַגיטאַציע. אינעם אַרטיקעלע וועגן שטרייק פאַרגעסט נישט, נישט אַנדערש, אָנצומערקן אויך וועגן די געלע סינדיקאַטן, אויפצוקלערן אויב ס׳איז מעגלעך זייער אָפּשטאַם און דעם אונטערשלאַק פון זייער טעטיקייט. דאָס איז אַ דערשיינונג ביז גאָר אַן אינטערעסאַנטע פון דער לעצטער צייט. אַן אָרגאַ־ניזאַציע פון אַרבעטערס וואָס אָנערקענען נישט קיין אָרגאַניזאַציעס! צי זענען דאָס נישט קיין „לומפּן־פּראָלעטאַריערס״ וואָס פאַרקויפן זיך גרינג דעם צד אָדער יענעם?

נישט שוין זשע איז אַזוי שווער צו פאַרקויפן אַ וואָסערע אומגליקלעכע 10 בולעטינען? ביי אייך אין שטאָט זענען דאָך פאַראַן נישט ווינציק סטודענטן.

פאַר וואָס האָט איר נישט געשריבן אייער מיינונג וועגן אַזאַ ברענענדיקער פראַגע — וועגן אָרגאַניזירטער נקמה. ווי אַזוי קוקט איר אויף דער דאָזיקער פראַגע צו וועמען זענט איר נוטה, צו דער קאָנפ[ערענץ] 23) אָדער צו אונדז?

---

23)דאָס הייסט: צי זענט איר מסכים מיט דער רעזאָלוציע פון דער V קאָנפערענץ פון בונד וועגן אָרגאַניזירטער נקמה מעשה ענטפער אויף לייבשטראָף, אָדער איר האַלט מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אָרגאַניזירטער נקמה. אויפן V צוזאַמענפאָר פון בונד (יוני 1903) האָט מנצח געווען דער שטאַנדפּונקט פון אויסלענדישן קאָמיטעט.

איר בעט אָנשרייבן איך וועגן מיינע איינדרוקן 24). דעם אמת זאָגנדיק זענען זיי זייער קנאַפּע, וואָרעם מיר איז כמעט נישט אויסגעקומען צו זען זיך מיט מענטשן. אויף וויפל איך האָב זיך באַגעגנט, איז דער איינדרוק נישט קיין פויגלדיקער 25). מענטשן זוכן אַ וועג, שפּירן די נייטיקייט צו בייטן די טאַקטיק, שטרייכן אונטער ווי מעגלעך שאַרפער דעם פּאָליטישן עלעמענט, נאָר ס'זענען נאָך נישטאָ דערצו קיין פּאַסיקע אַגיטאַטאָרן, נישטאָ קיין איינגעווייטקייט, נישטאָ אויף דעם פעלד קיין געניטע פעסט־איינגעשטעלטע טראַדיציעס. אויב מען זאָל איינפירן די דאָזיקע נייע טאַקטיק, און דאָס איז דאָך מער ווי נייטיק, דאַרף מען האָבן גאָר אַן אַנדער קאָנטינגענט אַגיטאַטאָרן, מיט אַ ברייטערן האָריזאָנט, וואָס פאָלגן נאָך נאָך ציַיטונגען, און אַזוינע זענען נישטאָ אויף דער ייִדישער שפּראַך. דער אינעוויניקסטער איבערבליק אין דער [אַרבעטער־]שט[ימע] באַקומט אַ גוואַלדיקע ווערדע, ער דאַרף געבן מאַטעריאַל די אַגיטאַטאָרן. ס'האָט זיך געפילט עפּעס אַ פאַרלוירנקייט ביי די אַרבעטערס־אַגיטאַטאָרן, אַ דוחק אין מאַטעריאַל. דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין יעטווידער שטאָט גיט טאָקע אין דעם פּרט, איבער הויפּט די לעצטע צייט, אַ גוואַלדיקן מאַטעריאַל, נאָר מען דאַרף אים קענען אויסניצן, אוטיליזירן, קענען אַריינפירן אין דער אַלגעמיינער סיסטעם, באַלייכטן מיט איין אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שיין. און דאָס איז נישט גרינג, ווען מען זאָל נעמען אין אַכט די נישט־גענוגקייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. כוחות דאַרף מען האָבן אַ מאַסע, און פאַראַן זענען זיי אַזוי ווינציק, אַזוי ווינציק — צעקאָכט צו ווערן! דערפאַר מאַכט אַ סך אַ בעסערן איינדרוק די מאַסע, אַפילו לויט די ווערטער פון די אַלטע רוטין־אַגיטאַטאָרן. ס'האָט זיך אָנגעקליבן אַן אומענדלעכער סכום ברען־מאַטעריאַל, די רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון דער מאַסע איז מחוץ ספק. די אַרבעט האָט אָפּגעטון אירס. ס'האָט זיך געשאַפן עפּעס גאָר אַ נייע, ביז איצט נישט באַוווּסטע וועלט פון באַגריפן און געפילן. הערט זיך איין, קוקט זיך איין אין די ידיעות וואָס פליִען פון אַלע פאַרוואָרפענע העקן: וויפל לעבן, ענערגיע, גרייטקייט צום קאַמף, יוגנטלעכער ברען. דער געדאַנק אַרבעט אָן אויפהער, מען לייגט אַדורך נייע וועגן, טייל מאָל נישט קיין ריכטיקע, זיגזאַגיקע, נאָר וויכטיק איז, וואָס מענטשן זוכן, באַרויִקן זיך נישט, ווערן נישט

---

24) דאָ רעדט זיך וועגן דער אַלגעמיין־פּאַרטייאישער קאָנפערענץ, וואָס אויף איר איז ער געפאָרן אין מאַרץ 1902.

25) אין אָריגינאַל: не ахтительное.

פאַרגליוועריט. און דאָס איז דער בעסטער סימן פון וואַקסן, פון שפּע לעבנזאַפטן. די פאַרלוירנקייט, וואָס וועגן איר האָב איך גערעדט פריִער, האָב איך באַמערקט נאָר דעמאָלט — מיט אַ האַלב יאָר צוריק. און אַ האַלב יאָר אין לעבן פון בונד, און אין אַזאַ צייט, אין אַ צייט, ווען די רעגירונג שפּאַנט אָן אַזוי אומדערהערט אַלע אירע כוחות אויף צו קעמפן מיט קראַמאָלע, באַטייט זייער און זייער פיל אין לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט דאָך שוין טאַקע גאַנץ שטאַרק אַ פּנים פון אַן אמתן דועל פון צוויי כוחות. און אין קאַמף, דערצו נאָך אין אַזאַ שאַרפן, צייטיקן זיך מענטשן נישט פון טאָג, נאָר פון שעה. איך בין פול דעריבער מיט די סאַמע רעגן־בויגנדיקסטע האָפענונגען. ס׳קלעקט, איך קען זיך נאָך אַזוי פאַרטרוימען, און איך באַדאַרף תמיד זיין אויף דער ערד.

אייער אַל.

איר קענט געוויינטלעך אויסגעבן 10—12 פ[ראַנק] אויף פעריאָדישע אויסגאַבעס, אויף וויפל דאָס איז נייטיק פאַרן שרייבן.

מאטוויי

נאכוואָרט

אַ וויכטיקער צושטייער צו אונדזער געשיכטע

חבר ל. בערנשטיינס בוך איז פּאַרענדיקט געוואָרן פּונקט אין די טעג, ווען אונדזער „צעזייט־און־צעשפּרייטע" מחנה צייכנט אָפּ דעם יובל פון 59 יאָר „בונד". ער וועט אָנקומען צו די לייענער, ווען מיר וועלן האַלטן אין 60סטן יאָר זינט עס איז אין ווילנע געגרינדעט געוואָרן דער אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער „בונד" פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

דער דאָזיקער בוך איז טאַקע אַ נייער וויכטיקער רינג אין אונדזער שלשלת־היוחסין, אין אונדזער העראָישער קאַמף־געשיכטע.

מעמואַריסטיק איז געוואָרן אַ זייער וויכטיקער ליטעראַטור־זשאַנער; די זכרונות־ביכער פאַרנעמען אַלץ מער און מער דעם אויבנאָן אין דער וועלט־ליטעראַטור; זיי זענען געוואָרן גאָר וויכטיקע מקורות פאַר די פאַרשידנסטע שטודיעס — היסטאָריקער, אומאָפּהענגיק וואָס פאַר אַ געביט פון דעם נעכטן זיי זאָלן נישט פאָרשן, באַטראַכטן דעם זכרונות־מאַטעריאַל פאַר נישט קיין ערגערן מקור ווי דעם „עכטן" דאָקומענטן־אָנקלייב. אָפטמאָל איז גאָר דער „פּערזענלעך־סוביעקטיווער" זכרונות־בוך אַ מער ריכטיקערער שפּיגל ווי די „אָביעקטיווע" אַרכיוו־דאָקומענטן. נישט זעלטן טייטשט אויס אַ קאַפּיטל זכרונות נישט איין רעטעניש, וואָס איז פאַרבאַהאַלטן אין כל־המינים „אָפיציעלע" דאָקומענטן.

באַזונדערס שפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע די זכרונות־ליטעראַטור ביי אונדז ייִדן. דאָס פעלן פון אַרכיוון; דאָס אָפטע אַריבערטראָגן זיך פון איין אָרט צום צווייטן; דאָס וואָס אין די אָפּגעהיטע ייִדישע דאָקומענטן — ראשית די פּנקסים פון קהילות און חברות — געפינט מען פריִער פאַר אַלץ דאָס אינעווייניקסטע לעבן פון דער עדה, און זעלטן די אויסערלעכע סביבה; אויך זענען די דאָזיקע קהילה־אַרכיוואַליען בעיקר פאַרנומען מיט „גייסטיקע" ענינים פון קהל און מען זעט דאָרטן נישט אַרויס דעם אַלטאָג פון דעם המון־עם, פון דער מאַסע און פון דעם יחיד. די ייִדישע מעמואַריסטיק איז בכן געוואָרן פון די וויכטיקסטע מקורות

צו דערלערנען דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער, פון די פֿאַרהעלטענישן אין דער אייגענער סביבה און באַציִונגען מיט די נישט־ייִדישע שכנים; פון אַ רײַ דערשיי־נונגען פון געזעלשאַפֿטלעכן כאַראַקטער אין דער געגעבענער תקופה און תפוצה.

עס זענען געוואָרן קלאַסיש די זכרונות פון גליקל פֿאַן האַמעלן, בער באָלע־כאָוועה, יחזקאל קאָטיק, שלמה מיימון א״אַ.

אַ גאָר באַזונדער אָרט פֿאַרנעמט די מעמואַריסטיק אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, ראשית־כל ביים „בונד״. אַ סך סיבות זענען געווען, וואָס האָבן געבראַכט צו דער גרויסער שפע פון זכרונות און אויך די ראָלע וואָס די דאָזיקע זכרונות־קאַפּיטלען האָבן געשפּילט אין דער באַוועגונג.

ראשית האָבן די זכרונות טאַקע אויסגעפּילט די ראָלע פון ציגל צום גע־שיכטע־בנין פון דער באַוועגונג. די געשיכטע פון דער ייִדישער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד איז דאָך די געשיכטע פון דעם העראָישן אונטערערד — ווי אַזוי האָט מען עס געקענט זאָרגן פֿאַר אָפּהיטן די דאָקומענטן פֿאַר „אַרכיון״? — ווער האָט עס געפירט פּראָטאָקאָלן אין דער ריזיקער בונדי־שער „מלוכה״ פון תחום־המושב, וואָס האָט אַרומגענומען הונדערטער און הונ־דערטער שטעט און שטעטלעך? עס פלעגן זיך אָפט בייטן די טוערס, זיי פלעגן מוזן אַוועקגיין צוליב דעם פּאָליציישן טעראָר, אָדער די אָנפירערשאַפט פלעגט זיי „איבערוואַרפן״ אין אַנדערע ערטער. זענען, בכן, די זכרונות פון די אָנטייל־נעמער געוואָרן פון די וויכטיקסטע געשיכטע־מקורות.

נאָך אַ צווייטע, גאָרנישט מינדערוויכטיקע, באַדייטונג האָבן די זכרונות געהאַט פֿאַר דער דערציִונג פון די שפּעטערדיקע דורות פון דער באַוועגונג. די הערויִשע קאַמפן, דער ווידערשטאַנד פון די רעוואָלוציאָנערן, זייער פֿאַרהאַלטן זיך בעת פֿאַרפאָלגונגען, אויף עטאַפּן, אין תפיסות און פֿאַרשיקונג זענען געווען פֿאַר דעם אונטערוואַקסנדיקן דור די מקורות פון וואַנען מען האָט געשעפּט מוט, טרײַשאַפט און איבערגעגעבנקייט פֿאַר דער אידעע.

שוין גאָר אין דעם ערשטן צענדליק יאָרן נאָך דער גרינדונג פון „בונד״ זענען געלייגט געוואָרן די ערשטע גרונטשטיינער פֿאַר דער געשיכטע פון דער באַוועגונג. — אין יאָר 1906 דערשיינט אין פּעטערבורג, לעגאַל, אין דעם בונ־דישן פֿאַרלאַג „טריבונאַ״ אַ זאַמלונג, אין רוסיש „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג״. די דאָזיקע זאַמלונג ווערט, אמת, קאָנ־פיסקירט. שפּעטער, הייבט זיך אָן די מעמואַריסטיק פון „בונד״.

אין דעם נומער 14 פון דער בונדישער צײַטונג „די האָפענונג״ (אָנגעהויבן דערשיינען אין ווילנע, דעם 1טן נאָוועמבער 1907, נאָך דעם ווי די צאַרישע מאַכט האָט געשלאָסן די פריִערדיקע ערשטע לעגאַלע בונדישע צײַטונגען: „דער וועקער״ און „פאָלקסצײַטונג״), דערשיינען אַ סעריע זכרונות, פֿאַרבונדן מיט דעם צען־יאָריקן יובל פון דער גרינדונג פון „בונד״. צווישן זיי וועגן דעם ערשטן גרינ־דונג־צוזאַמענפֿאָר אין ווילנע אין יאָר 1897; ווייטער — אַן אַרטיקל פון פּ. פּ. (דוד זאַסלאַווסקי) „די אָפּאָזיציע פון 1893״; פון ז. (זעלדאָוו־ניעמאַנסקי) „ווי אַזוי איז צוזאַמענגעשטעלט און אָפּגעדרוקט געוואָרן דער ערשטער נומער אַר־בעטער־שטימע״ און אַנדערע מאַטעריאַלן.

פון דאַן אָן האָט זיך איינגעשטעלט אַ מנהג, אַז די בונדישע אויסגאַבעס לכבוד די פאַרשידנסטע יובל־דאַטעס, און ראשית־כל צום יובל פון דער פאַרטיי־גרינדונג, זאָלן פאַרעפנטלעכן זכרונות פון די טוער. אַזוי זענען אין די בונדישע צייטונגען פון יאָר 1917 אין רוסלאַנד, נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון יאָר 1917 (די „אַרבעטער־שטימע" אין פעטערבורג און די „פאָלקסצייטונג" אין קיעוו) אין פאַרבינדונג מיט דער דאַטע „צוואַנציק יאָר זייט דער גרינדונג פון בונד", געווען פאַרעפנטלעכט ווערטפולע זכרונות פון די באַטייליקטע אין דער באַוועגונג. אַזוי איז שוין ווייטער געווען אין פוילן, ווען די „פאָלקסצייטונג" צו די יובל־דאַטעס פון 30, פון 40 און פון 50 יאָר „בונד" זענען פול געווען מיט מעמואַרן פון דער באַוועגונג און די דאָזיקע אויסגאַבעס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וויכטיקע געשיכטע־מקורות.

קאַפּיטלען זכרונות זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער צענדליקער און צענדליקער זאַמלביכער. אָנגעהויבן נאָך אין רוסלאַנד אין די רוסיש־ייִדישע זאַמלביכער: אַזוי פאַרעפנטלעכט א. ג. (געמאַנסקי־זעלדאָוו), אין דעם ערשטן באַנד פון „פערעזשיטאָיע", פעטערבורג 1908, זיין אַרטיקל וועגן דער גרינדונג פון דער „אַרבעטער־שטימע" און אין דער „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ", אין 1913, איז פאַראַן די אַרבעט פון ב. פרומקין וועגן די אָנהייבן פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

פון קאַפּיטלען זכרונות הייבן אָן צו דערשיינען מעמואַרן־ביכער וועגן דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן „בונד" ראשית־כל. די ווייטערדיקע רשימה (וואָס איז נישט קיין פולע), ווייזט ווי שפּעדיק די דאָזיקע ליטעראַטור איז (מיר גיבן די דאָזיקע רשימה נאָכן אלף־בית פון די זכרונות־שרייבער):

ר. אַבראַמאָוויטש — אין צוויי רעוואָלוציעס, 2 בענד, ניו־יאָרק 1944; ל. בערמאַן (לייבעטשקע) — אין לויף פון יאָרן, צוויי אויפלאַגעס, די ערשטע אין פוילן, די צווייטע אין ניו־יאָרק, 1945; גאָרדאָן אברהם (אברהם רעזשעטשיק) — אין פרילינג פון ווילנער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווילנע 1925; אפרים־לאַזער זעלמאַנאָוויטש — עפּיזאָדן פון מיין לעבן, מעקסיקע 1956; הלל כץ־בלום — זכרונות פון אַ בונדיסט, ניו־יאָרק 1940; א. ליטוואַק — וואָס געווען, ווילנע 1925 (געוואָרן אויך איבערזעצט אין ישראל, אויף העברעיִש); שלום לעווין — אונטערערדישע קעמפער, ניו־יאָרק 1946; ל. מאַרטאָוו (צעדערבוים) — זכרונות פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, בערלין 1923 (דערשינען פריִער אין יאָר 1922 אין רוסיש: „זאַפּיסקי סאָציאַל־דעמאָקראַטאַ"); ב. מיכאַלעוויטש — זכרונות פון אַ ייִדישן סאָציאַליסט, 3 בענד, וואַרשע 1922—1923; דזשאַן מילל — פּיאָנערן און בויער, 2 בענד, ניו־יאָרק 1946—1949; וו. מעדעם — פון מיין לעבן, צוויי בענד, ניו־יאָרק 1923; סימאָן סאָלאַמאָן — דעראינערונגען פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, ניו־יאָרק 1952; חיים־לייב פּאָזנאַנסקי — מעמואַרן פון אַ בונדיסט, וואַרשע 1938; ח. ש. קאַזשדאַן — אין די טעג פון רעוואָלוציע, וואַרשע 1928; פּ. ראָזענטאַל (אַנמאַן) ראָמאַנאָווקאַ, אין רוסיש, לענינגראַד־מאָסקווע 1924.

די דאָזיקע 15 מעמואַרן־ביכער, טייל פון זיי ממש קלאַסישע ווערק, זענען איינע פון די וויכטיקסטע באַזעס פאַר דער געשיכטע פון דער באַוועגונג. צו דעם דאַרפן נאָך צוגערעכנט ווערן די פאַרשידענע ביאָגראַפישע זאַמלביכער, אַרויסגעגעבן אין שייכות מיט אַ יובל, אָדער להבדיל מיט אַ יאָרצייט פון אַ פאַרדינסט־

פולן טוער. אויך אין די פּאַלן וועגט איבער דער מעמוּאַריסטישער סטיל. דאָ איז די דאָזיקע רשימה (אויך נישט קיין אויסשעפּנדיקע). עס זענען דאָ זאַמלביכער יועגן: אַרקאַדי קרעמער; יוסף באַסקין; א. ווייטער־דעווענישסקי; ברוך ווירגילי־כהן; ברוך טשאַרני־וולאַדעק; אַרטור זיגעלבוים; א. ליטוואַק; הירש לעקערט; (גאַנצע דריי: אַ זאַמלבוך אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע, 1922; פון יעקב פּאַט, וואַרשע 1927 און פון י. ש. הערץ, ניו־יאָרק 1952); שלמה מענדלסאָן; בייניש מיכאַלעוויטש; וולאַדימיר מעדעם; העגריק ערליך — וויקטאָר אַלטער; צביון; פראַנץ קורסקי; לאַזער קלאַג.

די דאָזיקע צענדליק זאַמלביכער זענען נישט נאָר ביאָ־ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן פון די דערמאָנטע פּערזאָנען, זיי זענען, בעיקר, וויכטיקע קאַפּיטלען צו דער געשיכטע פון דער גאַנצער באַוועגונג.

אָפּגערעדט דערפון האָט אונדזער באַוועגונג אַרויסגעגעבן אַ ריי פּובליקאַציעס געווידמעט דירעקט איר געשיכטע. צו דעם געהערט די סעריע פון פאַרשידענע זאַמלביכער. לאָמיר דאָ דערמאָנען: 7 יאָרגענג „אַרבעטער־לוח", וואַרשע 1920—1926; דער זאַמלבוך „25 יאָר", אַרויסגעגעבן צום 25סטן יאָרטאָג פון דער גרינדונג פון „בונד", וואַרשע 1922; צוויי בענד „רויטער פּנקס", וואַרשע 1921 און 1924 (פון ערשטן באַנד איז אויך פאַראַן אַן אויסגאַבע פון קיעוו); די אַרבעט „דער בונד" אין דער רעוואָלוציע פון 1905—1906, וואַרשע 1930; דער זאַמלבוך צום 50סטן יאָרטאָג פון „בונד", דערשינען אין יאָר 1948 אין פּוילן, וואָס איז, אגב, „קאָנפיסקירט" און פאַרניכטעט געוואָרן. און צו דעם אַלעמען ווי אַ דערגאַנצונג די צוויי בענד פון „דורות בונדיסטן", וואָס זענען דערשינען איצט אין ניו־יאָרק.

צו דעם צעטל דאַרפן אויך צוגערעכנט ווערן די אַרבעטן פון וויקטאָר שולמאַן — „בלעטלעך געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", וואַרשע 1929 און י. ש. הערצס „די געשיכטע פון אַ יוגנט", ניו־יאָרק 1946.

ביז איצט האָבן מיר גערעדט וועגן אויסגאַבעס אַרויסגעגעבענע פון „בונד", אָדער פון בונדיסטן (מיטן אויסנאַם פון געציילטע). עס זענען אָבער פאַראַן וויכטיקע פּובליקאַציעס, וואָס מיט זיי איז געשען ווי עס איז פאַראַן אַן אַלט־תלמודישער אַפאָריזם: „זכה נעשית מלאכתו בידי אחרים", אַז מען איז זוכה ווערט די אַרבעט געטאָן דורך אַנדערע. דאָ האָבן מיר, ראשית, אין זינען דעם גרויסן זאַמלבוך „די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד", ווילנע־פּאַריז 1939. אויסגאַבע פון יִיוואָ. די דאָזיקע פּובליקאַציע געהער צו דאָס בעסטע און גרינטלעכסטע וואָס עס איז פאַראַן צו דעם פּעריאָד פון ערב־בונד.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זענען דערשינען אַ ריי מיט ביכער, וואָס זענען זייער ווערטיקע צושטייערן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, קודם־כל פון „בונד". די דאָזיקע ביכער זענען טאַקע אַלע (צוזאַמען מיט זייערע מחברים און מיטאַרבעטער) געפאַלן אונטער דער גילאָטינע פון „רייניקונגען". צו זיי געהערן די זאַמלביכער:

„רויטע בלעטער" — מינסק 1929. עס איז, אמת, אַנגעגעבן, אַז דאָס איז דער ערשטער באַנד, אָבער צו קיין צווייטן איז נישט געקומען;

לעאָן בערנשטיינס מוטער, רחל, מיט אירע צוויי קינדער:
רעכטס לעאָן בערנשטיין; לינקס זיין שוועסטער שרהלע.

לעאָן בערנשטיינס זיידע: יאַנקל באַרעל.

לעאָן בערנשטיינס באָבע: בלומע באַרעל.



צמח קאָפּעלסאָן „טימאָפיי"



דוד קאַץ „טאַראַס"

אורטשיק דער בערשטער

זלמן דער בערשטער

אַרקאַדי קרעמער „אַלעקסאַנדער“.

פּאַטי קרעמער

„דער אידישער ארבייטער"

ארגאן פיר די אינטערעססען דער אידישען ארבייטער אין רוססלאנד.

ארבייטער אללער לענדער פעראייניגט אייך!

פון דער רעדאקציאן.

די אידישע ארבייטער בעוועגונג, וועלכע איז שוין איצטער א רעכט ביסעל פערשפרייט אין דער גאנצער געגענד, וואו אידען זענען וואהנען, ענטוויקעלט זיך ווייטער אלץ מעהרער און מעהרער. וואס ווייטער שטעהען צו צו דער בעוועגונג אלץ מעהרער שטעדט, און אין די שטעדט, וואו דאס שטרייט פיהרט זיך שוין פון לענגער — אלץ נייע מלאכות. און צוזאמ-מען מיט דער ענטוויקלונג פון דער ארבייטער בעוועגונג ענטוויקעלט זיך ביי די ארבייטער אויך די איבערצייגונג, אז אום ווירקליך צו פערבעססערן זייער לאגע מוזען זיין פעראייניגט די ארבייטער פון אללע שטעדט און אללע מלאכות, און ערסט דאן קענען זיי ערווארטען וויכטיגע פערבעססע-רונגען. די אידישע ארבייטער-מאססע וואס האט שוין אריינגעטרעטען אויפ'ן שטרייט, נעטיגט זיך וואס ווייטער אלץ מעהרער אין א ליטעראטור, וועלכע זאל אבשפיגלען אין זיך און ערקלערען דיעס שטרייט, וועלכען דיא זעלבינע מאססע פיהרט. ווי גרויס עס זיינען דיא בעדערפניס און נעטיג-קייט אין אזא ליטעראטור בעווייזט גענוג דייטליך דאס, וואס אין יעדער שטאדט, וואו נור עס איז דא אייניגער מאססען אין ארבייטער-בעוועגונג זיינען פאראן פיעל געשריבענע בראשירען, בילדער, וועלכע ערקלערען פון קלאססען-שטאנדפונקט פערשיעדענע לעבענספראגען, וואס נויטיג איז צו די ארבייטער פון יענער שטאדט, אזוי אויך אללגעמיינע פראגען. די ענט-וויקלונג און גרויס פערשפרייטקייט פון דער ארט ליטעראטור בעווייזען

ערשטער נומער „דער אידישער אַרבייטער" (בערלין, דעצעמבער 1896)



По поводу

Еврейской стачки

въ Вильнѣ 1895 г.

пер. съ еврейскаго.

— 1896 г. —

שער־בלאַט פון דער רוסישער בראָשור „וועגן אַ יידישן שטרייק אין ווילנע, 1895", אין שייכות מיטן שטרייק אויף עדלשטיינס טאַבאַק־פאַבריק.

דער

שטאָדט-מגיד

א—נ—ערצאָהלונג פון אידישען לעבען.

ДЕРЪ ШТОДТЪ-МАГИДЪ

т. е. городской проповѣдникъ

Разсказъ изъ еврейской жизни

Вильна 1897.

Типографія Розенкранца и Шрифтзецера

Лидскій пер., д. 2598/13.

בראָשור „דער שטאָט־מגיד", געדרוקט אין לעמבערג מיט אַ פאַלשן שער פון אַ ווילנער דרוקעריי, וועגן שטרייק אין עדלשטיינס טאַבאַק־פאַבריק.

№ 3.
דער
וועקער
אָרגאַן
פון דעם בערשטער ארבייטער בונד אין פוילען און ליטא

„דער וועקער״, אָרגאַן פון „בערשטער־בונד״, דערשינען אומלעגאַל,
אין דער רעדאַקציע: לעאָן בערנשטיין.

ערשטער נומער פון דער „אַרבייטער שטימע" (אומלעגאַל, ווילנע 1897)

„די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן ייִדן", אַן אויסגאַבע אין רוסיש, מאָסקווע 1930, אַרויסגעגעבן דורך דעם פּאַראַיִך פֿון געוועזענע פּאָליטישע קאַ־טערזשאַנעס. אַביסל שפּעטער איז דער דאָזיקער זאַמלבוך דערקלערט געוואָרן פֿאַר טריף און דער גאַנצער פֿאַרבאַנד איז בכלל צעיאָגט געוואָרן;

„די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אף ייִדיש", מינסק 1936. אויך דער דאָזיקער ז"ב, מיט גאָר אינטערעסאַנטע און וואָגיקע מאַטעריאַלן איז גענומען געוואָרן אויפֿן „אינדעקס".

א. קירזשניץ — 4 בענד פֿון דער כרעסטאָמאַטיע צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג „דער ייִדישער אַרבעטער", האָבן געטיילט דעם זעל־ביקן גורל, צוזאַמען מיטן מחבר.

לאָמיר לסוף דערמאָנען די סאָוויעטישע אויסגאַבע אין רוסיש: נ. א. בוכ־בינדער „די געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד", וואָס איז נאָכדעם איבערגעזעצט געוואָרן אין ייִדיש און דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1931.

און נאָך אַלעמען זענען די דאָזיקע פּובליקאַציעס וויט נישט אַלץ. — נאָך מער מאַטעריאַל, און טאַקע מעמואַריסטישער, איז צעזייט און צעשפּרייט אין טויזנטער אַרטיקלען אין אַ סך הונדערטער אויסגאַבעס. אָפּגערעדט פֿון די קאַ־פּיטלען אין „אונדזער צייט" (סיי פֿון פּוילן, וואָס איז דערשינען ביז 1939, סיי דעם ניו־יאָרקער), אין „צוקונפֿט", אין „וועקער", אין די פֿאַרשידענע אַרבעטער־רינג און לאַנדסמאַנשאַפֿט־אויסגאַבעס (אין דעם גרויסן זאַמלבוך „ווילנע" און אין נישט ווייניקער גרויסן „טויזנט יאָר פּינסק"). אין די בונדישע אויסגאַבעס — אין פּוילן, ליטע, רומעניע, פֿראַנקרייך, געווען אַ שלל מיט מעמואַרן, וואָס איז שוין כמעט ווי פֿאַרלוירן פֿאַר דער פֿאָרשונג.

**
*

ווערט מען דאָ פֿרעגן:

— אויב אַזוי, אויב דער מאַטעריאַל (און טאַקע מעמואַריסטישער) איז פֿון אַזאַ שפֿע, וואָס קאָן שוין אונדז עמעץ מחדש זיין? וואָס איז טאַקע דער מער מיט חבר ל. בערנשטיינס „ערשטע שפּראָצונגען"?

און דאָ קומען מיר צו די קאַפּיטלען וואָס דער חבר לייב, לעאָן, לעאָנקאָ אָדער „טאָדרעס" האָט אַרויסגעבראַכט.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז חוץ אַלע מעלות וואָס די מעמואַריסטיק האָט לגבי די „עכטע" דאָקומענטן, איז דער פֿאַקט, וואָס זי איז טאַקע מחדש. אַ דאָקומענט קען מען לערנען פּשט אין אים אַזוי אָדער אַנדערש, פֿאַרלאַנגט אַמאָל אַן אויסטייטש אַן אַריינטייטש, אַ קאָמענטאַר, וואָס זאָל אים אויפֿקלערן. אָבער ווייטער פֿון דער דאָזיקער מעגלעכער גרענעץ קאָן מען נישט גיין. מיט זכרונות איז עס גאָר אַנדערש — עס זענען פֿאַראַן חידושים, און גאָר ווערטיקע.

צי דאַרף מען עס צושרייבן דעם גוטן זכרון (נישט נאָר פֿון נעמען, נאָר אויך פֿון דער סיטואַציע) פֿון חבר ל. בערנשטיין, אָדער זיין וווּנדערלעכע אָבסערוואַציע־פֿעיִקייט, וואָס ער האָט געמאַכט לעבעדיק אַ תקופה פֿון פֿאַר 60 יאָר — נישט

אַזוי פיל די תקופה ווי די מענטשן, וואָס די תקופה האָט זיי אַרויסגעבראַכט און זיי געמאַכט פאַר „מענטשן", וואָס האָבן געשטאַלטיקט די תקופה, איר געפּאָרעמט.

ווי עס זאָל נישט זיין — דער היסטאָריקער, פון פאַקטן און יחידים, באַקומט אין די „ערשטע שפּרצונגען" אָן אַ שיעור נייעסן, וואָס דערגאַנצן דאָס בילד הין פון דער צייט, פון יענע געראַנגלען, פון די אויפגעקומענע אידעען און אירע טרעגערס.

און דאָס וויכטיקסטע פון דעם בוך איז, וואָס כמעט פון ערשטן בלעטל ביז דעם לעצטן (חוץ אין דער אַנקעטע פאַר אַרכיוו פון „בונד") איז כמעט נישט פאַראַן דער איך.

איך קאָן אָן אַ שיעור פון זכרונות־ביכער. טייל זייער וויכטיקע פאַרלירן צוליב דעם פּערזענלעכן איך־טאָן, וואָס זיי פאַרמאָגן. ביי ל. בערנשטיינען איז כמעט נישטאָ זיין אייגן לעבן. דער הויפּט־מאָטיוו, דער הויפּט־העלד זענען די שפּראָצונגען און דאָס איז דער גרעסטער פאַרדינסט פון דעם נייעם גאָר וויכטיקן צושטייער צו אונדזער מעמואַריסטיק.

דער מחבר, דער בוך און צוזאַמען מיט זיי די באַוועגונג — דער דאָזיקער דריילינג, האָבן מיט די שפּראָצונגען, יעדער פאַר זיך, באַקומען אַ תיקון.

וואָלטן מיר געווען פּאַטאַליסטן וואָלטן מיר נאָך צוגעגעבן — אַ גרויסע זכיה איז געשען — וואָס דאָס בוך דערשיינט ווי אַ מתנה צום 60סטן יובל פון די שפּראָצונגען.

***

אין דער הקדמה איז שוין אונטערגעשטראָכן, אַז עס קאָן זיין, אַז אין ח' לעאָנס זכרונות זאָלן זיך אַריינכאַפּן געוויסע אָפּווייכונגען לגבי דאַטעס און פּערזאָנען. פון דעסטוועגן האָט די רעדאַקציע געהאַלטן פאַר ריכטיק צו מאַכן אין אַ ריי ערטער באַמערקונגען אָדער דערגענצונגען. דאָס, מיינען מיר, האָט נישט געמינערט — אדרבא, דאָס האָט דאָס אַלגעמיינע בילד דערגאַנצט.

זוכצעטל פון פערזאָנען און ערטער

א.

„אברהם דער בערשטער" — זע: אַלעקסאַנ־דריסקי אברהם (וואָלף).
אַבראַמאָוויטש, רפאל — 17.
„אברהם דער רעזטשיק" — זע: גאָרדאָן, אברהם.
אורטשיק, דער בערשטער — 98, 102.
אַזעף — 186, א"ו.
„איגאָר" — זע: גאָלדמאַן באָריס.
איוואַנטשין — 201.
אַלטער, דער בערשטער — 77 א"ו, 113, 122 א"ו.
א. ליטוואַק — זע: העלפאַנד חיים־יאַנקל.
„אַלעקסאַנדער" — זע: קרעמער אַלעקסאַנ־דער.
אַלעקסאַנדריסקי, אברהם (וואָלף) — 9, 91 א"ו, 113, 122.
אַמסטערדאַם (אברהם) — 57, 109.
„אַרקאַדי" — זע: קרעמער אַלעקסאַנדער.

ב.

באַקיי — 191 א"ו.
באַרישניק, אַנאַ — 199.
באַרעל, יאַנקל — 7.
באַרעל, רחל — 7.
בורצעוו, וולאַדימיר — 12, 188 א"ו.
ביילין, גרישאַ — 151, 159.
בערנשטיין, הירש — 7.

ג.

גאַזשאַנסקי (שמואל) — 30, א"ו, 139.
גאָלדמאַן, אָלגאַ — 162.
גאָלדמאַן, באָריס — 162.
גאָלדמאַן, יוליא — 162.
גאָלדמאַן, לעאָן — 123, 149, 161 א"ו.
גאָלדמאַן, מיכאיל — 10, 162.
גאָרדאָן, אברהם („רעזשטשיק") — 12, 151 א"ו.
„גאָריעוו" — זע: גאָלדמאַן באָריס.
גינזבורג מערעלע — 167.
גינזבורג סאָפיאַ — 81.
„גלעב" — זע: מוטניק אברהם.
געלפאַנד־דרוסקין, יעלענע — 65.
גערשאָווסקי, ראובן — 66.
גרישע דער סטאָלער — זע: סאָראָקע גרי־שע.
גרישע, דער זאַגאָטאָוושטשיק — זע: ביילין גרישאַ.

ד.

דושקאַן, מאָיסיי — 129 א"ו.
דזשערדזשינסקי, פעליקס — 84 א"ו.
דיקשטיין — 28.

ה.

הורוויטש צביה — 26, 67, 113, 122 א"ו, 143, א"ו.
העלפאַנד, חיים־יאַנקל — 129.
העלפמאַן, העסיע — 63, 81.

וו.

וואָלפאָוויטש — 205.
וואָלק, צילע — 26.
ווייטער, א. — 10.
ווילטער, מאַרק — 10.
ווילטער, נאָום — 202 א"ו.
ווילטער, שפרה — 10.

ווילנער, מגיד — 30.
„וולאַדימיר״ — זע: קאַסאַוואָסקי.
וורטשעוויטש, אַנטיסעמיט — 197.

ז.

זובאַטאָוו — 58, 100, 110, 183 א״ו, 201, 207.
זאַלקינד, אַלבערט — 71.
זאַלקינד, ראָזע — זע: נאַדעל ראָזע
זאַסוליטש, וועראַ — 63.
זאַק, רחל — 29.
זלמן, דער אײַנבינדער — 117 א״ו.
זלמן, דער קעסטל־מאַכער — 67, 129 א״ו.
זעלדאָוו, טייבעטשקע — 10, 122.
זעלדאָוו, סערגיי — 10, 111 א״ו, 121, 122, א״ו.
זשאַלודסקי, מערע — 26, 67, 113, 122, 143 א״ו.
זשאַרעס — 209.
זשעליאַבאָוו — 63, 135.

ט.

„טאַדרעס״ (פסעוודאָנים פון ל. בערנשטיין) — 8, 84.
טאַטאַראָוו — 186.
טאַסין, נ. — זע: קאַגאַן.
„טאַראַס — זע: קאַץ דוד.
„טימאַפיי״ — זע: קאַפעלזאָן צמח.
טרוסעוויטש — 57.
טשעריקאָווער, א. — 31.

י.

יאַבלאַטשניק — 67.
„יאַקאָוו״ — זע: גערשאַוואָסקי ראובן.

ל.

„לאַנגזאַם״ — זע: קאַפלינסקי ישראל־מיכל.
לוקסעמבורג, ראָזע — 209.
„ליבער״ — זע: גאָלדמאַן מיכאל.
ליזע, די שניידערקע — 10, 26, 77 א״ו. 93, 102, 113, 121 א״ו, 125.
לייפער, סטירל — 29.
ליפשיץ, גוסטאַ — 37 א״ו.
ליפשיץ, כאַנע — 37 א״ו.
ליפשיץ, נחום — 163.
„לנר״ — זע: גאָזשאַנסקי שמואל.
לעווין־רעזניק, פאַניע — 65.
לענין — 73 א״ו, 170.
לעקערט, הערש — 29.

מ.

מאַטיס — זע: רובינשטיין אַננע.
מאַטקע, דער גאַרבער — 27 א״ו.
מאַיסיי, דער אײַנבינדער — זע: דושקאַן מאַיסיי.
מאַקאָוויי — 196, 199, א״ו.
מאַרטאָוו־צעדערבוים — 31, 68, 133, 164, 170.
מוטניק (אברהם) — 10, 58, 108, 169 177.
מייזל, מאַטל — 66.
„מיכאיל״ (פסעוודאָנים פון כאַנע ליפשיץ).
מיכאַילאָוו — 135.
מיכאַלעוויטש, ב. — 12, 122 א״ו, 125.
מילל, דזשאָן — 97, 111, 127, 149.
מירטאָור־לאַווראָוו — 42.
מעטשניקאָוו — 193.

נ.

נאַדעל, מאַקס — 8, 10, 61 א״ו.
נאַדעל, ראָזע — 10, 71 א״ו.
נאָוואָגרודזקי, עמנואל — 11, 18.
„נח״ — זע: פאַרטנאַי.
„ניעמאַנסקי״ — זע: זעלדאָוו סערגיי.

ס.

סאַראַקע, גרישע — 109, 176.
סטעפּניאַק־קראַווטשינסקי — 62.
סעגאַל, שיינע־רייזל — 123.

ע.

עדלשטיין, טאַבאַק־פאַבריק — 30, 31.

פּ.

פּאַטרעסאָוו — 170.
פּאַרטנאַי — „נח״, „יוזעף״ — 16, 17, 79, 85.
פּייקעס, מיראַן — 57, 109.

פלעכאנאװ (געארגי) — 43, 62, 63, 169, א״װ.
פעראװסקאיא, סאפיע — 63, 81, 135.

פ.

פעדער, יחיאל — 123.
פראנקפורטער, מיכל — 163.

צ.

צביה, די הענטשקע־מאכערין — זע: הורװיטש צביה.

ק.

קאגאן — 202 א״װ.
קאסאװסקי, װלאדימיר — 10, 58, 74, 108, 110, 169, 177, 207.
קאפלינסקי, ישראל־מיכל — 12, 108, 173, א״װ.
קאפעלזאן (צמח) — 10, 111, 127, 177, 202.
קאץ, דוד — 10, 58, 67, 107 א״װ, 147, 168.
קורסקי, פראנץ — 10, 105.
קליס, צילע — 57, 109, 139.
קריטשעװסקי — 169 א״װ, 205.
קרעמער, אלעקסאנדער — 10, 13, 14, 49 א״װ, 74, 108, 110, 114, 133, 145, 156, 158, 164, 169, 177, 195 א״װ.
קרעמער, פאטי — 10, 123.

ר.

ראבקין, איסר — 205.
ראבקין, ע. — 12, 17.
ראזנבערג, איליא — 207.
רובינשטײן, אננע סעמיאנאװנע — 195.
רײטשוק, עליע — 29.
רײכענשטײן — 202.
רעזניק, עקיבא — 65.

ש.

שטײנבערג — 115.
שמואל, דער שװארצער — 123.

ע ר ט ע ר :

ביאליסטאק — 110, 113, 122 א״װ, 149.
בערלין — 202.
בערן — 207, 217.
בריסק — 65.
דװינסק — 113, 122, 128, 208.
װארשע — 110, 113, 123, 128, 147 א״װ, 167, 170.
װיטעבסק — 113.
װילנע — 7, 8, 30, 31, 33, 34, 35, 41, 43, 49, 57, 66, 67, 68, 70, 77, 80, 85, 109, 133, 141, 147, 151 א״װ, 162 א״װ, 167, 170, 174 א״װ, 199.
װילקאװישקי — 91, 101.
װערזשבאלאװע — 91.
זשעגעװ — 8, 58, 59, 65, 73, 190, 195, 199 א״װ.
לאדזש — 113, 122, 128.
לאנדאן — 60, 73, 75, 204 א״װ, 207 א״װ, 217.
ליאן (פראנקרײך): 7, 8, 204.
לעמבערג — 31.
לענינגראד — 65, 68, 69, 70, 141.
מינסק — 58, 110, 183.
ניזשני־נאװאגראד — 167 א״װ.
פאניעװיעזש — 91.
פאריז — 7, 8, 13, 31, 58, 59, 60, 73, 168, 171, 202 א״װ.
פעטערבורג — זע: לענינגראד.
קאװנע: 7, 8, 26, 33, 34, 41, 58, 69, 70, 17, 85, 91, 93, 101, 107 א״װ, 113 א״װ, 123, 173.
קישינעװ — 167, 170.
קאלװאריע — 101.

אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
אַלבום־פאָרמאַט, געצייכנט פון קינסטלער משה פייגענבלום.
2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)
3) י. י. טרונק — כעלעמער חכמים (אויספאַרקויפט)
4) שלמה סיימאָן — אַמאַליקע יידן (אויספאַרקויפט)
5) פראָפ. ליבמאַן הערש — אויף דער גרעניץ פון צייטן
6) יצחק פערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד
7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)
8) ש. סיימאָן — תוך־יידישקייט
9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער
פּרעמירט געוואָרן דורך דעם פאָנד פאַר יידישע ליטעראַטור
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.
10) אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן
פּרעמירט געוואָרן דורך דער מ. סטאָלאַר־פּרעמיע
פון „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס.
11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען
12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקויפט)
13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע (2 טיילן)
14) יצחק פערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן)
15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק
16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן.
17) יעקב פּאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)
18) שלמה סיימאָן — וואָרצלען
19) משה דלוזשנאָווסקי — „האַרבסט אין ווייַנגאָרטן"
(דערציילונגען און דראַמעס)
20) מנחם באָריישאָ — עסייען.
21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען

אין דרוק:

משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן
פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך

אין צוגרייטונג:

דוד איגנאַטאָוו — דערציילונגען
מרדכי וו. בערנשטיין — ביים סוף פון 1000 יאָר אשכנז

LEON BERNSTEIN

EARLY SPROUTS

★

"IDBUJ"
BUENOS AIRES
1956

LEON BERNSTEIN

PRIMEROS BROTES

★

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina

Buenos Aires — 1956